STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04609

PARTIZANISHE VEGN

Mikhail Lev

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Hershel & Lois Sandberg
in memory of
Jacob & Rebecca Sandberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. לעוו

פארטיזאנישע וועגן

אָגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס״ מאָסקווע 1948

Обложка худ. *М. Ю*

Редактор *Б. Котик.* Техред. *Ф. Фрумкина.*

В—00203. Подписано к печати 15/I-48 г. Печ. листов 14,5. Учетно-издат. 10,37.
Формат бум. 84х108/32. Тир 5.000 экз. Зак. 163. Ц. 6. р.

Типография Госиздательства „Дер Эмес", Москва, Старопанский пер., 1.

Montreal
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

ליבע ווײַסרוסישע וועלדער. יאָרנ זײַנענ שוינ אַוועק, זינט איכ האָב זיכ צעשיידט מיט אײַכ, נאָר ווי פונ א נעפּל שוועבט איר ווי־דער אונ ווידער ארויס פאר מײַנע אויגנ. איכ זע ווײַס־שטאַמיקע בעריאָזעס אונ גרינ־פאַרוואַקסענע זומפּנ, איכ שפּיר דעם גערוכ פונ שוואָמענ אונ פאַרשפּעטיקטע פּאָזעמקעס. עס פאַרטראָגט מיכ צו באַקאַנטע דערפער, יִשוּוִים, כוטאָרס, ווו יעדע שטוב, יעדער באַרג אונ קוסט דערמאָנענ מיר אינ טעג פאַרגאַנגענע, אינ שלאַכטנ גרויסע אונ קליינע, אינ לאַנגע, ווינטערדיקע נעכט בא א שײַטער, אינ מענטשנ, וואָס האָבנ ביזנ לעצטנ טראָפּנ בלוט געקעמפט פאַרנ גליק פונ פאָלק אונ אַפ יעדנ טראָט נעקאָמע גענומענ פונעם פײַנט אונ גע־צוווּנגענ אים ווי א כײַע זיכ האַלטנ בא זײַנ נאָרע.

שוינ פונ לאַנג זײַנענ פאַרוואַקסנ די וועגנ, די שמאָלע פּאַרטיזאַ־נישע סטעזשקעלעכ, נאָר אינ מײַנ זיקאָרנ בלײַבט דאָ אַלצ, ווי אינ יענע יאָרנ, וואָס וועלנ קיינמאָל ניט פאַרגעסנ ווערנ.

איבערחזרנדיק אַלצ, וואָס איז געווענ פריער, ברענגענ מיכ מײַנע אויפגעוואַכטע זיכרוינעס צו די כונאַוועער כוטאָרנ, ווו עס קרייצנ זיכ איבער פיר פאַרשיידענע וועגנ. דאָ ערגעצ ניט ווײַט איז פאַראַנ א קליינ פאַרוואַקסנ בערגל מיט א ברעטל צוקאָפּנס. אַפנ ברעטל דאַרפ זײַנ אַנ אויפשריפט, וואָס איז עפּשער נאָכ ניט אינגאַנצנ פאַרווישט געוואָרנ: „דאָ איז באַגראָבנ דער פאָלקס-נעקאָמע-נעמער באָרים גאָל־מאַנ, וואָס איז העלדיש אומגעקומענ אינ קאַמפ קעגנ די דײַטשישע אָקופּאַנטנ".

פיר וועגנ, אונ יעדערער פונ זיי איז מיר אַלציינס באַקאַנט אונ פירט צו היימישע דערפער, צו אַלטע פרײַנט, וואָס האָבנ געטיילט מיט אונדז דעם לעצטנ עמער בולבע, א לעפל זאַלצ, א ציגנײַער פונ

25280

מאכארקע, געמישט מיט קארע. איכ פארקערעווע ליינקס אינ האראָ־
דעצער וואלד, צום בריקל, ווו איכ האב צום ערשטנ מאל פאר דריי
מילכאמע־יארנ ניט פונ שרעק פאר א פיינטלעכער קויל אונ ניט פונ
מידקייט, נאר פונ פרייד צוגעדריקט זיכ מיט די פיבערדיקע ליפנ צו
דער פייכטער ערד אונ שטיל ארויסגעפליסטערט:

— געבענטשט זיי, ערד, געבענטשט זיי.

דאס איז דאס ארט, ווו מיר האבנ באגעגנט די ערשטע רויט־
ארמייִשע אויסשפירער.

אָנהייב וועג

1

מיט זייטיקע וועגנ, דורכ וועלדער אונ זומפנ איז געגאנגענ פונ מיזרעוו אפ מיזרעכ א גרופע קאמאנדירנ אונ רויטארמייער. זיי האט געפירט א קלייניוואקסיקער, פעסט געבויטער ארטילעריסט, א לייטע-נאנט. נאכ איז וועגנ אים געווענ באוווסט, אז ער איז אנ ארטיקער אונ וויסט אויסגעבונדנ די גאנצע געגנט, אז די פאמיליע זיינע איז סווירִיד אונ דער נאמענ סטעפאנ.

זיי האבנ געצילט צו דער פראנט-ליניע.

שווער איז געווענ אויסמיידנ א באגעגעניש מיטנ סוינע. פינפ טעג האט זיכ עס דער גרופע איינגעגעבנ, אפנ זעקסטנ האט זי אנגע-טראפנ אפ א דייטשישער קאלאנע. דאס, וואס איז דערנאכ פארגעקו-מענ, קאנ מענ אפילע פאר קיינ שלאכט ניט האלטנ.

דער דייטשישער אפיצער האט באפוילנ אוועקלייגנ דאס געווער.

סווירִיד האט באפוילנ: — פייער!

פיר רויטארמייער זיינענ אומגעקומענ. וויפל מע האט דייטשנ גע-הארגעט, איז קיינ צייט ניט געווענ צו ציילנ.

אפ מארגנ האט די גרופע געפרווט דורכרייסנ זיכ אינ אנ אנ-דער ארט. אויכ דאס מאל האט זיכ עס איר ניט איינגעגעבנ. וואס טוט מענ איצט?—האבנ זיכ פארזארגטע אויגנ געווענדט צומ קאמאנדיר:

— א ציל האבנ מיר איינעמ, נאר וועגנ זיינענ פאראנ א סאכ. ווו קיינ ווזוואד וועט ניט דורכגיינ, וועלנ צווייענ אדער דרייענ זיכ קע-נענ דורכשמוגלענ. ווער — רעכטס, ווער — לינקס, אבער אלע — צומ פראנט.

צו זיכ אינ דאָרפ איז סווירידּ ניט אַרײַנ. ניט אינ אַזאַ מינוט קאָנ מענ זיכ באַווײַזנ פאַר אייגענע מענטשנ.

ווײַסרוסלאַנד איז שוינ פאַרבליבנ העט פונ הינטנ. ווידער האָט די ערד געציטערט פונ אופרײַסנ, ווידער האָבנ פײַער-צונגענ אינ די נעכט דעמ הימל געלעקט. די פראָנט-ליניע איז שוינ נאָענט. ווער רעכנט זיכ מיט דעמ, וואָס די קויכעס גייענ אויס, ווענ צו אונדזעריקע איז שוינ קימאַט מיט דער האַנט צו דערלאַנגענ? אונ סווירידּ וואָלט זיכער דערגרייכט זײַנ ציל, ווענ ניט אַ צופעליקע באַגעגעניש באַ אַ שײַטער אינ וואַלד.

— וווּהינ? — האָט דער, וואָס איז געזעסנ באַמ שײַטער, געפרעגט.

— פאָרויס. אונ דו?

— צוריק.

— פאַרוואָס?

— אַזאַ איז דער באַפעל, אַט זע...

סווירידּ האָט לאַנג געהאַלטנ אינ האַנט אַ פאַרגעלט בלעטל.

— נאָכ דעמ 3-טנ יול איז עס געווענ? אונ מיר האָבנ גאָרניט געוווּסט. אַ שאָד!

...אָנגעקומענ צו זיכ אַהיימ איז ער באַנאַכט. אַ פּאָר מינוט געשטאַנענ באַ דער פאַרשפּאַרטער טיר, דערנאָכ אַוועק צומ שאָכנ אַנטקעגנ. גאַנצפרי האָט שוינ אַ דאָרפ מיט מענטשנ געוווּסט, אַז סטעפאַנ, איוואַנ סווירידס זונ, איז געקומענ צוריק אַ גאַנצער אונ אַ געזונטער.

באַטאָג האָבנ זיכ די פּויערימ געהאַלטנ וואָס ווײַטער פונ די הײַזער, וואָס נעענטער צומ וואַלד. אינ אָוונט איז מענ געקומענ צומ גאַסט אַ קוק טאָנ, ווי זעט ער עפּעס אויס, דערהווּסנ זיכ נײַעס. נאָר סטעפאַנ איז שוינ ניט געווענ. ער איז אַוועק אינ שכייניסדיקנ דאָרפ געוואויר ווערנ זײַנע פרײַנט.

איצט זיצט ער אונ נאָכ עטלעכע מענטשנ באַ דעמ אַלטנ פליטנ-טרײַבער פונ פאַדרעטשיע, באַ איגנאַט איוואַנאָוויטש געראַסימאָוויטש. אַפנ טיש — אַ פלאַש בראַנפנ, לעבנ יעדערנ — צו זעקס קאָרטנ. אויב עמעצער וועט אַרײַנקומענ, הייסט עס, אַז מע שפּילט אינ קאָרטנ: סווי-ריד — מיט געראַסימ לעאָנטיעוויטש קאַמאַרנ; דער אַלטער געראַסי-

מאָוויטש, וואָס לאָזט ניט אַרויס זײַן ציבעק פון מויל, מיט אַנדריי פּעטרושען. אַנדריי האָט זיך אויך ערשט ניט לאַנג אומגעקערט אַהיים. ער איז קראַנק, האַלט אין איין הוסטן.

אינעם צווייטן צימער געפינט זיך די באַלעבאָסטע פון שטוב, איגנאַטיכע, איר טאָכטער ליזע און זייערע אַ באַקאַנטע — אַ ייִדיש מיידל פון שטאָט.

אַזוי איינס אָוונט נאָכן צווייטן. די קאָמפּאַניע פאַרגרעסערט זיך. עס קומט וואַסילי — אַ יונגער לייטענאַנט, וויאַזעלשטשיקאָוו — אַ בלאָנדער שיינער באָכער, וועמען די מילכאָמע האָט פון בײַוואָלגע אַהער פאַרוואָרפן; יעווסטאַט אַקושעוויטש, אַ לערער פון קאָזוליטשי; יעמעליאַן — איגנאַטס יינגערער ברודער.

אין טעג אַרום, ווען וועגן אַלץ איז שוין אָפּגערעדט, דערגייט די ריי צו דער פלאַש מיט בראָנפן, וואָס ווער ווייסט, צום וויפלטן מאָל מע ברענגט זי און מע טראָגט זי אַוועק אַ פולע. היינט מעג מען אויסטרינקען. גערסים לעאָנטיעוויטש קאָמאַר הייבט אויף זײַן גלאָז:

— איז גענומען זיך, כאַווײרים!

אַלס קאָמאַנדיר פון קומענדיקן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן סווירידע. די חריינגענדיקסטע אויפגאַבן זײַנען געווען: זיך פאַרבינדן מיט די פּאַרטיזאַנער פון די שכיינעסדיקע ראַיאָנען, צונויפֿקלײַבן מענטשן און קריגן געווער. נאָך ביז דעם האָט איגנאַט איוואַנאָוויטש, אַן אַלטער פּאַרטיזאַנער נאָך פון די יאָרן פון בירגערקריג, באַוויזן אויפֿקלײַבן און אויסבאַהאַלטן היפּשע עטלעכע ביקסן, קוילנוואַרפער, און אַפילע אַ האַרמאַט.

דער צוגרייט־פּעריאָד האָט זיך פאַרענדיקט. דעם 8־טן אַפּרעל 1942 יאָר איז דער אָטריאַד אַרויס אין אָפענעם קאַמף קעגן די דײַטשישע אָקופּאַנטן.

פון די אַרומיקע שטעט און דערפער האָבן זיך גענומען צונויפקלײַבן אַהער אַרטיקע פּאַרטיייִשע און סאָוועטישע טוער, קריגסגעפאַנגענע, וועמען עס איז געלונגען זיך אַרויסרײַסן פון די דײַטשישע לאַגערן, אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, אָנגעשטעלטע. זיי אַלע האָבן איבערגעטראָגן זייער וויג־אָרט אין וואַלד און זיך גענומען פאַר געווער.

2

מיר אונ נאָכ א כאַווער פונ שטאַט האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו באַקענענ זיכ מיט דער פאַרבינדלערנ פונ דעמ דאָזיקנ פּאַרטיזאַנישנ אָטריאַד — מיט דער קאָמיוגיסטקע קסעניא גאָלוביאָווא. עס זײַנענ אװעק געציילטע עטלעכע טעג, אונ בא מיר איז קעשענע איז שוינ געלעגנ א בריוו פונ די פּאַרטיזאַנער; אונ אינ א וואָכ ארומ, זונטיק, האָט אינ בײַשטאָטישנ דאָרפּ נאָזאַראָװקע געוואַרט אפ אונדז א שאָליעכ, קסעניעס ברודער, דער צוועלפיאָריקער מיטיא גאָלוביאָוו.

אונדזער ציל איז געוועג — זיכ דערקלײַבנ ביזנ דאָרפ וועליקאיא סטארינא. דאָ האָבנ מיר זיכ באַדאַרפּט באַגעגענענ מיטנ קאָמאַנדיר פונ פּאַרטיזאַנישנ אָטריאַד. אונדזער וועגווײַזער האָט אונדז איבערגעלאָזט באַמ ראַנד פונ וואַלד אונ איז אליינ אװעק זיכ דערװיסנ, וואָס אינ דאָרפּ טוט זיכ.

מיר זײַנענ געוועג מיד אונ הונגעריק. ס'איז געוועג נאָס אונ קאַלט. מינוטנ האָבנ זיכ געצויגנ, ווי שאָענ. ענדלעכ האָט אינ איינעמ פונ די הײַזער אופגעלויכטנ א פּײַערל. מיר האָבנ לײַכטער אָפּגעאָטעמט. דאָס איז געוועג א סיגנאַל — אינ דאָרפּ איז רויק.

אינ שטוב האָט אונדז באַגעגנט א הויכע אונ שלאַנקע פויערטע. זי האָט אונדז ארומגענומענ, צעקושט זיכ מיט אונדז, פּונקט ווי מיר זאָלנ זײַנ אירע אייגענע קינדער. איכ האָב ניט געוווסט, וויאזוי איכ זאָל איר אויסדריקנ מײַנ דאַנקבאַרקײַט פאַר דעמ, וואָס איר יינגל האָט, ריזיקירנדיק מיט זײַנ לעבנ, אונדז געבראַכט אהער.

עס איז נאָכ געוועג העכער א שאָ ביז באַגינענ, אונ מיר האָבנ זיכ צוגעלייגט אָפּרוענ. מיטיעס שוועסטער, מאַניא, עלטער פונ אימ מיט א יאָר צוויי, איז ארוים אינ גאָס האַלטנ וואַכ. איכ בינ אנדרעמלט געוואָרנ.

די טיר האָט זיכ געעפנט, אונ נאָכנ שוועלנ, האַרטנ טראָט פונעמ אַרײַנגעקומענעמ האָב איכ זיכ אָנגעשטויסנ — דאָס איז א מאַנצבל אונ דערצו א מיליטערמאַנ. איכ האָב זיכ שנעל אופגעהויבנ: דער קאָמאַנדיר?

דער אַרײַנגעקומענער איז געשטאַנענ לעבנ טיש אונ געקוקט אפ מיר. א בלאָנדער פעסטער יונג פונ א יאָר פינפ אונ צוואַנציק אינ א

דײַטשישנ שינעל אונ אינ א רויטאַרמייִש היטל. אַנשטאָט א שטערנדל — א רויט לײַוונטל. איך האָב קיינמאָל בא קיינעם ניט געזענ אַזױפיל רימענס איבער די אַקסלענ. קיינ ביקס האָב איך בא אים ניט באַמערקט, נאָר אונטערגעגאַרטלט איז ער געווענ מיט א דײַטשישער קוילנוואַרפער־לענטע, אָנגעפילט מיט קוילנ. אַפ איינ זײַט — א שווערד, אַפ דער צווייטער — צוויי גראַנאַטעס. זײַנ בליק — א קאַלטער אונ שטרענגער. איך האָב אים פעסט געדריקט די האַנט. אָט איז זי, די ערשטע באַגעגעניש, וועגנ וועלכער איך האָב אַזוי געטרוימט.

העכער א שאָ האָט ער געהאַלטנ אינ איינ אױספרעגנ, ווער מיר זײַנענ, וויאַזוי מיר האָבנ זיך דערקליבנ אַהער, פאַרוואָס מיר האָבנ זיך געלאָזט אינ דעם ראַיאָנ אונ ניט אינ קיינ אַנדערנ. עס איז אַרײַנגעקומענ די באַלעבאָסטע, איבערגעריסנ אונדזער געשפּרעך אונ געזאָגט, אַז שמועסנ וועלנ מיר נאָכ באַווײַזנ; איצט זאָלנ מיר זיך מאַטרעב זײַנ אונ גייִנ אינ באָד אַרײַנ, וואָס געפינט זיך טאַקע דאָ, בא איר אינ הויפ.

דער פּאַרטיזאַנ איז אַוועקגעגאַנגענ אונ צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך נאָכ אַרײַנכאַפּנ נאָכ פרישטיק, וועלנ מיר פאַרזעצנ דאָס געשפּרעך.

— ער איז אַנ אָנגעזעענער קאָמאַנדיר? — איז געווענ מײַנ ערשטע פראַגע, ווי נאָר ער איז אַרױס.

— ווער, ער? — האָט זיך מיטיא צעלאַכט. — דאָס איז פעדיא, פעדיא קראַווטשענקאָ, אַנ אױסשפּירער. אָט וועט קומענ אונדזער קאָמאַנדיר, וועט איר זענ, וואָס פאַר א מענטש דאָס איז.

אויכ די מאַמע זײַנע האָט באַשטעטיקט:

— יאָ, אונדזער קאָמאַנדיר האָט עפּעס די ווערט.

אינ מעשעכ פונ טאָג זײַנענ צו אונדז אַרײַנגעקומענ א מאַנ צוואַנציק, יונגע אונ אַלטע, מיט ביקסנ: רוסישע, דײַטשישע, פראַנצויזישע אונ אַזעלכע, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געזענ. די קאָמאַנדירנ האָבנ קיינ באַזונדערע צייכנס ניט געטראָגנ, אונ איך האָב דעריבער ניט געקאָנט וויסנ, צי עס שמועסט מיט אונדז דער קאָמאַנדיר, מיט וועלכנ מיר האָבנ געדאַרפט זיך באַגעגענענ, צי עמעצער אַנדערש. א סאַכ זײַנענ געווענ אָנגעטאָנ אינ דײַטשישע אוניפאָרמענ. איינער האָט געטראָגנ א נײַנקע מונדיר פונ א דײַטשישנ אָבערלייטענאַנט. מיט

אימ איז געקומענ א קורצוווקסיקער, ברייטפּלייציקער באָכער. ער האָט זיכ מיט אונדז פריינטלעכ באגריסט אונ זיכ גלייכ פאָרגעשטעלט:

— קאָסטיא דאנילינ. מע האָט אייכ שוינ מיסטאמ דערציילט, אז איכ בינ אנ ארטיסט. נאָר דאָס איז ניט עמעס. כ'האָב גאָר א דיפּלאָמ, אז איכ האָב פאַרענדיקט קורסקער מעדיצינישנ טעכניקומ. נאָר דאָס האָב איכ אייכ פאַרטרויט א גרויסנ סאָד. גאָט זאָל היטנ, אונדזער קאָמיסאר זאָל זיכ דערוויסנ, אז איכ בינ א מעדיקער.

וועגנ קאָסטיענ האָבנ מיר שוינ געהערט. דאָס איז געווענ דער ליבלינג פונעמ אָטריאַד.

ער האָט אונדז געזאָגט, אז מיר זאָלנ ניט לייגנ קיינ באזונדער אכט, וואָס יעדער איינער פרעגט אונדז אזוי אויס.

— ווער איר זייט, ווייסנ מיר נאָכ ניט. דאָ האָט איר געהאט צו טאָנ קימאט דורכוים מיט אויסשפּירער, דערצו נאָכ אָנפאנגער. אופגעטאָנ האָבנ זיי נאָכ קנאפּ־וואָס, אונ יעדנ ווילט זיכ אנטדעקנ אמעריקע. איכ בינ א מענטש אנ אופריכטיקער, וועל איכ אייכ זאָגנ, אז ווענ איכ וויים, אז איר וועט מיר ענטפערנ דעמ עמעס, וואָלט איכ אייכ אויכ געשטעלט א פראגע: איר זייט געקומענ צו אונדז ווי פריינט צי ווי פיינט? נאָר אויב איר ווילט, מעגט איר מיר ניט ענטפערנ. איר פארשטייט?

יאָ, פונ זיינע רייד, האלב ערנסטע, האלב שפּאסיקע, האָב איכ א סאכ פארשטאנענ. איכ האָב באשטימט ווערנ קארגער אפ די ענטפערס, ביז דער קאָמאנדיר וועט קומענ. מיר האָבנ אָפּגעגעסנ וועטשערע — קארטאָפל מיט מילכ — אונ זיכ געלייגט אָפּרוענ. נאָכ אזויפיל באדאָשימ וואלגערנ זיכ אפ נאסער ערד, צעמענט, הוילע ברעטער האָט זיכ געדאכט, אז קיינ ווייכערער געלעגער, ווי פרישע שטרוי, איז גאָר אפ דער וועלט ניט פאראנ. שלאָפנ האָט זיכ ניט געוואָלט. עס איז געווענ וועגנ וואָס צו טראכטנ.

פונ גאס האָבנ זיכ דערטראָגנ קלאנגענ פונ א הארמאָניק. מיידלעכ האָבנ פארצויגנ א ליד.

— היינט וועט זיינ בא אונדז פריילעכ, — האָט צו מיר געשעפּטשעט מיטיא, וואָס איז געלעגנ לעבנ מיר. — קאָסטיא וועט נעכטיקנ אינ דאָרפ. ווענ איר הערט, פעטערקע, ווי ער שפּילט אפ א הארמאָניק! איי, שפּילט ער! אונ א שטימ האָט ער, ווי אנ עמעסער ארטיסט. נאָר בעסער פונ אלצ טאנצט ער. אונדזער שכיינעס מיידל

פאשא קאָנ פונ אימ די אויגנ ניט אָפּרײַסנ. אַלע זײַנענ אינ אימ פאַר־ליבט, ער איז דער בעסטער אויסשפּירער אינ אָטריאַד. אָט אפילע אײַכ, וואָס איר זײַט דאָ דעמ ערשטנ טאָג, איז ער אויכ מער ווי אַלע איבעריקע געפעלנ, עמעס?

מיר איז געווענ גוט, גוט פונ דעמ באַוווסטזײַנ, אַז אינ א וועלכע פינפ אונ צוואַנציק קילאָמעטער פונ דער קרײַז־שטאָט באָברויסק, וואָס שוויבלט אונ גריבלט מיט פײַנטלעכ מיליטער, אינ דרײַ א האַלב קי־לאָמעטער פונ א דײַטשישנ גאַרניזאָנ, שפּילט דער יונגער פעלדשער אפ א האַרמאָניק, אונ מיידלעכ כאַפּנ אונטער:

ס'וועט אפ דויערעמ אייביק שײַנענ
העלער רומ פונ יענע טעג,
ווענ אָטריאַדנ פּאַרטיזאַנער
האָבנ אײַנגענומענ שטעט.

נאַכט. אײַנציקווײַז אונ גרופּעסווײַז לאָזנ זיכ פּאַרטיזאַנער אינ פאַרשיידענע ריכטונגענ. יעדערער האָט באַקומענ אַנ אויפגאַבע. שטרענג קלינגט די פראַגע:

— פּאַראָל?

קיינ ענטפער אָבער וועט איר אינ שטוב ניט דערהערנ. אימ זאָגט מענ אַרויס שטילערהייט.

אינ הויפ זײַנענ אַרײַנגעפאָרנ עטלעכע רײַטער, אינ א רעגע אַרומ האָט זיכ געעפנט די טיר, אונ עס זײַנענ אַרײַנגעקומענ דרײַ מענטשנ. די שײַנ פונ קעשענע־לאַמטערנ צווינגט מיכ פאַרזשמורענ די אויגנ.

— איר שלאָפט ניט?

— ניינ.

— לאָמיר זײַנ באַקאַנט. סטעפּא״ איוואַנאָוויטש. איכ אײַכ זע. אונ איר מיכ, דאַכט זיכ, ניט. אַזוי? וועל איכ זיכ אַליינ פאָרשטעלנ. א קליינינקער אונ א ביסל א קרומפּיסיקער. א פּאַרוואַקסענער אונ מיס־טאָמ א פאַרשטויבטער.

צוביסלעכ האָב איכ זיכ צוגעוווינט צו דער שײַנ. איכ קוק זיכ אײַנ. יאָ. ער איז גערעכט. ער איז א קליינוווקסיקער אונ פּאַרוואַקסע־נער. בא אימ איז א הויכער שטערנ, אויגנ, וואָס נעמענ דיכ דורכ אפ דורכ אונ דורכ. אינ דרויסנ איז קאַלט, ער איז אָבער אָנגעטאָנ אינ א זומערדיקנ מיליטערישנ רעגנ־מאַנטל.

— מיר וועלנ גלייכ א שמועס טאָנ אָדער פריִער איבערכאַפּנ עפּעס?

— כאַווער, — זאָג איכ אים, — מע האָט שוינ מיט מיר אַזוי־פיל געשמועסט, אַז איכ ווייס ניט וועגנ וואָס צו שמועסנ, אונ דערצו, אַנטשולדיקט מיכ, ווילט זיכ מיר מער גאָרניט דערציילנ, ביז דער קאָמאַנדיר וועט ניט קומענ.

ער קוקט זיכ אומ אפ יענע צוויי, וואָס שטייענ בא דער טיר, אונ מיט א שמייכל פרעגט ער:

— אפ וועלכנ קאָמאַנדיר וואַרט איר?

איכ הייב זיכ אָנ אָנשטויסנ.

— זייט איר עס סוויריד?

— איר האָט געטראָפנ.

איכ גיב זיכ א צי אויס, ווי אנ עכטער מיליטערמאַנ. ער לייגט ארויפ זיינ האַנט מיר אפנ אַקסל אונ זאָגט:

— פריינט מיינער, מע דאַרפ ניט. זאָל עמעצער פונ מיינע מענטשנ אָפּטאָנ א גוט שפּיצל דעמ פיינט, בינ איכ גרייט אימ אַוועקזעצנ אַנט־קעגנ זיכ אונ אַליינ שטיינ פאַר אימ ווי פאַר א גענעראַל. היינט איז אונדזער ערשטע באַגעגעניש, ווינטש איכ אייכ, אַז איר זאָלט אָפט זיצנ בא מיר אינ ביידל אונ איכ זאָל שטיינ קעגנ אייכ, ווי איר איצט, מאַסקימ?

— איכ וועל זיכ באַמיִענ, עס זאָל זיינ אַזוי, — ענטפער איכ.

3

איידער עס האָט אָנגעהויבנ טאָגנ, איז דער קאָמאַנדיר אַוועקגע־פאָרנ אינ לאַגער, וווּ עס איז געשטאַנענ דער אָטריאַד. איכ מיטנ כאַ־ווער, מיט וועלכנ איכ בינ געקומענ, אונ נאָכ צוויי פּאַרטיזאַנער — פעדיאַ קראַווטשענקאָ אונ וואַניאַ זאַווגאָראָדני, א געוועזענער מאַג־ניטאָגאָרסקער טעכניקער, א קראַנקער, אָבער לעבנלוסטיקער באָכער, א גרויסער ליבהאָבער פונ מוזיק — האָבנ זיכ געלאָזט אינ שכיי־נעסדיקנ דאָרפ בעריאָזאָוויע באָלאָטאָ. אינ דאָרפ זיינענ מיר אָפּ־געווענ עטלעכע טעג. די פויערימ האָבנ אונדז איינגענומענ פריינט־לעכ אונ זיכ געטיילט מיט אַלצ, וואָס זיי האָבנ נאָר פאַרמאָגט. פונ פאַרזיכטיקייט וועגנ פלעגנ מיר יעדנ טאָג ביטנ אונדזער קוואַרטיר.

דאָס מאָל האָבן מיר גענעכטיקט אין אַ גרויסער, ניט אינגאַנצן פאַרענדיקטער שטוב פון איינעם אַ יונגן פּויער קאַלינאָווסקי. ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן שאַרײַען אַף טאָג, איז פעדיא אַוועק אין לאַגער זיך דערוויסן, וואָס אַרום הערט זיך. עס איז געווען שאַבעס, און דער באַלעבאָס האָט גענומען האַקן האָלץ פאַר דער באָד. אונדז האָט מען דערלאַנגט הייסע בולבעס, און מיר האָבן זיך איגדרײַען געזעצט עסן פרישטיק.

פלוצעם האָט די באַלעבאָסטע אַ קוק געטאָן אין פענצטער, וואָס גייט אַרויס אין הויף, און איז שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטע. זי האָט ניט געקענט קיין וואָרט אַרויסברענגען. איר פּנים איז געווען בלאַס ווי די וואַנט. איך בין אופגעשפּרונגען פון אָרט און אויך אַ קוק געטאָן אין פענצטער — אין הויף זײַנען געווען דײַטשן.

באַ אונדז איז געווען איין ביקס און דרײַ רוסישע גראַנאַטעס „פ—1". אופרײַסן זיך וועלן מיר אַלנפאַלס באַווײַזן. אַלע זײַנען מיר געווען אָנגעטאָן אין דײַטשישע אָנצוגן. עפשער וועט דאָס אונדז ראַטעווען. איך האָב מײַן גראַנאַטע איבערגעלייגט פון דער רעכטער קעשענע אין דער לינקער: אַ ריר מיטן פינגער, און אַלץ איז פאַרענדיקט.

אָן ווערטער האָבן מיר איינער דעם אַנדערן פאַרשטאַנען. דער ערשטער גייט וואַניאַ. איך — דער לעצטער. אין פּאָדערהויז איז נאָך קיינער ניטאָ. צוויי הענט קוועטשן אָן אַף דער קליאַמקע פון דער טיר, וואָס פירט אין הויף. וואַניאַ — פון אינווייניק, עמעצער — פון דרויסן. באַם אַרײַנגאַנג שטייען צוויי פּאָליציי־לײַט. מיר צוויי — די רעכטע הענט זײַנען באַ אונדז פרײַ — באַגריסן זיי. זיי קוקן פאַרוואונדערט, נאָר זיי ענטפערן. איבער די גערטנער שפּאַנט אַ קייט פון אַ מאַן דרײַסיק. מיר לאָזן זיך צום וועג. אויב דאָס איז געקומען דער באַצעוויטשער גאַרניזאָן, איז מעגלעך, אַז דער וועג איז נאָך פרײַ. נאָר ניין, אַף רעכטס, צו וועליקאַיאַ סטאַרינאַ צו, איז שוין פול מיט דײַטשן. אַף לינקס, קיין פערעסאָפּניע, שטייען עטלעכע פורן.

דאָס דאָרף איז, ווי אַן אינדזל, פון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט מיט וואַלד. דערקלײַבן מיר זיך צום וואַלד, זײַנען מיר געראַטעוועטע. אַנטקעגן איז אַ פאַרקן. מיר גייען צו צו אים און מעסטן מיטן בליק דעם מהלך צום וואַלד. אַ פּאָליציי־מאַן, וואָס שטייט לעבן אַ שטוב רעכטס פון אונדז, קוקט אויך אין דער זעלבער ריכטונג.

ווער עס האָט איבערגעלעבט עטלעכע מינוטן, יענער ווייסט, אַז

אינ אזא פאל וועט אינ קיינ קויעכ אונ פלינקײט קיינ מענזע ניט זײַנ. איינ אויגנבליק — אונ מיר זײַנענ פונ יענער זײַט פּארקנ. צום וואלד איז א מעטער צוויי הונדערט. אנ ערעכ פונ האלב וועג הייבט זיכ אָנ א נידעריק אָרט, פאַרוואַקסנ מיט געדיכטע קוסטעם. לאָמיר זיכ נאָר צו זיי דערקלײַבנ, וועט שוינ ניט יעדע קויל אונדז טרעפנ. מיר גייענ איבער אנ אויסגעגראָבענעם קארטאָפל־גאָרטנ. די גריבלעכ שטערנ אונדז, נאָר פונדעסטוועגנ שפּאַנענ מיר שנעל. לויפנ טאָר מענ נאָכ ניט. איכ קוק זיכ אום. קיינער יאָגט אונדז ניט נאָכ. נאָכ א ביסל, אונ מיר זײַנענ בא די ערשטע קוסטעם. איכ גלײַכ זיכ אוים מיט וואניענ אונ רעד שטיל ארוים:

— מיר זײַנענ געראטעוועט.

— מעגלעכ, — ענטפערט ער, — אויב דאָס דאָרף איז ניט ארומגערינגלט אונ אפנ ראנד וואלד, וווּהינ מיר גייענ, איז קיינער ניטאָ.

וועגנ דעם האָב איכ גאָרניט געטראכט. ווי איז דאָס מיר פריער ניט אײַנגעפאלנ? ווענ פונ דאָרף קאָנ מענ אונדז שוינ ניט זענ, לאָזנ מיר זיכ לויפנ, וויפל עס קלעקט נאָר קויעכ.

ערשט ווענ מיר זײַנענ שוינ א מעטער הונדערט אינ וואלד, פיל איכ, ווי עס פארכאפּט דער אָטעם.

מיר שפּארנ זיכ צו צו אנ אלטער בעריאָזע אונ הערנ זיכ אײַנ. אינ דאָרף איז שטיל. קיינ איינ שאָס ניט. אונדז וווּנדערט עס זייער. וואניא דערציילט: די טעג איז געווענ אזא פאל. עס איז געקומענ אינ דאָרף א גרופּע פארטיזאנער פונ אנ אנדער אָטריאד. קימאט אלע — אינ דײַטשישע קליידער. אונדזערער אנ אויסשפּירער האָט ניט פעסטגעשטעלט, ווער זיי זײַנענ, אונ אפּגיכ מיטגעטיילט אינ שטאב, אז דײַטשנ זײַנענ אינ דאָרף. איז מענ זיי ארויס באַגעגענענ. ערשט עס לאָזט זיכ אוים — דאָס זײַנענ פארטיזאנער, איזאכאָווצעס. פרעגט שוינ גאָר ניט, וואָס פאר א פּסאק דער אויסשפּירער האָט געכאפּט פונ זײַנ קאָמאנדיר. זאָל גאָט היטנ, אויב מיט אונדז וועט דאָס זעלבע פּאסירנ. דאנ כאָטש אנטלויפ פונ לאַגער.

— איז וואָס זשע לייגסטו פאָר?

— מע מוז זיכ דערקונדיקנ.

מיר האָבנ שוינ געהאט באשלאָסנ זיכ אומקערנ צוריק צום ראנד וואלד, ווענ פונ לינקס האָט זיכ דערהערט א הודזשענ פונ אווטאָמאשינעס, דערנאָכ א שיסערײַ פונ דײַטשישע ביקסנ, אווטאָמאטנ אונ א

לאַנגע ריי פונ אַ האַנט־קוילנוואַרפער. קלאָר, דאָס זײַנען ניט קיינ פאַרטיזאַנער. ניט אַנדערש, ווי עס זײַנען געקומען דײַטשן אונ פאַליציי־לײַט פונ פאַרשיידענע גאַרניזאָנען. מעגלעכ, אַז דאָס האָט אונדז געראַטעוועט, ווײַל ניט אַלע קענען זיי איינער דעם צווייטנ.

ביז צום לאַגער איז געווענ אַ קילאָמעטער פינפ. אומזיסט האָבנ מיר זיכ געײַלט, דאָרט איז שוינ אַלצ געווענ באַוווּסט. נאָכ אײַנ וועג האָבנ מיר באַגעגנט אַ היפּשע גרופּע באַוואָפנטע מענטשנ. צווישנ זיי — צוויי מיידלעכ. געפירט האָט זיי דער קאָמאַנדיר פונ דער אויסשפּירונג. צווישנ די ערשטע האָט געשפּאַנט קאָסטיאַ דאַנילינ.

— זע, — האָט ער אויסגעשריענ, אָנווײַזנדיק אַפ אונדז, — אונ מיר האָבנ אײַכ שוינ לעבעדיקערהייט באַגראָבנ. נו, וועלנ מיר זיי באַלד אָפּשפּילנ אַ פריילעכס, עס וועט זײַנ אַ פײַנע באַגעגעניש.

די באַגעגעניש איז אַפ אַנ עמעס געווענ אַ ביז גאָר פײַנע. פופצנ אויסשפּירער אונ פינפ אונ צוואַנציק אַנדערע פאַרטיזאַנער האָבנ זיכ פאַרמאַסקירט ניט ווײַט פונ וועג, וואָס פירט פונ בעריאָזאָווקע באַ־לאָטאַ קיינ פערעסאָפּניע. דעם וועג האָט מענ אינ צוויי ערטער פאַרמינירט.

4

צו ליגנ אינ זאַסאַדע אונ וואַרטנ אַפנ פײַנט דאַרפ מענ האָבנ אַ סאַכ געדולד. פאַרטיזאַנער האָבנ דאָס געהאַט קאַרג קוילנ, ניט יעדערער האָט פאַרמאָגט אַ ביקס. וויי ניק איז דאָ האַרגענענ אַ דײַטש, מע דאַרפ זײַנ געווער צונעמענ אונ מיט דעם זיכ אַליינ אָדער אַ פרײַנט באַוואָפענענ. עס וועט צוגיצ קומענ דעם פײַנטס אָנטאָנ, שוכוואַרג, ווײַל קיינ אינטענדאַנטנ זײַנענ באַ פאַרטיזאַנער ניטאָ.

איבערנ וויכנ מאָכ צווישנ קוסטעס אונ ביימער אײַלט איינ פאַרבינדלער צום צווייטנ, — ער טרעט פאָרזיכטיק מיט די באָרוועסע פיס, אַ צווײַגעלע זאָל ניט קיינ טרעשטשע טאָנ, אונ גיט איבער:

— פונ דאָרפ זײַנענ אינ אונדזער ריכטונג אַרויסגעגאַנגענ פינפ סאָלדאַטנ אָדער פאָליצײַענ.

— נאָכשפּירנ נאָכנ דאָרפ, — איז דער ענטפער.

אונ ווידער שעפּטשענ ליפּנ:

— עס גייט אַ וואָזוואָד פונ צוואַנציק — פינפ אונ צוואַנציק מאַנ.

איינ קוילנוואַרפער אונ, דאכט זיך, צוויי אווטאָמאַטנ. אינ דער מיט — צוויי וועגענער.

קאָסטיא וואָרנט אפּריער:

— איינ פערד איז מײַנס.

— שטילער, — בייזערט זיך דער קאָמאַנדיר, — דײַנס, אויב דו וועסט עס קענענ נעמענ.

צוויי דײַטשנ אונ דרײַ פּאָליציײַענ גייענ פאַרבײַ, און קיינער טשעפּעט זיי ניט. זיי זײַנענ אויפמערקזאם און אָנגעשטרענגט. ס'איז ניט אינ פעלד, דאָ איז ארומ אונ וואַלד. עס איז רויק. עפּעס ווײַזט זיך זיי אויס א שאַרכ, זיי הערנ זיך צו — שטיל. פונדעסטוועגנ איז בעסער וואָס גיכער זיך דערקלײַבנ צומ גאַרניזאָנ.

גוט, וואָס זיי גייענ בא ביידע זײַטנ פונעם וועג. זיי האָבנ געקענט אָנטרעטנ אפ א מינע, אונ דאָס וואָלט נאָר געשטערט. פינפ אונ צוואַנציק זײַנענ וויכטיקער פונ פינפ.

איצט איז שוינ קלאָר, אז די מאַשינעס גייענ ניט אהער אונ די מינעס זײַנענ דאָ גאָר איבעריק. נאָר מיילע, צוריק קריכנ אפנ וועג איז שוינ שפּעט.

דער אָנהייב פונ א פּאַרטיזאַנער־זאַסאַדע איז ניט קיינ באַפעל „פײַער”, אויב ניט קיינ אויפלויכט פונ א ראַקעטע אינ דער לופט. דער סיגנאַל איז דער ערשטער שאָס פונעם קאָמאַנדיר. אזוי איז געווענ אויכ דאָס מאָל. ווי נאָר עס האָט זיך פאַרבונדנ די שלאַכט, האָבנ די דײַטשנ, וואָס זײַנענ געווענ אינ דאָרפ, גענומענ פונ צוויי לײַכטע מינענוואַרפער שיסנ אינ אונדזער ריכטונג.

— אויסגעצייכנט, — האָט געשריענ קאָסטיא, — מאַכט טאַקע א פּאַניק בא זיך, פּריצלעכ. אינ אונדז וועט איר אלצייִנס ניט טרעפנ.

פונ פײַנטלעכנ וואַזוואַד איז ווייניק־וועד לעבנ געבליבנ. מיר האָבנ קיינ פאַרלוסטנ נימ געהאַט. קאָסטיא האָט פאַרכאַפּט ניט איינ, נאָר צוויי פערד, אײַנגעשפּאַנטע אינ א וואָגנ, וואָס איז געווענ אָנגעפילט מיט פויערש גוטס. עמעס, ער האָט געהאַט פאַרדראָס. דאָס זײַנענ געווענ הויכע אונ אויסגעפּאַשעטע אַרטילעריע־פערד, אונ צום רײַטנ, דערצו נאָכ פאַר אנ או סשפּירעד, האָבנ זיי ניט געטויגט. דאָס אָנגעראַבעוועטע גוטס האָט דער קאָמאַנדיר באַפוילנ אומקערנ די פויערים אונ די פערד אָפּשיקנ אלס מאַטאָנע דעמ פּאַרטיזאַנישנ

אָטריאַד, וואָס האָט זיך דער ערשטער געהאַט אָרגאַניזירט אין אונ־דזער געגנט און האָט פאַרמאָגט עטלעכע האַרמאַטן.

אין אַ פּאָר שאָ אַרום זײַנען מיר שוין געווען אינעם זעלבן דאָרף, פונוואַנען מיר אינדרײַען זײַנען גאַנצפרי אַנטלאָפן. ווי מע האָט אונדז דערציילט, האָבן זיך די דײַטשן שטאַרק געײַלט. זייער הויפּט־ציל איז געווען ראַבעווען, נאָר פאַרייניווענס האָבן זיי געדאַרפט פאַרכאַפּן מיט זיך די מישפּאָכעס פון די פּאַרטיזאַנער: עפּשער וועט דער טויט פון טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער אָנשרעקן די וואַלד־אײַנוווינער. העכער דרײַסיק פּויערים האָבן זיי מיטגעבראַכט אַהער פון די אַרומיקע דערפער. פון בעריאָזאָוואַיע באָלאָטאָ האָבן זיי קיין סאַך מענטשן ניט געקענט אַרויספירן, ווײַלביידע לאַסט־אויטאָמאָבילן זײַנען שוין אַזוי אויך געווען געפּאַקט מיט אַרעסטירטע.

דער דײַטשישער קאָמענדאַנט איז געווען שרעקלעך אויפגעטראָגן. דרײַ פּאַרטיזאַנער זײַנען געווען קימאַט באַ אים אין די הענט, און אויך די האָבן זיך אויסגעדרייט. קאַלינאָווסקין, דעם באַלעבאָס פון דער שטוב, וווּ מיר זײַנען געווען, האָט ער צוגעזאָגט טייטן, און טאַקע דאָ אין דאָרף, פאַרן גאַנצן אוילעם. איז קאַלינאָווסקי געשטאַ־נען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געהערט, ווי דער קאָמענדאַנט טרײַבט אונטער די פּאָליציי־לײַט:

— שנעלער! שנעלער! נאָר בעבעכעס ליגן אײַך אין זינען.

ער האָט צוגערופן דעם שעף פון פּאָליציי און באַפוילן אַרויס־שיקן איין פאַרשטאַרקטן וואַכט צום גאַרניזאָן וואָיעוויטשי, דורכן דאָרף פּערעסאָפּניע, און איינעם — קיין באַצעוויטשי, דורך וועלי־קאַיאַ סטאַרינאַ. די נעמען זײַנען אַלע געווען אומבאַקאַנטע פאַר אים, האָט ער געקוקט אַף דער קאַרטע, און אויך דעם פּאָליציי־שעף דער־מאָנט:

— שנעלער! שנעלער!

ווי נאָר עס האָבן זיך דערהערט די שאָסן, מיט וועלכע מיר האָבן באַגעגנט זייער ערשטן וואַוואַר, איז פון דער וואַך, וואָס באַ די מאַשי־נעס, קיינער ניט פאַרבליבן. די אַרעסטירטע האָבן ניט געוואַרט אַף קיין אײַנלאַדונג. אַלע זײַנען זיך צעלאָפן.

דער קאָמענדאַנט דער ערשטער און נאָך אים די איבעריקע דײַטשן האָבן זיך אַרופגעכאַפּט אַף די מאַשינעס און זיך געלאָזט מיטן קיכצסטן וועג צו זייער גאַרניזאָן.

אינ לאַגער

1

סאָפ טאָג האָבנ מיר זיכ געלאָזט אינ לאַגער. ס'האָט זיכ געוואָלט וואָס גיכער א קוק טאָנ אָפ מײַנ נײַער הײמ, ווי זעט זי אויס, ווער נאָכ וווינט דאָרט?

אויב גלייבנ קאָסטיענ, האָב איכ, דאַכט זיכ, אויסגעהאַלטנ דעמ הײַנטיקנ עקזאַמענ. אינ וועג האָט ער מיר ווי דערעכ־אגעוו א זאָג געטאָנ:

— ווײַזט אויס, די דײַטשנ זײַנענ זיכ ניט גאָר העפלעכ באַגאַנגענ מיט דיר אונ דו ביסט עפעס ניט אינגאַנצנ צופרידנ מיט זיי. אינ אַזאַ פאַל איז דאָס בעסטע זײַנ אַנ אויסשפירער. א שווערע, אָבער א לעבעדיקע אַרבעט, אונ יאַטנ זײַנענ בא אונדז איינס אינ איינס.

דער לאַגער איז באַשטאַנענ פונ א פופצנ בײַדלעכ. אינווייניק אינ די בײַדלעכ זײַנענ געווענ אָנגעלייגט צווײַגנ, עס זאָל זײַנ וואַרעמער צו שלאָפנ. אינ דער מיט — אַנ אָפגעצאַמט אָרט פאַר א שײַטער, וועלכנ מע פלעגט אונטערהאַלטנ א גאַנצע נאַכט. ניט ווײַט פונ אימ איז געשטאַנענ אַנ עמער וואַסער, אויב מע וועט דערהערנ, אַז עס פליט אַנ אַעראָפלאַנ, זאָל מענ קענענ גלײַכ פאַרגיסנ דאָס פײַער. דאָס געווער פלעגט שטיינ אינ א פיראַמידע באַמ אַרײַנגאַנג, אָפגעהיט פונ א וואַכמאַנ.

ווי נאָר מע פלעגט איבערקלײַבנ זיכ אָפ א נײַ אָרט, פלעגט יעדער קאָמאַנדיר באַקומענ זײַנ באַצירק, וואָס ער דאַרפ פאַרטיידיקנ בײמ אַנ אָנפאַל. אינ צענטער פונ לאַגער האָט זיכ געפונענ דער שטאַב, ניט ווײַט פונ אימ — די אויסשפירער אונ דער קאָמענדאַנטנ־וזוואָד, וואָס פלעגט קוקנ נאָכ דער אָרדענונג אינ לאַגער אונ טאָג אונ נאַכט טראָגנ די וואַכ. געווײנלעכ פלעגט מענ פאַרנ לאַגער אויסקלײַבנ א געדיכטנ מאַסיוו וואַלד, ווו עס איז טרוקנ אונ נאָענט צו וואַסער. ער האָט זיכ געדאַרפט געפינענ ווײַט פונ צענטראַלע וועגנ אונ ליגנ ניט ווייניקער פונ דרײַ־פיר קילאָמעטער פונעמ נאָענטסטנ דאָרפ. שטענדיק איז געווענ צוגעגרייט א נײַ אָרט אָפ איבערצוקלײַבנ זיכ, אויב דאָס וועט זיכ פאָדערנ. געוווּסט וועגנ דעמ אָרט האָבנ בלויז געציילטע מענטשנ.

פון דער ציווילער באפעלקערונג האט קיינער קיין צוטריט צום לאגער ניט געהאט, נאר די ארומיקע פויערים פלעגן זיך שטענדיק אנשטויסן, ווי אן ערעב מיר געפינען זיך. עס גערענקט זיך אבער ניט קימאט קיין איין פאל, אז עמעצער פון זיי זאל אונדז ארויס־געבן.

די ערשטע טעג, ווען איך בין געקומען, האט מען זיך אין לאגער אופגעפירט זייער פארזיכטיק. פארטאג און פארנאכט, ווען די קלאנ־גען צעטראגן זיך ווייט, איז געווען פארבאטן צו פארגרייטן הייצונג, האקן פלייש. ווי נאר עס פלעגט זיך דערהערן א ליד, א הויכע שטים, א געלעכטער, פלעגט גלייך קומען דער קאמענדאנט, א געוועזענער בעמיקער פון מינסק, יאסיפ לאהויקא. אזוי איז ער געווען א באשיי־דענער און אויסגעהאלטענער מענטש, נאר אין אזא פאל פלעגט ער ווערן זייער אין קאס און אנמאכן א גרעסערן טומל, איידער עס איז געווען. געוויינלעך פלעגט ער פון די אויסשפירער האבן אויסצושטיין מער ווי פון אלעמען. דא פלעגן זיך אלע אוונט טרעפן באווירים, וואס האבן זיך עטלעכע טעג ניט געזען. יעדערער פלעגט דערציילן, וואס עס האט מיט אים פאסירט. און דערציילן איז געווען וואס.

2

דעם אוונט האט מען בא די אויסשפירער, ווי מיר האבן זיך געפור־נען, ניט אופגעהערט צו ריידן וועגן דער זאסאדע. די שטימונג איז געווען א געהויבענע; די פרויען, וואס האבן אין דער אפעראציע קיין אנטייל ניט גענומען, האבן צוגעגרייט א פיינע וועטשערע. פלייש און בולבע איז געווען צו זאט, קיין אנדערע פראדוקטן זיינען בא אונדז ביכלאל ניט געווען. באזונדערס האט אויסגעפעלט ברויט און זאלץ. אין די ארומיקע דערפער פלעגן די פויערים צונויפזאמלען אייער, פוטער, האניק, נאר דאס פלעגט מען אלץ אפגעבן די פארוואונדעטע און קראנקע.

נאך דער וועטשערע האבן זיך גענומען צונויפזאמלען געסט.

דער וואכמאן, וואס באם ארייננאנג, האט אנגעזאגט א נייעם — עס גייט קיריק. ער פייפט ניט — א סימען, אז אדער ער האט שוין געכאפט פונעם קאמענדאנט א פסאק, אדער עמעצער אנדערש האט אים שטארק באליידיקט.

איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ א קוק צו טאָג אָפּ דעם קיריק, וואָס וועגן זײַן אָנקום טיילט מען מיט פאַרפרײַער.

אין בײַדל איז אַרײַנגעקומען א יאַטל פֿון א יאָר צען. די הענט אין די קעשענעס, די געדיכטע ברעמען צונויפגעצויגן, דאָס אָנטאָג — שטאַרק אָפּגעטראָגן, נאָר דערפֿאַר אָפּ די פֿיס — א פּאָר נײַינקע שטי־וועלעך, קענטיק נאַרוואָס אָנגעשמירט מיט פעטס.

— זע נאָר, קיריק, — האָט עמעצער באַמערקט, — און ווו איז דײַן גוטן־אוונט?

ער האָט עפּעס א בורטשע געטאָן אונטער דער נאָז, דערנאָך יע־דערן דערלאַנגט די האַנט, נאָר קאָסטיען האָט ער אויסגעמיטן. מע זאָל זיך ניט וונדערן, פּאַרוואָס קומט עס אים אזא אומקאָוועד, האָט קאָסטיא דערקלערט:

— בא קיריקן איז מיסטאַמע א שמוציקע האַנט, האָט ער מוירע זי מיר צו באַווײַזן. כאָפּ נאָר א קוק אהער, קיריק. זעסט, ס'אַרא קאַמפּאַס! כ'האָב דיר שוין לאַנג צוגעזאָגט. איז נא, ערשט הײַנט גע־קראָגן בא א פּריץ.

דעם קאַמפּאַס האָט קיריק גענומען, נאָך בערויגעז איז ער נאָך אַלץ געווען. אים האָט פאַרדראָסן, לעמײַ קאָסטיא האָט אים הײַנט ניט געוואָלט מיטנעמען אין אויסשפּירונג.

ווען אַלע גוטע רייד האָבן ניט געהאָלפן, איז קאָסטיא אריבער אין אָנגריף.

— האָסט דאָ א טאַטן שיר ניט קיין קאָמענדאַנט און דרײַ ברי־דער, קאָנסטו גיין צו זיי נעכטיקן. און ביכלאַל האָט מיר דער קאָמי־סאַר הײַנט געזאָגט, אז צו אונדז טאָר מען קיין זײַטיקע ניט אַרײַנ־לאָזן, ווײַל מאַלע־וואָס אונדז איז באַוווּסט און וועגן וואָס מיר רײדן.

בא קיריקן האָבן זיך אָנגעבלאָזן די ליפּן צום וויינען. האָט אים קאָסטיא אָנגעכאַפּט פאַר א האַנט און צוגעצויגן צו זיך.

— נו, שקעט, איך גיב דיר מײַן וואָרט, אז מאָרגן גייסטו מיט מיר. רעכט?

באַם יינגל אין די אויגן האָבן זיך שוין געהאַט באַווויזן טרערן, נאָר ער האָט זיי אײַנגעהאַלטן און ברייט, צופרידן א שמייכל געטאָן. אָפּ די באַקן האָבן זיך באַוויזן צוויי טיפע כיין־גריבלעך.

— רעכט! רעכט!

ערשט איצט האָט ער פֿונדאַסנײַ גענומען באַקוקן די מאַטאַנע — דעם נײַזנקן דײַטשישן קאָמפּאַס, מיט אַ שפּיגעלע אין דעקל.

אין בײַדל איז אַרײַנגעקומען אַ שוואַרצבײנעוודיק ייִנגל פֿון אַ יאָר פֿערצן.

— נאָך אַ באַלײדיקטער, — האָט עמעצער געמאָלדן. — אים האָט מען אויך ניט געוואָלט מיטנעמען. דער קאָמאַנדיר האָט אים געהייסן אונטערוואַקסן אַ ביסל, איז גיט אים עמעצער אַ צי פֿאַר די אויערן, עפּשער וועט עס אים העלפֿן, אָדער בעסער דערלאַנגט אים אַ שיסל בולבע מיט פֿלייש, זאָל ער זיך כאַטש פֿאַריכטן אַ ביסל.

צו די ווערטלעך איז דאָס ייִנגל שווײַגן, ווײַזט אויס, געוווינט געווען און אַפּילע ניט געטראַכט באַליידיקן זיך. ער האָט זיך צוגעזעצט לעבן קיריקן און גענומען באַטראַכטן דעם קאָמפּאַס. אויך אים האָט קאָסטיאַ ניט פֿאַרטיילט, ער האָט אים געגעבן אַ דײַטשיש מעסער אין אַ שיידל.

— דאָס יאַטל, — האָט ער מיר גענומען דערציילן, — איז צו אונדז אַקוראַט ווי פֿון יענער וועלט געקומען. אליק הייסט ער, בראָנשטיין איז זײַן פֿאַמיליע. אַליין איז ער פֿון בעליניטשי, אַ שטעטל אַזאַ פֿאַראַן ניט ווײַט פֿונדאַנען. ווי אומעטום, האָבן די „אַריער״ אויך דאָרט אויסגע־האַרגעט אַלע ייִדן, נאָר ער איינער איז געבליבן לעבן מאַמעש אַלפּי נעס. אַף אים זײַנען געלעגן זײַנע טויטע טאַטע־מאַמע. קעדיי זיך צו איבערצײַגן, אַז די טויטע זײַנען שוין טאַקע טויט, האָבן די דײַטשן זיי דורכגעשטאָכן אַף דורך און דורך מיט די באַגנעטן. נאָר אליקן האָט אָפּגעגאָלטן, די באַגנעטן האָבן אים ניט פֿאַרטשעפּעט. אַ שטיק צײַט האָט ער זיך אויפֿגעהאַלטן בײַ די שכײנים, דערנאָך האָבן אים די פּוי־ערים צו אונדז אַריבערגעפּעקלט. אַזוי איז ער אַ ביז גאָר ווילער באָ־כער, נאָר אַ גרויסער שווײַגער. מיר דאַכט זיך, אַז אים וואָלט לײַכטער געווען, ווען מע באַוואָפֿנט אים און מע גיט אים אַזאַ אַרבעט ווי אַלע איבעריקע. נעקאָמע, ברודער, איז אַ גרויסע זאַך, זי פֿאַרהיילט אַ ביסל די ווונדן.

עס זײַנען אַרײַנגעקומען דרײַען פֿון דער ווירטשאַפֿט־ראָטע. זיי האָבן גלײַך געמאָלדן, אַז מיט מײַן קומען האָט זיך פֿאַרגרעסערט די האָפֿענונג צו שאַפֿן אַ מאָסקווער לאַנדסמאַנשאַפֿט. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז איך בין שפּעטער פֿון זיי אַלעמען געווען אין מאָסקווע, און זיי האָבן געהאַלטן אין איין אויספֿרעגן וועגן די צענטראַלע גאַסן, וועגן באַזונדערע ערטער, געבײַדעס. די טעמע איז פֿאַר אַלעמען געווען

אינטערעסאַנט, אי פאַר טשעטשעוואַשווילינ דעם גרוזינ, אי פאַר טשײַקאַ דעם ווײַסרוס, אי פאַר יעראַכינענ דעם מאָרדווינ, אי פאַר אליקנ דעם ייִדנ. בא אַלעמענ איז איצט מאָסקווע געווענ טײַער, ווי אַנ אייגענע מאַמע.

אינ לאַזאַרעט איז געלעגנ אַ שווער פאַרווונדעטער דעסאַנטלער, אַ קאָמיוניסט פונ מאָסקווער אווטאָ־זאַוואָד וואָלאָדיאַ מאַטווייעוו. ער איז אָפּגעשטאַנענ פונ זײַנ גרופּע, ווײַל ער איז פאַרשלאָפּט געוואָרנ אַפ פלעקטיפוס. עטלעכע וואָכנ האָט ער זיכ אויסבאַהאַלטנ בא אַ פויער־טע אונ דערנאָכ אָנגעקומענ צו אונדז אינ אָטריאַד. באַם דאָרפ רודניאַ האָט ער מיט זײַנ קוילנוואַרפער פאַרדעקט דעם צוריקמאַרש פונ אָט־ריאַד. אַנ אויפרײַס־קויל האָט אים געטראָפנ אינ אַקסל. עטלעכע טעג איז אויסגעקומענ נאָכדעם זײַנ אינ מאַרש, אים האָט מענ געטראָגנ, אונ דאָס טראָגבעטל, אַפ וועלכנ ער איז געלעגנ, איז קיינמאָל ניט אָפּגע־שטאַנענ פונ אָטריאַד. עמעצער האָט פאַרגעלייגט, מיר זאָלנ זיכ צו אים דורכגיינ.

דער לאַזאַרעט האָט זיכ געפונענ אינ אַ געוויינלעכ בײַדל — אויבנ אָנגעדעקט מיט עטלעכע בעהיימע־פעלנ. אַפ אַ געלעגער פונ שטרוי איז געלעגנ וואָלאָדיאַ, אַ לאַנגער דאַרער באָכער מיט בלויע אויגנ.

— זעצט זיכ, — האָט ער אונדז אײַנגעלאַדנ, — מיר איז שוינ בעסער. מירנ נאָכ צוזאַמענ אַ הוליע טאָנ אינ מאָסקווע.

בא אים האָבנ מיר זיכ פאַרהאַלטנ ביז שפּעט אינ אָוונט.

די נאַכט איז געווענ אַ קאַלטע, אונ איכ האָב זיכ באַמיט זײַנ וואָס נעענטער צומ שײַטער. אַ פונק האָט געטראָפנ אינ מײַנ שינעל אונ זיכ פאַרקליבנ ביזנ אונטערהעמד. איכ בינ אויפגעשפּרונגענ טאַקע ווי אַנ אָפּ־געבריטער. דער דזשורנער האָט מיר אויסגערעדט דאָס האַרצ, אַז דאָס טרעפט מיט אַלע נײַינקע, אונ אַפנ פאַרטיזאַנער־לעקסיקאָנ הייסט עס „כאַפּנ אַ פוקס". אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר איכ האָב בא אים געבעטנ אַ נאָדל מיט אַ באַוועלע אונ באַמיט זיכ פאַרמאַסקירנ אַלע שפּורנ פונ מײַנ באַנאַכטיקנ געיעג נאָכ „פוקסנ".

עס איז געקומענ אַ פאַרבינדלער, רײַטנדיק אַפ אַ פערד, אונ דער־ציילט, אַז אינ די אַרומיקע דערפער האָבנ זיכ גרויס אונ קליינ אַרײַ־בערגעקליבנ אינ וואַלד. מע האָט מוירע, אַז נאָכ דער זאַסאַדע זאָל ניט קומענ קיינ שטראָפ־אָטריאַד. דער קאָמאַנדיר האָט באַפוילנ אויסטיילנ פונ יעדער אָפּטיילונג צו צוויי מאַנ אונ אַוועקשיקנ אינ די דערפער. ווענ

דער קעגנער וועט זיך באַוויַיזן, זאָל מען אָפּפירן די באַפעלקערונג אין א נאָך מער זיכער אָרט.

עס זיַינען אַוועק עטלעכע טעג, און צוביסלעך האָב איך זיך געוויינט צו דעם לאַגער־לעבן. מען צוגעוווינט צום לאַגער־לעבן. א גאַנצן טאָג פלעג איך העלפן אונדזערע קעכערנס שיילן קאַרטאָפל, טראָגן וואַסער, האַקן האָלץ. אין אָוונט פלעגט מען זיך זעצן באַם שײַטער און הערן, וואָס די אויסשפּירער דערציילן.

ענדלעך, האָט מען מיר מיטגעטיילט א פרייידיק נײַס, מע האָט מיך פאַררעכנט פאַר אַן אויסשפּירער.

3

נאָכדעם, ווי מע האָט זיי א ביסל אָנגעלערנט, האָבן זיך די דײַטשן פון וואַיעוויטשער און באַצעוויטשער גאַרניזאָנען אופגעפירט גאַנץ „לײַטיש". א גאַנצע נאַכט האָבן זיי געהאַלטן אין איין שיסן. נאָר ווײַטער פון זייערע דאָטן האָבן זיי קיין נאָז ניט אַרויסגעשטעקט. ערגער איז געווען מיט האַראַדעצער גאַרניזאָן. מיט א פּאָר טעג צוריק האָבן זיי דערהאַרגעט אונדזערן אַן אויסשפּירער, דעם לייטענאַנט כונאַוו, היינט האָבן זיי לײַכט פאַרוווּנדעט אין פוס טשעטשיאָשווילין. זײַן גליק, וואָס די קויל האָט געטראָפן אין לעפל, וואָס האָט געשטעקט בא אים אין כאָליעווע. ביידע צופאַלן זיַינען געשען לעבן דאָרף דובניאַקי, וואָס איז איין קילאָמעטער פון גאַרניזאָן.

אויף דעם באַצירק האָט מען איבערגעוואָרפן די בעסטע אויסשפּירער. מיט אומגעדולד האָבן אַלע אין לאַגער געוואַרט, ביז זיי וועלן זיך אומקערן.

שוין עטלעכע טעג, ווי קיין דובניאַקי שיקט מען קאַסטיען מיט זײַן גרופע. מיט זיך נעמט ער קיריקן. ער צווינגט אים אַלץ אַרויסלייגן פון די קעשענעס און זיך פירן אין דאָרף אַזוי, פונקט ווי ער וואָלט קיינעם פון די פּאַרטיזאַנער ניט קענען. קיריק שפּילט גלענצנדיק זײַן ראָליע. ער קען שוין אַלע קינדער אין דאָרף און איז מיט זיי דער בעסטער גוטער־ברודער. אין דאָרף קומט ער דער ערשטער און גיט א געוויסן צייכן: עס איז רויק. דאַן בלײַבן עטלעכע אויסשפּירער אויפן ראַנד וואַלד, און דרײַ קומען צו גיין זיך דערוויסן נענויער, וואָס אַרום הערט זיך.

די טעג האָט קיריק אָפּגעטאָנ אזא שפּיצל. אינ דובניאַקי איז געוועזנ א פּרוי, וואָס האָט געשעמט מיט איר קאַרגקײט. זי איז אַנ איינציקער עקזעמפּליאַר אינ דאָרפ, וואָס האָט נאָכ קיינמאָל קיינ פּאַרטיזאַנער קיינ גלאָז מילכ ניט געגעבנ. קיריק האָט באַשלאָסנ אָפּצולערנענ זי פונ דער דאָזיקער שלעכטער מידע. קוידעמקאָל האָט ער זיכ דערוווּסט בא די קינדער, ווו דאָס עסנווארג ליגט בא איר, דערנאָכ האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ אָפּצונאַרנ קאַסטיענ אונ פאַרכאַפּנ מיט זיכ דעמ קאָמפּאַס.

ער איז אַרײַנגעקומענ צו דער פּרוי, געזאָגט, אז ער איז הונגעריק, אונ געבעטנ געבנ אימ עפּעס עסנ. זי האָט גענומענ שווערנ, אז זי פאַרמאָגט גאָרניט. דאַנ האָט ער ארויסגענומענ דעמ קאָמפּאַס אונ, ווי אַנ אַלטער געניטער טרעפּער, גענומענ דערציילנ, אז זײַנ מאַשינקע באַווײַזט אימ אַט וואָס: אפ דער דריטער פּאָליצע, אינ שאַפּקעלע, ליגט ברויט, אונ אינ פּעסל, וואָס אינ פּאָדערהויז, איז פאַראַנ מילכ, קעז אונ אַפּילע פּוטער. ער האָט געדרייט זײַנ קאָמפּאַס אונ איר געגעבנ צו דערקלערנ, אז דאָס אַלצ דערציילט אימ דאָס ווײַזערל. אונ, שטעלט אײַכ פאָר, זי האָט אָנגענומענ אַלצ פאַר ריינעמ עמעס. בא קיריקנ האָט אַפּילע געקלעקט ווירדע זיכ אָפּצוזאָגנ פונעמ איבערבײַסנ, וואָס זי האָט אימ דערנאָכ פאָרגעלייגט. ווענ קאָסטיא האָט אונדז אינ אָוונט דערציילט וועגנ דעמ, האָבנ מיר זיכ ניט געקענט אײַנהאַלטנ פונ געלעכטער. אינ אַלע ארומיקע אָטריאַדנ האָט מענ זיכ גיכ דערוווּסט וועגנ קיריקס ווונדער־קאָמפּאַס.

עס איז געוועזנ ארומ האַלבנ טאָג, ווענ פונ דער ריכטונג, ווו עס געפינט זיכ דובניאַקי, האָט זיכ דערהערט א שיסערײַ. אַלע זײַנענ מיר ארויס פונ די בײַדלעכ אונ זיכ גענומענ אײַנהערנ. די שיסערײַ האָט געדויערט ניט ווייניקער פונ א מינוט צוואַנציק. עס איז געוועזנ לײַכט צו דערקענענ די לאַנגע סעריעס פונ א דײַטשישנ קוילנוואַרפער. ער האָט זיכ אפ א ווײַלע פאַרכלינעט אונ ווידער אָנגעהויבנ שטעפּנ. עמעצער האָט געלאָזט אינ גאַנג צוויי גראַנאַטעס נאָכאַנאַנד. נאָכנ קלאַנג, וואָס האָט זיכ אזוי ווײַט אונ הילכיק צעטראָגנ, איז קלאָר געוועזנ, אז דאָס זײַנענ רוסישע. אונדזערע האָבנ פאַרשטאַרקט די וואַכ ארומ לאַגער אונ גלײַכ ארויסגעשיקט עטלעכע אויסשפּירער אויסקלאָרנ, וואָס קומט דאָרט פאָר.

אפנ וועג האָט זיכ באַוויזנ איינער פונ קאָסטיעס גרופּע. ער איז געוועזנ פאַרווונדעט אינ האַנט אונ שטאַרק פאַרבלוטיקט. פונ אימ האָבנ

מיר זיכ דערוווּסט, אַז אינ דובניאַקי געפינט זיכ איצט דער האָראָדעצער גאַרניזאָנ. אינ דאָרפ האָבנ זיכ דאָס מאָל געפונענ קאָסטיאַ, קיריק אונ נאָכ צוויי כאַווײרים.

— ווענ איכ האָב די פּריצנ באַמערקט, האָב איכ גלײַכ געגעבנ אַ סיגנאַל אונדזערע כעוורע אינ דאָרפ. נאָר עס איז שוינ געווענ שפּעט, ווײַל דאָס דאָרפ איז געווענ אַרומגערינגלט. וווּהינ נאָר מיר האָבנ זיכ ניט געלאָזט לויפנ, האָבנ מיר זיכ אומעטום אָנגעשטויסנ אָפּ זיי. מיר זײַנענ געווענ דרײַענ, אונ דער עלטסטער האָט מיר באַפוילנ אומבאַדינגט זיכ דערקלײַבנ צום לאַגער, — האָט דערציילט דער געקומענער.

פונ אַ צווייטנ אויסשפּירער, וועלכנ עס האָט זיכ אײַנגעגעבנ אַרויסצורײַסנ זיכ פונ דאָרפ, האָבנ מיר זיכ דערוווּסט: ווי נאָר קאָסטיאַ האָט דערהערט אַ שאָס, איז ער גלײַכ אַרויס פונ שטוב. ער האָט אָנגעזאָגט קיריקנ אונ באַפוילנ בלײַבנ דאָ צוזאַמענ מיט דער ציווילער באַפעלקערונג, ווײַל אַרויסרײַסנ זיכ פונ דאָרפ איז געווענ קימאַט ווי אוממעגלעכ. ער האָט זיכ געלאָזט צום עק דאָרפ, נעענטער צום וואַלד. איבערנ פעלד, רעכטס פונ אים, אויכ אינ דער ריכטונג צום וואַלד איז געלאָפנ זײַנ כאַווער יאַשאַ סאַטשאָנאָק. אָפּ אים האָט דער פײַנט געעפנט דאָס גאַנצע פײַער. נאָכ יעדע עטלעכע צענדליק טריט פלעגט יאַשאַ זיכ וואַרפנ אָפּ דער ערד אונ זיכ צילנ אינ די, וואָס האָבנ געוואָלט אים איבערשנײַדנ דעם וועג. אָט איז ער ווידער אומגעפאַלנ, אָבער ניט אַזוי ווי פריִער. מער האָט ער ניט געשאָסנ, ער איז אופגעשטאַנענ, לאַנגזאַם אונ וואַקלדיק אַוועקגעשפּאַנט אינ דער זעלבער ריכטונג.

קאָסטיאַ, וואָס אים אַליינ האָט געדראָעט ניט קיינ קלענערע געפאַר, האָט עס אַלצ באַמערקט. ער איז שוינ געווענ באַם ברעג וואַלד, ווענ רעכטס פונ אים האָט אַ צווייטער קוילנוואַרפער אופגעהויבנ אַ שיסערײַ. סאַטשאָנאָק איז ווידער אומגעפאַלנ אונ נאָכאַמאָל אופגעשטאַנענ. פונ נאָכ צוויי פּאַרטיזאַנער, וואָס זײַנענ געלאָפנ צום וואַלד, איז איינער געפאַלנ אַ טויטער אונ איינער איז דערלאָפנ צום וואַלד.

— וואַניאַ, — האָט קאָסטיאַ אַ געשריי געטאָנ צו אים, — לויפ צו יאַשענ. מע דאַרפ אים העלפנ. ער איז פאַרוווּנדעט.

אַליינ האָט ער זיכ געלאָזט צום דײַטשישנ קוילנוואַרפער. ער האָט זײַנס דערגרייכט. איצט איז זייער גאַנצע אופמערקזאַמקײַט גע־

ווענ צוגעשמידט צו קאסטיענ. דער וועג אפ צוריק איז געווענ פאר אימ אפגעשניטנ. פארנ פרײַז פונ זײַנ אייגענעמ לעבנ האט ער באשטימט ראטעווענ א כאווער, אבער דאס האט זיכ אימ ניט אײַנגעגעבנ. שוינ אינ וואלד האבנ יאשענ פארלאזט די קויכעס. נאכ איינ פײַנטלעכע קויל, און ער איז געבליבנ ליגנ א טויטער. וואניא טשײַקא איז געקומענ צו לויפנ מיט צוויי פײַנטלעכע ביקסנ און אנגעזאגט אונדז די ביטערע בסורע.

4

ווענ די דײַטשנ און פאליצײַענ זײַנענ ארײַנ אינ דארפ, האבנ זיי זיכ געלאזט פונ הויז צו הויז און אלעמענ צונויפגעטריבנ אפנ געוועזענעמ קאלווירטישנ הויפ. קיריקנ האבנ זיי א בארוועסנ אראפגעשלעפט פונעמ אויוונ, ווו ער איז געזעסנ מיט נאכ דרײַ קינדער. די ערשטע פראגע זייערע, ווי נאר זיי האבנ אלעמענ צונויפגעטריבנ, איז געווענ, צי זײַנענ דא ניט פאראנ ניט קיינ היגע. דער מיינ זייערער איז געווענ זיכ צו דערוויסנ, צי איז דא ניט געבליבנ עמעצער פונ די פארטיזאנער. אלע זײַנענ געשטאנענ מיט אראפגעלאזטע קעפ און געשוויגנ. צומ צווייטנ מאל איז די זעלבע פראגע איבערגעכאזערט געווארנ שוינ מיט קאס, און דערבײַ האבנ די דײַטשנ געווארנט, אז אויב אזוי, וועלנ זיי יעדנ צענטנ מענטשנ פארעכענענ פאר א פרעמדנ און גלײַכ שיסנ. קיריק האט דער ערשטער געענטפערט:

— פעטער, איכ ווייס דא אלעמענ. דא אינ הויפ זײַנענ קיינ פרעמדע ניטא.

עטלעכע פויערטעס האבנ באשטעטיקט, אז דאס איז עמעס. לעבנ טויער האט זיכ אפגעשטעלט א פור, אפ וועלכער עס איז געלעגנ יאשעס טויטער קערפער.

— נו, און דעמ קענסטו, — האבנ זיי זיכ געווענדעט צו קיריקנ, — זאג, ער איז פונ אײַער דארפ?

— ניינ, — האט קיריק, דערקענענדיק סאטשאנקנ, קוימ ארויסגערעדט, — אזא איז בא אונדז קיינמאל ניט געווענ.

די דײַטשנ האבנ פארכאפט מיט זיכ עטלעכע מאנצבלענ. אפ וועגענער, וואס זיי האבנ דא טאקע צוגענומענ, האבנ זיי ארופגעלייגט דאס ביסל גוטס, וואס זיי האבנ אנגערויבט, און זיכ אפגעטראגנ צוריק אינ נאדביזאנ.

ווען מיר זײַנען געקומען, איז שוין געווען שפּעט. די דײַטשן זײַ־נען געווען ווײַט. אונדז האָט באַגעגנט קיריק. ניט געקוקט אויף אַלץ, האָט ער אַפּילע באַוויזן איבערציילן, וויפל דײַטשן און פּאָליציי־לײַט זײַנען געווען, וויפל און וואָס פאַר אַ געווער זיי האָבן פאַרמאָגט. יאַשעס קערפּער האָבן די דײַטשן אָוועקגעפירט מיט זיך, זיי זאָלן קע־נען אין די אַרומיקע דערפער זיך באַרימען מיטן שטיקל אַרבעט, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן. די טויטע קערפּערס פון קאָסטיען און זײַן כאַווער האָבן מיר מיטגענומען אין לאַגער.

בײַ קאָסטיעס פרישן קייווער האָבן מיר אַלע געגעבן אַ שווּע:

— מירן נעקאָמע נעמען!

אין דעם זעלבן אָוונט איז מיר אויסגעקומען פאַרבײַצוגיין פאַר־בײַ דעם בײַדל, וווּ עס האָט זיך געפונען דער שטאַב. לעבן שנײַטער איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געזעסן געראַסים לעאָנטיעוויטש, אונדזער קאָמיסאַר. מיט די הענט האָט ער די קני אַרומגענומען, און די אויגן זײַנען געווען ערגעץ אין דער ווײַט געווענדט. ניט ווײַט פון אים, אויף אַ בינטל שטרוי, איז געלעגן זײַן פרוי, אונדזער פעלד־שערן, און הויך אויף אַ קאָל געוויינט.

לעאָנטיעוויטש האָט אויסגעקערט דעם קאָפּ צו איר, און איך האָב דערהערט, ווי ער האָט איר געזאָגט:

— פּאָלינאַ, גענוג, ביסט דאָך דאָ ניט אַליין, — דערבײַ האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן אַ טיפער קרעכץ.—עך, קאָסטיאַ, קאָסטיאַ...

ב ר ו י ט

1

דער דײַטשישער קאָמענדאַנט פון קיראָווער ראַיאָן, וווּ מיר האָבן אָפּעריִרט, האָט אַרויסגעהאַנגען אַ באַפעל, אַז אויב ביז צום 20-טן נאָיאַבער 1942 יאָר וועלן די פּויערים ניט אַרויספירן דאָס ברויט, וואָס פון זיי קומט, וועט ער געבן אַן אָנווײַזונג די קאָמענדאַנטן פון די גאַרניזאָנען אָנעמען די געהעריקע מיטלען. וואָס דאָס באַטײַט, איז אַלעמען קלאָר געווען: מע וועט ברענען הײַזער און טייטן מענטשן. דעם גאַנצן ראַיאָן האָבן די דײַטשן פאַנאַנדערגעטיילט אין עט־

לעבנ באַצירקנ. אינ דעמ טאָג, ווענ פונ אומעטומ האָט מענ דאָס ברויט באַראַפּט אַרויספירנ צומ עלעוואַטאָר, וואָס אינ ראַיצענטער, איז אונדזער אַטריאַד אַרויסגעגאַנגענ באַגעגענענ דעמ אָבאָז. איבער די דערפער, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אינ דער וואַלד-זאָנע, ווײַט פונ ראַיצענטער, האָט א גרויסע וואַכ די פּורנ באַגלייט. ווענ עטלעכע אָבאָזנ האָבנ זיכ פאַרייניקט אונ צומ עלעוואַטאָר איז שוינ געווענ ניט ווײַט, זײַנענ די דײַטשנ זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ איבער די גאַרניזאָנענ אונ איבערגעלאָזט בא די פּורנ נאָר עטלעכע פּאָליציי-לײַט. אונדזער אַטריאַד איז געווענ פאַרמאַסקירט ניט ווײַט פונ וועג. ווי נאָר די וועגענער מיט טוווע האָבנ זיכ אויסגעגלײַכט מיט דעמ אָרט, ווו מיר זײַנענ געלעגנ, האָבנ מיר זיכ אופגעשטעלט אונ צוגעגאַנגענ צו זיי. די פּויערימ זײַנענ געווענ שטאַרק צופרידנ פונ אזא באַגעגעניש. די פּאָליציי-לײַט האָבנ ניט געהאַט ווו'הינ צו לויפנ. זיי האָבנ זיכ געפונענ ווי צווישנ צוויי ווענט. איינ פּאָליצײַ האָט זיכ גענומענ בעטנ באַמ אָנטרײַבער, ער זאָל זאָגנ, אז זיי פאָרנ צוזאַמענ אפ איינ פור. דער פויער איז אײַנגעגאַנגענ אפ דעמ. דעמ פּאָליצײַס ביקס האָט ער באַהאַלטנ צווישנ די זעק.

אונדז האָט זיכ ניט געוואָלט מאַכנ קיינ טומל, אונ מיר האָבנ גלײַכ פאַרקערעוועט דעמ גאַנצנ אָבאָז אפ א זײַטיקנ וועג, וואָס פירט אינ וואַלד ארײַנ. יעדנ וואָגנ האָבנ באַגלייט צוויי פּאַרטיזאַנער. אָפּגעפאָרנ א קילאָמעטער דרײַ—פיר, האָט דער קאָמיסאַר צונויפגעזאַמלט אלע פויערימ אונ דערציילט, ווער עס וועט עסנ זייער ברויט. פאַר די דײַטשנ, האָט ער געראַטנ, זאָלנ זיי זיכ פאַרענטפערנ, אז מיר זײַנענ אָנגעפאַלנ אפנ אָבאָז אונ מיט געוואַלד אלצ צוגענומענ. אייגנטלעכ גערעדט, האָט מענ זיי פאַרשפאָרט אינסטרוקטירנ, ווײַל עס איז אזוי אויכ קלאָר געווענ וואָס צו ענטפערנ. די פערד האָט ער צוגעזאָגט אומקערנ, ווי נאָר עס וועט מעגלעכ זײַנ.

— באַוועג קאָמיסאַר, — האָט זיכ איינער געווענדט, — איכ האָב פאַר אײַכ א מאַטאָנע אבוצנ ברויט. — דערבײַ האָט ער מיט פעסטע הענט אָנגענומענ פאַרנ קאָלנער זײַנ שאָכנ. — אָט דער הונט מיינט, אז אלע זײַנענ אזעלכע, ווי ער. שיקט עמעצנ צו מײַנ וואָגנ, וועט איר דאָרט געפינענ א ביקס. איכ מיינ, זי וועט אײַכ צוניצ קומענ.

די פויערימ זײַנענ זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ יעדערער אינ זײַנ דאָרפ, אונ מיר האָבנ זיכ געלאָזט אינ לאַגער. מיר זײַנענ אהינ אָנ-

געקומען שפּעט באַנאַכט. אַ ספּעציעלע גרופּע איז גלײַך אויסגעשטעלט געוואָרן צו פאַרבאַהאַלטן אין פאַרשיידענע ערטער דאָס ברויט. גריבער האָט מען פאַרגרייט, נאָך איידער מיר זײַנען געקומען.

2

מיר האָבן אָפּגעגעסן וועטשערע, אייניקע האָבן שוין באַוויזן אַנשלאָפן ווערן. צו די אויסשפּירער אין בײַדל איז אַרײַנגעקומען סטעפּאַן איוואַנאָוויטש און זיך צוגעזעצט לעבן שײַטער, אַנטקעגן טשעטשיוּאָשווילין, וואָס האָט געגעסן האָניק פון זײַן סאָלדאַטיש קעסעלע. די קעכערן האָט געבראַכט אַ גלאָז זודיק וואַסער. טשעטשיוּאָשווילי האָט אויסגעווישט זײַן לעפל און צוזאַמען מיטן האָניק דערלאַנגט דעם קאָמאַנדיר:

— טרינקט אויס, וועט איר זיך דערוואַרעמען.

סוויריד האָט מיט זײַנע קורצע, ברייטע פינגער אַרומגעכאַפּט די גלאָז און, האַלטנדיק זי באַם מויל, זיך צעשמייכלט.

— אוי, ביסטו אַ נאַשער, וואָלאָדיאַ!

די כעוורע האָבן זיך צעלאַכט. וואָלאָדיאַ האָט געוואָרפן אַף זיי אַ בייזן בליק און דעם קאָמאַנדיר, ווי פאַרענטפערנדיק זיך, אַ זאָג געטאָן:

— אזוי בין איך געוווינט. האָניק און ווײַן פלעגט קיינמאָל בײַ אונדז אין שטוב ניט פעלן. אָט וועט איר קומען צו אונדז אין גרוזיע, וועלן מיר אײַך אויך צוגעוווינען.

דער ציל פון דעם קאָמאַנדירס קומען איז געווען וואָרענען אונדז, אַז גיכער פון אַלץ וועט דער סוינע וועלן נעמען רעוואַנש פאַרן שפּיצל מיטן ברויט, און ער האָט געפאָדערט, אַז מיר זאָלן יעדע מינוט זײַן גרייט צו באַגעגענען אים ווי געהעריק. מיר האָבן צוגעזאָגט זיך פירן, ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, און באַגעגענען די דײַטשן, ווי זיי האָבן עס פאַרדינט.

צו ענדע טאָג זײַנען זײַנען קיין האַראָדעץ אָנגעקומען צוויי מאַשינעס מיט דײַטשן. בײַ דער באַפעלקערונג האָבן זיי געפרעגט דעם וועג אַף פּערעסאָפּניע. נעכטיקן זײַנען זיי געבליבן אין גאַרניזאָן. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען זיך אין לאַגער געגרייט צו מאָרגנדיקן טאָג. אַרײַנ־

טרעטנ אינ אנ אפענער שלאכט האט ניט געהאט קיינ זינ, אפ וויפל אונדז איז ניט געווענ באוווּסט, צי וועלנ קיינ אנדערע גארניזאנענ ניט קומענ זיי צו הילפ. דערצו זיינענ שוינ בא אונדז געווענ פארוונדעטע. אנ אנדער זאכ איז — א זאסאדע, ווו מע קאנ אנפאלנ אפנ פיינט אומגעריכט, מאכנ א טומל, ער זאל ניט וויסנ, צי האט ער צו טאנ מיט א ראטע, מיט א באטאליאנ אדער נאכ מיט מער. אונ אויב עס האלט שלעכט, קענ מענ אפטרעטנ. צו יענער צייט זיינענ מיר געווענ וויניק אינ דער צאל אונ שוואכ באוואפנט, — עס איז גענוג צו דערמאנענ, אז אינ גאנצנ אטריאד האבנ מיר פארמאגט איינ רוסישנ אווטאמאט, צוויי דייטשישע אונ צוויי טשעכישע — אונ זאסאדעס זיינענ געווענ איינער פונ אונדזערע הויפט־מעטאדנ אינ קאמפ קעגנ די אקופאנטנ.

פארטאג האבנ מיר זיכ פאנאנדערגעטיילט אינ צוויי גרופעס. איינע — אונטער דער אנפירונג פונעם קאמאנדיר, די צווייטע — פונ קאמיסאר, אונ זיכ אוועקגעלאזט צו די אנגעמערקטע ערטער. אונדז האט זיכ געדאכט, אז אויב אפילע די דייטשנ וועלנ זיכ לאזנ אינ וואלד, וועלנ זיי דאכ פריער ארייג אינ פערעסאפניע.

דער קאמאנדיר מיט זיינ גרופע האבנ זיכ פארמאסקירט ניט ווייט פונ בעסוילעמ, לעבנ דארפ. דער קאמיסאר האט זיכ געלאזט ווייטער. זיינ אופגאבע איז געווענ זענ, ווי ווייט מעגלעכ, ניט דערלאזנ, אז פונ אנדערע גארניזאנענ זאל מענ די הארעצער קומענ צו הילפ.

אינ לאגער זיינענ פארבליבנ קימאט בלויז אלטע לייט, פרויענ אונ קינדער. אליק בראנשטיינענ, וועלכער האט געהאלטנ אינ איינ בעטנ, מע זאל אימ מיטנעמענ, האט מענ באשטימט אלס צווייטנ נומער באמ האנט־קוילנוואַרפער, וועלכנ מע האט איינגעשטעלט אינ וואלד באמ וועג, וואס פירט אינ לאגער. קיינ ביקס האט ער ניט געהאט, נאר דיסקנ אנפילנ אונ צוטראגנ וועט ער דאכ קענענ. לאהויקענ, דעמ קאמענדאנט, האט סווירידי באפוילנ, אז אויב דער פיינט וועט ניט אפטרעטנ אונ די שלאכט וועט זיכ פארציענ, זאל ער אריבערפירנ אלעמענ אינעמ נייעמ לאגער, א קילאמעטער פינפ פונדאנענ.

3

דאָס מאָל זײַנען די דײַטשן ארויסגעטראָטן קימאט אינ איינ צײַט מיט אונדז. קיינ שום טראנספּאָרט האָבנ זיי מיט זיכ ניט מיטגע־נומענ. ניט אנדערש, ווי זיי האָבנ געטראכט, אז די טוווע ליגט נאָכ אינ די זעק און אפ די וועגענער.

ניט דערגאנגענ ביז צום דאָרף פּערעסאָפּניע אונ ערעכ אנ אָנדער־האלבנ קילאָמעטער, האָבנ זיי זיכ א נעמ געטאָנ אפ רעכטס מיטנ וועג, וואָס פירט צו אונדזער לאגער. שפּעטער האָבנ מיר זיכ פונ געפאנ־גענע דערוווּסט, אז געגאנגענ זײַנענ זיי טאקע קיינ פּערעסאָפּניע, נאָר באמערקט אפנ וועג צעשאָטענע קערנדלעכ קאָרנ, האָבנ זיי זיכ גע־לאָזט נאָכ זיי. ווײַזט אויס, עס זײַנענ געווענ א פּאָר צעריסענע זעק, אונ באנאכט האָט קיינער ניט באמערקט, אז עס שיט זיכ פונ זיי קאָרנ. אזא ניט פאָרזיכטיקײַט איז דאָנ געווענ אונ אומדערהערטע זאכ. עמעס, דאָס מאָל האָט זיכ עס אויסגעלאָזט צום גוטנ.

פונעמ אָרט, וווּ די דײַטשנ האָבנ פארקערעוועט, ביז צום לאגער איז געווענ ניט מער ווי א קילאָמעטער צוויי. אונדזער זאסטאווע, וועל־כע איז באשטאנענ פונ פינפ מענטשנ אונ האָט פארמאָגט איינ קוילנ־וואַרפער מיט דרײַ ביקסנ, האָט מיט אומגעדולד זיכ צוגעהערט, ווי דערטראָגט זיכ שוינ ניט דער אָפּקלאנג פונ דער שלאכט. וועגנ דעמ, אז זיי וועט אויסקומענ די ערשטע באגעגענענ דעמ פײַנט, איז קיי־נעמ אפילע אינ קאָפּ ניט געקומענ.

צוויי פּארטיזאנער, וואָס האָבנ פּאטרולירט איבערנ וועג פונ ברעג וואלד ביז צו דער זאסטאווע, האָבנ די ערשטע באגעגנט די דײַטשנ. איינער האָט זיכ געלאָזט לויפנ צום קאָמאנדיר, אונ דער צווייטער — אינ לאגער. ביידע האָבנ צו דרײַ מאָל אויסגעשאָסנ. דאָס איז געווענ בא אונדז א סיגנאל פונ אליארמ. די דײַטשנ האָבנ ניט געענטפערט. זיי האָבנ זיכ נאָר צעשאָטנ אינ א קייט אונ פאָרגעזעצט דעמ מארש פאָרויס.

דער עלטסטער פונ זאסטאווע, — ער איז געווענ אויכ דער ערשטער נומער באמ קוילנוואַרפער, — האָט געוואָרנט, אז פײַער זאָל מענ עפענענ נאָר, ווענ די דײַטשנ וועלנ שוינ זײַנ גאָר נאָענט. ביז דער לאגער וועט זיכ ניט אריבערקלײַבנ אפ יענער זײַט טײַכ, מוז מענ דעמ פײַנט פארהאלטנ דאָ אומ יעדנ פּרײַז.

— גיכער פאר אלץ וועלן מיר זיך דארפן האלטן געציילטע מינוטן, ווייל סווירידקער שוין פעסט איילן אהער.

אין ערעב פערציק פריצן האבן זיך צעזייט פון ביידע זייטן וועג. קימאט נאכאמאל אזויפיל זיינען געגאנגען אין א קאלאנע איבערן וועג. ווען זיי האבן זיך באוויזן, האט דער עלטסטער פון דער זאסטאווע, וואס האט זיך געפונען צוזאמען מיט אליקן אין פארמאסקירטן אקאפ, א צי געטאן צו זיך דאס הענטל פון קוילנוואַרפער און מיטן צייג־פינגער אנגעדריקט אפן אראפלאז־צינגל. אפן וועג — ווער עס איז אומגעפאלן, ווער עס איז אנטלאפן אפ רעכטס און אפ לינקס.

די דייטשן איז געווען קלאר, אז דאס האבן זיי צו טאן מיט א קליין הייפעלע מענטשן. זיי זיינען שוין אבער געווען גענוג אנגעלערנט און האבן מוירע געהאט פאר עפעס א שפיצל. ווער ווייסט, עפשער מאכן מיר עס מער ניט ווי אן אנשטעל, און מיר זיינען דא א קליינע צאל; זאלן זיי נאר פרוון זיך א לאז טאן פארויס, וועט זיי באגעגענען א שקוואל פייער. און ביכלאל, איז ווי נאר די היטלעראווצעס פלעגן ארייַנפאלן אין אן ארומרינגלונג פון ביימער און קוסטעס, פלעגן זיי פארלירן זייער גאנצע „העלדישקייט". איין זאך איז געבן א באפעל אפנעמען דאס ברויט, א צווייטע זאך — אנגרייפן אין וואלד, וו, ווי זיי אליין פלעגן ליב האבן זיך אויסדריקן, יעדער קוסט שיסט.

ווי די מייסע זאל ניט זיין, נאר אונדזער ערשטער באַרעכ-האבע האט זיי צוגעדריקט צו דער ערד. זיי האבן געענטפערט אפ פייער מיט פייער. פארשטייט זיך, מיט א מער אינטענסיוון און געדיכטערן, ווי אונדזערער: פון קוילנוואַרפער, אווטאמאטן און ביקסן, אויך א מינענוואַרפער האט געעפנט זיין מויל.

נאך צוויי מאל האבן זיי זיך געפרווט אופהייבן און גיין פארויס, אבער די פינף פארטיזאנער האבן זיי פארצוימט דעם וועג. דאן האבן זיי ארויסגעשיקט א גרופע פון א מאן פופצן, וועלכע האבן באדארפט פארניכטן אונדזער פייער־פונקט און זיך באוועגן פארויס פון דער קאלאנע. בא די פארטיזאנער איז שוין איינער געווען פארוונדעט אין האנט. זיין ביקס איז אריבער צו אליקן. ער האט אנגעפילט די לעצטע צוויי דיסקן. דאס זיינען געווען די לעצטע קוילן, האט מען געמוזט שיסן שפארעוודיק, מיט קורצע רייען.

דער עלטסטער פון דער זאסטאווע האט א קרעכץ געטאן. פון מויל האט א שפאר געטאן בלוט. דער קוילנוואַרפער איז אנשווייגן גע־

וואָרנ. די פאוזע האָט אויסגענוצט דער פײַנט און זיך א ריס געטאָנ פאָרויס. נאָכ עטלעכע טריט, אוג ער וועט דערלאנגענ צום אָקאָפּ. נאָר אליק האָט באקעמפט זײַנ פארלוירנקײַט. די ביקס האָט ער אָפּגעלייגט אָנ א זײַט, זיך גענומענ פארנ קוילנוואַרפער און, פונקט ווי דער אומגעקומענער כאווער, באגעגנט דעמ פײַנט מיט פײַער.

4

און סווירִיד איז געזעסנ מיטנ אָטריאד לעבנ בעסוילעמ, גע־וואַרט אפנ סוינע און געשמועסט מיט די פארטיזאנער.

— קאָזשעוויניקאָוו, — ווענדט ער זיך צו א הויכנ, געזונטנ באָ-כער, אנ עלטערנ סערזשאנט, — ווי וואָלט איר צעשטעלט אײַערע מענטשנ, ווענ איר פירט אָנ מיט דער זאסאדע? דערציילט אלצ, וואָס איר וואָלט פאָרגענומענ.

אזוי איז שוינ געווענ בא אונדז אײַנגעפירט, באזונדערס ווענ מיר פלעגנ זיך געפינענ אינ א זאסאדע — אויב נאָר די שלאכט איז ניט געווענ קיינ אומדערוואַרטע — קימאט ביז צו דער מינוט, ווענ עס פלעגט זיך באווײַזנ דער פײַנט, פלעגט אלצ צוגיינ ווי א געוויינ־לעכער לימעד פונ פארט זאנישער טאקטיק.

קאָזשעוויניקאָוו האָט ניט באוויזנ צו ענטפערנ, ווי עס האָבנ זיך דערהערט דרײַ שאָסנ — דער סיגנאל פונ אליארמ.

— און איצט וואָס וואָלט איר געטאָנ? — פרעגט בא אימ סוויִ־ריד.

— אויסגעקלאָרט די לאגע.

— איז גיכער. נעמט מיט זיך דרײַ כעווירע. צוויי שיקט גלײַכ צומ לאגער.

אלע פארטיזאנער פארנעמענ די ערטער, וואָס זײַנענ נאָכ פונ פריִער געווענ אָנגעמערקט. סווירִיד זיצט אפ א פניאָק, לעבנ אימ שטייענ דער שעפ פונ שטאב קאפיטאנ איגנאטענקאָ און בארקאָווסקי. ער האלט זיך אנ אייצע מיט זיי, דערנאָכ באפוילט ער:

— אָפּשאפנ די זאסאדע. מיטנ קירצסטנ וועג צומ לאגער.

מע האָט אימ שוינ מיטגעטיילט, אז די דײַטשנ זײַנענ אוועק אינ דער ריכטונג צומ לאגער. אינ וואלד הילכט א שיסערײַ. דאָס האָט די זאסטאווע באגעגנט דעמ פײַנט. סווירִיד ווייסט גוט זײַנע פארטיזא־

נער און צווייפלט ניט, אז אַן א שלאכט וועלן זיי ניט אָפּטרעטן. נאָר ווי לאַנג קאָנען פינף מענטשן אײַנהאַלטן דעם פײַנט?

אַט יאָגט אונדז אַנטקעגן א צווייטער פאַרבינדלער. נאָך פונוועטן טיילט ער מיט: פון לאַגער האָבן זיך אַלע באַוויזן אַרויסקלײַבן.

סווירּיד ווישט אוים דעם שוויים פון שטערן. אויב אַזוי, איז די געפאַר שוין גאָר ניט אַזוי גרויס. מיט א „הורא!" זײַנען מיר אָנגעפאַלן אפן פײַנט. קענטיק, זיי האָבן מוירע געהאַט אָפּשטיין איינע פון די צווייטע און, ווי שאָף, זיך געהאַלטן גרופּנווײַז. אונדזערע פאַרקערט האָבן זיך צעזייט, און יעדער האָט, ווי א פאַרטיײַטער יעגער, געוואַרט, עס זאָל זיך באַווײַזן א דײַטשישער פאַרצעף. די דײַטשן האָבן אופגעהויבן א שיסערײַ. נאָר אַזויווי זיי האָבן ניט געוווסט, ווער ווו ס'געפינט זיך, האָבן זיי איינע די צווייטע געשראָקן מיט זייער פײַער. בײַזן אָנקום פון נאַכט האָט געדויערט די טשיקאַווע שלאַכט. מיר האָבן זיך שוין אַלע אין לאַגער צונויפגעזאַמלט, און די לעבן געבליבענע דײַטשוקעס האָבן נאָך געבלאָנדזעט אין וואַלד און געטריבן איינע די אַנדערע.

אין שטאַב האָט מען אויסגעפרעגט די געפאַנגענע.

— איר האָט געוווסט, ווו אונדזער לאַגער געפינט זיך, אָדער איר האָט צופעליק פאַרקערעוועט אַהער? — האָט געפרעגט דער שעף פון שטאַב.

— מיר האָבן פאַרקערעוועט אַהער, ווײַל מיר האָבן דערזען פאַרשאָטענע קערנער און געמיינט, אז מיר וועלן דאָ געפינען דאָס ברויט. נאָר ווען איר זײַט אָנגעפאַלן אף אונדז, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אז מיט די קערנער האָט איר אונדז, ווי הינער, פאַרנאַרט.

אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט. קיינער האָט זיך ניט געפרווט דערוויײַזן, אז דאָס איז ניט אַזוי. אויך די אַרומיקע באַפעלקערונג האָט באַשטימט, אז מיר האָבן ספּעציעל אויסגעשאָטן די קערנער אף פאַרנאַרן די דײַטשן אין וואַלד.

צופרידענער פאַר אַלעמען איז געווען אַליק. אין דעם אָוונט האָט דער קאָמאַנדיר אים אַרויסגעגעבן א ביקס.

אונדזער שרײַבער און קינסטלער יעווסטראַט אָקושעוויטש האָט אפן צווייטן טאָג אָנגעשריבן א ספּעציעלע ליד, געווידמעט דער אָפּעראַציע. מיט דער צײַט איז זי געוואָרן ביז גאָר פּאָפּולער און האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די פאַרטיזאַנער פון גאַנץ ווײַסרוסלאַנד.

אנ ערעב א וואָכ האָבנ מיר געלעבט אינ ניַיעמ לאגער. דער ווינטער איז געווענ א פריִער. עס איז שוינ אויסגעפאלנ דער ערש־טער שניי, אונ עס זיַינענ אָנגעקומענ קאלטע טעג. ווייניק־ווער עס האָט פארמאָגט ווארעמ אָנטאָנ, אונ אינ די ביַידלעכ איז געוואָרנ אומעגלעכ צו וווינענ. מיר האָבנ באשטימט זיכ איבערקליַיבנ אינעמ ווינטערדיקנ לאגער, וועלכנ עס האָבנ שוינ א ציַיט געגרייט פאר אונדז די ווירטשאפטלער.

איכ בליַיב אנ אויסשפירער

1

מיַינ ערשטער קאָמאנדיר איז געווענ דער סערזשאנט וואסילי סאוויטש. אינ אָטריאד איז ער אראָפגעקומענ אינ א ניַיִנקנ פאע־טאָג, אינ וועלכנ עס זיַינענ געווענ איַינגעשפאנט א פּאָר ברענענדיקע פערד. באוואָפנט איז וואסיא געווענ פונ קאָפּ ביז די פיס. מיט אימ איז געקומענ זיַינער א כאווער א פעלדשער, וואָס האָט געהונקענ אפ א פוס. האָט סאוויטש גליַיכ געמאָלדנ, אז דעמ כאווערס דעפעקט וועט ער קאָמפענסירנ, ער וועט זיכ שלאָגנ פאר צווייענ, זאָל מענ נאָר זיַינ כאווער אויכ אָנעמענ אינ אָטריאד. דעמ פאעטאָנ האָט מענ גליַיכ צוגעפאסט פאר א קוילנווארפער־טאטשאנקע, אונ סאוויטש איז געוואָרנ אנ אויסשפירער. די ווערטער „ניט מעגלעכ" האָט ער ניט אָנערקענט. דער ערשטער פלעגט ער זיכ שטענדיק לאָזנ אינ די סאמע ריזיקאלישע אָפעראציעס. דערפאר נאָכדעמ, ווי ער פלעגט זיַינס אויספירנ, האָט ער ליב געהאט א הוליע טאָנ, אז כעווריע זאָלנ האָבנ וועגנ וואָס דערמאָנענ. דאָרט, ווו עס האָט זיכ געפאָדערט באזונדערע געוואגטקיַיט, איז וואניא טשיַיקא געווענ זיַינ שטענדיקער קאָמפאניאָנ.

כאָטש וואניא איז געווענ דער יינגסטער, איז ער אָבער געווענ איינער פונ די בעסטע אויסשפירער אינ אָטריאד. נאָכ פונ קינדוויַיז האָט מענ אימ אינ דאָרפ געגעבנ א צונאָמענ ליסענקאָ (בא אימ איז געווענ א פליכ אפנ קאָפּ). ווי מע דערציילט, זיַינענ ניט ווייניק יאט־לעכ פונ דאָרפ ארומגעגאנגענ מיט צעדראפעטע פּנימער פאר דעמ

װאָרט, — האָט מענ אימ געגומענ רופנ בא זײַנ נאָמענ אונ פאָטער־נאָמענ — איװאַנ איװאַנאָװיטש.

אָט דער סערזשאַנט סאַװיטש אונ איװאַנ איװאַנאָװיטש זײַנענ געװענ מײַנע ערשטע לערער. װי איכ האָב באַמערקט, זײַנענ זײ ניט שטאַרק צופרידנ געװענ פונ זײער נײַעמ שילער. זײ האָבנ געװאָלט פונ מיר מאַכנ א מינ עקאַנאָמ פונ דער װירטשאַפט, װאָס די אַפּטײ־לונג האָט פאַרמאָגט, ביג איכ אָבער גלײַכ דורכגעפאַלנ.

פרוּער פאַר אַלצ האָט זיכ אַרױסגעװיזנ, אַז איכ קאָנ ניט אײַנ־שפאַנענ דאָס פערד אינ װאָגנ. סאַװיטש אונ טשײַקאַ האָבנ זיכ אױס־געצױגנ אפנ װאָגנ אונ צופרידנ אונטערגעשמײכלט, צוקוקנדיק, װי איכ מוטשע זיכ.

— איװאַנ איװאַנאָװיטש, עפּשער װעלנ מיר כאַפּנ א דרעמל, ביז ער װעט אײַנשפאַנענ?

— כאַװער קאָמאַנדיר, גאַנצ מעגלעכ, אַז פאַר דער צײַט װעט זיכ די מילכאָמע ענדיקנ.

איכ װאַרפ אַװעק די האַלאַבליעס, כאַפּ זיכ אַרופ אפנ װאָגנ אונ לײג זיכ לעבנ זײ אפנ פרישנ הײ. אַז דער נײַנקער זאָל זײַנ אזא אזעס־פּאָנעמ, האָבנ זײ זיכ, װײַזט אױס, גאָר ניט גערעכט. בײדע קוקנ זײ זיכ איבער. טשײַקעס מינע: זאָל אימ נאָר דער קאָמאַנדיר דערלױבנ, פלי איכ גלײַכ פונעמ װאָגנ אַראָפּ. סאַװיטש קריכט אַראָפּ אפ דער ערד, גלײַכט אױס זײַנ גימנאַסטיאָרקע, פאַריכט דעמ רימענ אונ שטיל, נאָר מיט קאָס רעדט ער אױס:

— אופשטײנ!

אױב איכ האָב געלערנט אינ א מיליטערישער שול אונ װײס, װי מע דאַרפ שטײנ פאַר א קאָמאַנדיר. האַסטיק שפּרינג איכ אַראָפּ אונ, ניט דערגײענדיק צו אימ א פּאָר שפּאַנ, בלײַב איכ שטײנ, די הענט אַראָפּגעלאָזט, דעמ קאָפּ אופגעהױבנ.

— װאָס האָב איכ אײַכ באַפױלנ? — פרעגט ער בא מיר.

— אײַנשפּאַנענ.

— פאַרװאָס פילט איר ניט אױס?

— איכ װײס ניט װיאַזױ, איכ בעט װײַזנ.

טשײַקאַ ליגט אפנ גראָז אונ קײַכט פאַר געלעכטער. איכ טראַכט: אױב סאַװיטש איז אַנ עכטער קאָמאַנדיר, װעט ער עס אימ ניט פאַרשװײַגנ. דיסציפּלינ איז א זאַכ, װאָס פאָדערט זיכ פונ אַלעמענ

גלײַכ. סאָוויטש קערעוועט אוימ דעמ קאָפּ און צעשרײַט זיכ אַזוי, אַז אַנ עכאָ צעקײַקלט זיכ איבערנ וואַלד.

— אופשטײנ!

באַ טשײַקענ ווערט דער שמײכל פאַרגליווערט אפ די ליפּנ. ער איז נאָכ ניט זיכער, אַז דער באַפעל האָט צו אימ א שײַכעס, נאָר ער האָט זיכ שוינ אופגעשטעלט און טרײסלט לאַנגזאַמ אַראָפּ די גרעזלעכ, וואָס שטעקנ אינ אַנצוג.

סאָוויטשעס בליקנ זײַנענ איצט געווענדט אפ אימ. ער ווײַזט אימ אַנ אפ מיר.

— זע, ווי מע דאַרפ שטײנ פאַר א קאָמאַנדיר.

— ביז איצט האָט מיכ קײנער ניט געלערנט, — ענטפערט ער א ברוגזער.

— איז ניטאָ וואָס צו לאַכנ, וועג א כאַוועך קענ עפּעס ניט. צוזאַמענ שפּאַנט אײַנ. איר וועט אײנער דעמ צווײטנ לערנענ.

איוואַנ איוואַנאָוויטש קאָנ ניט לאַנג האַלטנ קײנ קאַס. עס איז ניט פאַרבײַ קײנ האַלבע שעה, און ווידער טרײסלט ער זיכ פונ געלעכטער. איכ האָב נאָכ פריִער באַמערקט: טשײַקאַ איז א גרויסער ליבהאָבער א לאַכ צו טאָנ. אויב גלײבנ סאָוויטשנ, איז עס אײנע פונ די גרונט־מײַלעס, צוליב וועלכע ער האָט גענומענ טשײַקענ צו זיכ אינ אָפּטײלונג.

2

אונדזער אָפּטײלונג האָט באַקומענ א באַפעל דורכפירנ א זעלבשטענדיקע ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציע. אַרומ האַלבער נאַכט זײַנענ מיר געקומענ אינ דאָרפ, וווּ עס זײַנענ אײַנגעשטאַנענ א פּאָר צענדליק דײַטשנ און פּאָליצײַענ. אפ באַנאַכט האָבנ זײ זיכ פאַרקליבנ אינ קאַזאַרמע, און מיר האָבנ געבאַלעבאַטעוועט אינ זײערע הײַזער. גאַנצפרי האָבנ מיר בעשאָלעמ זיכ דערקליבנ צו אונדזערנ א דאָרפ.

מיכ האָט מענ אַוועקגעשיקט מיט אַנ אופגאַבע א קילאָמעטער צענ פונ דאָרפ. אומגעקערט האָב איכ זיכ, ווענ די זונ האָט שוינ געהאַלטנ באַמ זעצנ זיכ. איכ האָב גלײַכ באַמערקט: כעוורע זײַנענ פרײלעכער ווי געוויינלעכ. טשײַקאַ האָט מיכ אָפּגערופּנ אינ א זײַט און אײַנגע־

רוימט א סאַד, אז מײַן כּײלעק בראַנפן האָט ער פאַרבאַהאַלטן. סאַװיטש האָט זיך דערװוּסט װעגן דעם און האָט זיך אויסגעבייזערט:

— פאַראַן א קאָמאַנדיר, װאָס זאָרגט פאַר אַלעמען. איך אַלײן האָב פאַר אים זײַן כּײלעק איבערגעלאָזט.

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון ביידע כּאַלאָקים.

צו צען אַזײגער אין אָװנט האָבן מיר אַלע געדאַרפט זײַן אין לאַגער. שוין עטלעכע מאָל, װי איך דערמאָן װעגן דעם סאַװיטשן, ער מאַכט זיך ניט הערנדיק. איך שפּאַן אײַן די פערד אין די װעגענער, לײג אָן פריש הײ, דערנאָך לאָז איך זיך צו סאַװיטשן און הויב, אַלע זאָלן הערן, װענדע איך זיך צו אים:

— כאַװער קאָמאַנדיר, דערלויבט אײַך מיטײלן.

— טײלט מיט.

— אַלץ איז גרייט, מיר קענען פאָרן.

— שפּעטער. לאָמיר נאָך פאַרברענגען דאָ א ביסל.

— כאַװער קאָמאַנדיר, מיר האָבן ניט קײן רעכט, טוט זיך אָן.

װידעראַמאָל בייזערט זיך אָפּ מיר משײקא. ער שװערט, אַז ער האָט נאָך פריִער געװוּסט, אַז פון דעם נײַינקן װעלן זײ האָבן אויסצושטײן צאָרעס.

— ער איז שוין ניט קײן נײַינקער, — ענטפערט אים סאַװיטש.

עס איז געװען אײַנגעפירט בא אונדז: װען מע קערט זיך אום אין לאַגער, שטעלן זיך די אָנגעקומענע אין רײ, און דער עלטסטער טײלט מיט זײַן קאָמאַנדיר, װי די אויפגאַבע איז אויסגעפילט געװאָרן.

דער קאָמאַנדיר פון דער אויפשפּירונג סעמיאָן באַרקאָװסקי קוקט פאַרדעכטיק אָפּ סאַװיטשן, נאָר זאָגט אים גאָרניט.

װאָלאָדיאַ לאָפּאַטינסקי, אונדזער סטאַרשינא, האָט שוין באַװיזן א נישטער טאָן אין די װאָגנס. ער אײַלט אַהער, און נאָך פונװײַטנס שרײַט ער צו באַרקאָװסקין:

— כאַװער קאָמאַנדיר, װיפל האָט סאַװיטש מיטגעטײלט, האָט ער גענומען כאַזײרים?

— אײנעם.

— און איך טײל אײַך מיט, אַז צװײ.

באַרקאָװסקי איז אײנער פון די שטרענגסטע קאָמאַנדירן אין

אַטריאַד. ער קאָן יאָ אַמאָל עפּעס אַ כעט מוחל זײַן, אָבער קיין ליגן — ניט. דאָס ווייסן אַלע.

— סערזשאַנט, וויפל האָט איר גענומען באַזיירים?

— איינעם.

באַרקאָווסקי רופט אים און דעם סטאַרשינאַ אַרײַן צו זיך אין בײַדל. מיר וואַרטן. קיין באַפעל פאַנאַנדערגיין זיך איז ניט געווען.

— טשײַקאַ, — פרעג איך בײַ מײַן שאָכן, — וויפל זײַנען געווען באַזיירים?

— האָסט דאָך געהערט, אַז איינער. און לאָפּאַטינסקי האָט אַזאַ נאַטור, אַז ווען מיר זאָלן געווען ברענגען צען, וואָלט ער געזאָגט, אַז צוועלף. דאָס איז דאָך ניט קיין מענטש, נאָר אַ סטאַר־שי־נאַ!

סאַוויטש גייט אַרויס פון בײַדל. אַנטקעגן ברענט אַ שײַטער, זעט מען די רויטע פלעקן אויף זײַן פּאָנעם. עמעצער פרעגט בײַ אים:

— באַוועור קאָמאַנדיר, מיר מעגן זיך פאַנאַנדערגיין?

— איך בין שוין ניט קיין קאָמאַנדיר, — ענטפערט ער און לאָזט זיך ווײַטער גיין.

באַרקאָווסקי רופט אַרײַן צו זיך יעדערן פון אונדז, און אַלעמען שטעלט ער איינע פראַגע:

— וויפל האָט איר גענומען באַזיירים?

איינע ענטפער:

— איינעם.

קיין וועטשערע ווילט זיך ניט עסן. מיר ליגן און הערן, ווי עס טרעשטשען די צווײַגן אין שײַטער. קיריק איז געקומען, גייט ער פון איינעם צום צווייטן אויף די שפּיץ פינגער, פּונקט ווי דאָ זאָלן ליגן שווער קראַנקע. קעדריי אַרויסוויזן זײַן סאָלידאַרישקײַט מיט אונדז, זידלט ער דעם סטאַרשינאַ, שיט אויף אים פעך און שוועבל.

סאַוויטשן האָט מען אַרויסגערופן אין שטאַב. מיך רופט מען צום קאָמיסאַר. אויסער אונדז צווייען איז אין בײַדל קיינער ניט פאַראַן. ער הייסט זיך מיר זעצן. דאָס ערשטע, וואָס איך דערזע, זײַנען צוויי אָפּגעהאַקטע באַזער־קעפּ אויפן דיל, אויף אַ בינטל היי.

— ווי פילט איר זיך בײַ די אויסשפּירער? — פרעגט בײַ מיר דער קאָמיסאַר.

— גוט.

— דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד האָט מיר דערציילט, אַז איר האָט צוגעזאָגט ערלעכ דינען.
— יאָ.
— איר האָט פאַרענדיקט א מיליטערישע שול?
— ניין. נאָכ פארג ארויסלאָז האָט מען אונדז אוועקגעשיקט אפנ פראָנט.
— א פּאַרטיזאַנ דאַרפ זײַנ א קרישטאָל־ריינער מענטש, ער טאָר קיינ ליגנ ניט זאָגנ. אזוי?
— אזוי.
— וויפל האָט איר גענומענ כאַזייירים?
— איכ ווייס וועגנ איינעם.
— אונ דאָס? — באַווײַזט ער מיר אפ די צוויי קעפּ.
— איכ ווייס ניט.
— באַרקאָווסקי וועט יעדנ פונ אײַכ באַשטראָפנ. אײַכ, ווי א נײַינקנ, וויל ער אריבערפירנ אינ אנ אנדער ראָטע.
מיר שטיקט אינ האַלדז. איכ ווייס, אונדזער קאָמיסאַר וועט קיינ־מאָל אומזיסט קיינ פּאַרטיזאַנ ניט באַשטראָפנ. איכ וויל אים דער־ציילנ, ער וועט מיר אפ זיכער גלייבנ, אז איכ בינ ניט שולדיק, נאָר דאָס מויל עפנט זיכ ניט. ער פרעגט בא מיר:
— איר האָט הײַנט געטרונקענ בראָנפנ?
— ניינ.
— איר קענט זײַנ פרײַ.
איכ בינ ארוים פונ בײַדל. א ווײַלע געשטאַנענ באַם ארויסגאַנג, דערנאָכ מיט אומזיכערע טריט זיכ אומגעקערט.
— כאַווער קאָמיסאַר, דערלויבט זיכ ווענדנ.
— יאָ.
— אויב עס איז שוינ פאַראַנ א באַפעל מיכ אריבערפירנ פונ די אויסשפּירער, איז בעט איכ אײַכ, שיקט מיכ צו די דיווערסאַנט־לער.
ער ענטפערט מיר ניט, נאָר הייסט מיר גיינ זיכ אויסרוענ.
— נו, וואָס? — באַגעגענענ מיכ מײַנע כאַווײרים.
— איכ בינ שוינ מער ניט קיינ אויסשפּירער, — ענטפער איכ אונ טו זיכ א וואַלגער אפ מײַנ געלעגער.
— הער, — זאָגט צו מיר סאַוויטש, — כאַזיירים זײַנענ גע־

ווענ צוויי, איינעמ האָבנ מיר באשטימט איבערלאָזנ אינ דאָרפ, ווו מיר שפּײַזנ זיכ שוינ צוויי וואָכנ נאָכאנאנד אונ ווו מיר וועלנ נאָכ זײַנ, ווער ווייסט וויפל צײַט. איינ קאָפּ האָבנ מיר פארגעסנ אראָפּנעמענ פונ וואָגנ. ס׳איז אונדזער שולד, וואָס מיר האָבנ דעמ עמעס ניט דערציילט. קיינער וואָלט אונדז ניט באשטראָפט.

— קומ צומ קאָמיסאר, — רופט אימ טשײַקא, — דאָס איז געווענ מײַנ פאָרשלאָג. מיר זײַנענ שולדיק, אונ ער דאַרפ בלײַבנ אנ אויסשפירער.

פונ דעמ מאָמענט אָנ האָב איכ זיי ליב באקומענ.

אפ א כוידעש צײַט איז סאוויטש געוואָרנ באפרײַט פונ זײַנע פליכטנ אלס קאָמאנדיר. פארביטנ אימ האָב איכ. פאר דער צײַט האָט ער אופגעריסנ א פײַנטלעכנ עשעלאָנ.

אז די שטראָפ איז פונ סאוויטשנ אראָפּגענומענ געוואָרנ, האָט מענ מיר געגעבנ אנ אנדער אָפּטיילונג אויסשפירער. מיט מיר צוזאמענ איז שוינ נאָכדעמ די גאנצע צײַט געווענ טשײַקא.

אוסאקינער וועלדער

1

פאר דער מילכאָמע האָט געווימ האלב באפעלקערונג פונ קליטשעווער ראיאָנ ניט געוווסט, אז ס׳איז פאראנ א דאָרפ, וואָס הייסט אוסאקינאָ. דערפאר אָבער, ווענ די פאשיסטנ האָבנ אָקופּירט ווײַסרוסלאנד, איז אוסאקינאָ מיט זײַנ וואלד געוואָרנ באוווסט ניט נאָר אינ מאָליעווער געגנט, נאָר אויכ ווײַט אויסער אירע גרענעצנ.

מיר דערמאָנט זיכ א שמועס מיט איינעמ א געפאנגענעמ דײַטשישנ סאָלדאט. צווישנ אנדערע האָב איכ אימ געשטעלט די פראגע:

— זאָגט מיר, וועלכע שטעט ווייסט איר אינ סאָוועטנ־פארבאנד?

ער האָט אָנגערופנ: מאָסקווע, לענינגראד, סטאלינגראד, סעוואסטאָפּאל אונ — אוסאקינאָ.

איינמאָל האָבנ מיר אונטערגעשאָסנ א דײַטשישנ אעראָפּלאנ. באמ פליִער איז געווענ א קארטע, ווו עס זײַנענ מיט שווארצע ציילעמס

געווענ אָפּגעמערקט די פּאַרטיזאַנישע דערפער. אוסאַקינאָ איז אויסעדעם נאָכ געווענ ארומגענומענ מיט א רויטנ קרײַז. אונ, ווירקלעכ, אינ גאַנצנ דאָרפ זײַנענ ניט געווענ אַזויפיל שטיבער, וויפל מאָל מע האָט עס באָמבאַרדירט. נאָר יעדעס מאָל פלעגנ זיכ נאָכ דער באָמבאַרדירונג אפ דעמ אָרט באַווײַזנ נײַע ערד־שטיבלעכ, אונ אוסאַקינאָ האָט ווײַטער עקזיסטירט.

אינ וואַלד, וואָס א קילאָמעטער צוועלפ פונ אוסאַקינאָ, האָבנ מיר אײַנגעאָרדנט אונדזער ווינטערדיקנ לאַגער. פריִער פאַר אַלצ האָבנ מיר אויסגעבויט א לאַזאַרעט, ווּהינ מיר האָבנ אריבערגעפירט די פאַרוווּנדעטע אונ קראַנקע.

אינ די אַלע ערד־שטיבלעכ זײַנענ געווענ אײַזערנע אייוועלעכ. אינ דרויסנ האָט געמעגט סמאַליענ דער פראָסט, אונ בא אונדז איז געווענ גענוג וואַרעמ.

דער פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד — די איזאָכאָוועצעס, וועלכע האָבנ זיכ געפונענ אינ דעמ זעלבנ וואַלד, האָבנ בא זיכ אויסגעבויט אפילע א באָד אונ א בעקערײַ.

אפ א טעריטאָריע פונ וועלכע פופצנ—צוואַנציק קילאָמעטער האָבנ זיכ דאָס מאָל קאָנצענטרירט אַזויפיל אָטריאַדנ, אז מיר האָבנ שוינ ניט מוירע געהאַט אפילע פאַר קיינ פײַנטלעכער דיוויזיע. אינ צענטער האָט זיכ געפונענ דער מאָליעווער אונטערערדישער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָמיטעט, פונ וועלכנ מיר פלעגנ באַקומענ אַלע אָנווײַזונגענ אונ דורכ וועלכנ מיר פלעגנ זיכ פאַרבינדנ מיטנ ווײַסרוסישנ שטאַב פונ דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג, וואָס האָט זיכ געפונענ אפ דער „גרויסער ערד”.

דאָס נאָענטסטע דאָרפ צו אונדזער לאַגער איז געווענ דולעבא, בערעזינסקער ראַיאָנ. ניט ווײַט פונ אונדז, אינ זשאַבאָווקע, האָט זיכ געפונענ א גרופּע סאָוועטישע דעסאַנטלער. זיי האָבנ אויכ געפילט א כפּעציעלע אויפגאַבע, דערבײַ זיכ געפונענ אינ ענגנ קאָנטאַקט מיט אונדז. ווי נאָר א געפאַר, פלעגנ מיר זיכ פאַרייניקנ צוזאַמענ. אַלע האָבנ זיי פאַרמאָגט אווטאָמאַטיש געווער אונ מיר פלעגנ מיט פאַרגעניגנ זיי ארײַנעמענ אינ אונדזער מישפּאָכע. דערצו האָבנ זיי נאָכ געהאַט זייער אייגנס א ראַציע, וועגנ וואָס מיר האָבנ דעמלט געקענט בלויז טרוימענ.

2

אין די לאַנגע האַרבסטיקע נעכט פֿלעגט מען זיך צונויפֿנעמען אין איינעם פֿון די ערד־שטיבלעך. בײַ אונדז זײַנען געווען גוטע זינגער, האַרמאָניסטן. באַזונדערס ענג פֿלעגט זײַן, ווען צו אונדז פֿלעגט קומען צוגאַסט די דעסאַנטלערן קלאַווע מילאַראַדאָווע.

ביז דער מילכאָמע האָט זיך קלאַווע געלערנט אין מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אָפּ קאַרל ליבקנעכטס נאָמען. ווען דער קליינוווקסיקער קלאַווע מיט די לאַנגע שוואַרצע צעפּ וואָלט מען פֿאַר דער מילכאָמע געזאָגט, אַז זי וועט זײַן אַ העלדישע דעסאַנטלערן, וועט זיך דרייסט און געשיקט שלאָגן באַם סוינע אין הינטערלאַנד, וואָלט זי זיך עפּשער אַליין די ערשטע צעלאַכט. די סטודענטן אין צוזאַמענוווינונג האָבן זי ליב געהאַט פֿאַר איר שיינער, קלינגענדיקער שטים, פֿאַר די האַרציקע לידער אירע. זי איז אַליין געווען אַ שטיקל פּאָעט. קיינעם האָט אָבער ניט פֿאַרוווּנדערט, ווען זי האָט אין די ערשטע טעג פֿון מילכאָמע דערלאַנגט אַ מעלדונג אין קאָמיוג־קאָמיטעט, מע זאָל זי שיקן אָפּן פֿראָנט. ניט בײַ איר איינער איז געווען אַזאַ פֿאַרלאַנג. מע האָט זיך אויך ניט געכידעשט, ווען פֿון ראַיקאָם איז זי געקומען אַ פֿאַרוויינטע און אַן אינקאַעסע, ווײַל מע האָט איר אין איר ביטע אָפּגעזאָגט.

אירע כאַווערטעס האָט זי געזאָגט, אַז זי פֿאָרט צום טאַטן, אַן אַלטן אײַזנבאַנער. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זי נעלעם געוואָרן.

אָנהייב פֿרילינג 1942 יאָר איז אין דער צײַטונג „קאָמכאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" געווען אָפּגעדרוקט אַ פּאָטאָ: אַ גרופּע מאָסקווער פּאַרטיזאַנקעס באַקומען שלאַכט־אָרדענס. די צווייטע פֿון לינקס איז געווען קלאַווע מילאַראַדאָווע. מע האָט איר פֿאַרגעלייגט פֿאָרן אָפּרוען, דערנאָך ווידער אָנקומען אין אינסטיטוט. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט.

אַ שווער געלאָדענער „דוגלאַס" האָט זיך אופֿגעהויבן פֿון אַ בײַמאָסקווער אַעראָדראָם, איבערגעשניטן די פֿראָנט־ליניע. טיף אין הינטערלאַנד באַם פֿײַנט האָט ער זיך באַפֿרײַט פֿון זײַן לאַסט. קלאַווע מיט אַ גרופּע כאַווײרים האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט פּאַראַשוטן. זיי האָבן געטראָפֿן אַהין, ווו ס'איז נייטיק געווען.

בײַ אונדז האָט זי געשעמט ווי אַ דערפֿאַרענע אויסשפּירערן. אָן

שרעק פלעגט זי זיכ אוועקלאָזנ אינ די גרעסטע גארניזאָנענ, פלעגט זיכ דערוויסנ, וואָס עס האָט זיכ געפּאָדערט, אונ פלעגט זיכ אומקערנ צוריק.

זיצנ בא א שטיטער אָדער באַם גליִענדיקנ אייוועלע אונ הערנ, ווי קלאווא זינגט אונ וואניא זאווגאָראָדני אקאָמפאנירט אפ זײַנ באיאנ, איז געווענ אנ עמעסער פארגעניגנ.

3

מיר, אויסשפּירער, פלעגנ זײַנ אינ לאגער זעלטענע געסט. אײַנ אָפּטיילונג איז פארבליבנ אינ ראיאָנ, פונוואנענ מיר האָבנ זיכ אַיבערגעקליבנ. אויכ מיר פלעגנ זײַנ טאָג אונ נאכט אפ אונדזער באַצירק. יעדע צוויי מעגטשנ האָבנ פארמאָגט א פערד מיט א שליטעלע, אונ אָפט פלעגט אויסקומענ מעסלעסנווײַז ארומיאָגנ פונ דאָרפ צו דאָרפ. די פויערים פלעגנ גערנ געבנ זייערע פערד, אז אונדזערע זאָלנ קענענ אָפּרוענ.

אינ יענע טעג האָבנ מיר באקומענ א לעבעדיקנ גרוס פונ דער „גרויסער ערד“. אפנ אעראָדראָם, וואָס דער אָטריאד האָט צוגעגרייט, האָט אראָפּגעניטערט אונדזערער אנ אעראָפּלאנ. אונדזער אָטריאד האָט באקומענ עטלעכע נומערנ „פּראוודא“ מיט סטאלינס פאָרטראָג וועגנ דעם XXV יאָרטאָג פונ דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. געווענ גליקלעכע, וואָס האָבנ באקומענ צו פינפ—זעקס אונ אפילע צענ בריוו. כײַ די צײַטונגענ, סײַ די בריוו זײַנענ געגאנגענ פונ האנט צו האנט, פונ דאָרפ צו דאָרפ.

דער אויסשפּירער וואניא יעראָכינ איז אלט געווענ קנאפּע נײַנצנ יאָר. אויסגעזענ האָט ער נאָכ יונגער. בעוורע פלעגנ זיכ וויצלענ איבער זײַנ שעמעוודיקײַט. אז א פויערטע פלעגט איִמ פארלייגנ עפּעס עסנ, פלעגט ער זיכ פארויטלענ, ווי א מיידל, אונ ווי ער זאָל ניט זײַנ הונגעריק, זיכ אָפּזאָגנ.

פארנ קומענ אינ אָטריאד האָט ער צוזאמענ מיט זײַנעמ א כאווער, בא וועלכנ ער האָט געוווינט, אופגעריסנ דעם שלאָס פונעמ ברויט־שפּײַכלער אינ דאָרפ אונ די גאנצע טוווע צעטיילט די פויערימ. צוויי פּאָליצײַענ האָבנ זיכ דערוווסט, אז דאָס איז זייער שטיקל ארבעט, אונ געקומענ זיי ארעסטירנ. אפנ וועג צו דער קאָמענדאטור איז וואניא אָנגעפאלנ אפ איינעמ פונ זיי, זײַנ כאווער — אפנ צווייטנ.

און אַט דער צאַרטער באָכער האָט מיט זײַנע הענט דערשטיקט דעם פּאָליצײַ, צוגענומען זײַן געווער און איז אנטלאָפן אין וואַלד.

יעראָכינע האָט געשריבן די מאַמע פון מאַרדאָוויע, אַז זײַן בריוו האָט געבראַכט דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם פון קאָמיוג. זי שרײַבט און גלייבט זיך אַליין ניט, אַז איר זון, פון וועלכן זי האָט שוין העכער א יאָר קיין שום ידיעות ניט באַקומען, לעבט און איז א פּאָלקס-געקאָמע-נעמער. זײַן פאָטער איז אוועק פרײַוויליק אין אַרמיי און דינט אין מאָסקווע. אין זעלבן קאָנווערט איז געווען אַרײַנגעלייגט א קאָלעקטיווער בריוו פון וואַניעס שול-כאַווערטעס. זיי האָבן דערציילט וועגן פרײַנט, וואָס זײַנען אוועק צוזאַמען מיט אים אין אַרמיי, וועגן דעם, וואָס מיט וועמען עס האָט פּאַסירט, וועגן דעם, וויאַזוי זיי, די מיידלעך, פאַרבײַטן די מאַנצבלען אין קאָלווירט. זיי האָבן צוגעזאָגט העלפן זײַן אַלטיטשקער, ווי אַן אייגענער מוטער.

אין דעם בריוו פון זײַן פאָטער איז געווען אַרײַנגעלייגט א צעטעלע פון קאָמאַנדיר פון טייל. ער האָט מיטגעטיילט, אַז די קאָמאַנדשאַפט האָט צוגעגרייט א מאַטאָנע פאַר אונדזער אָטריאַד און בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט וועט מען זי אונדז איבערשיקן.

וואָלאָדיאַ מאַטווייעוו — זײַן געזונט-צושטאַנד האָט זיך פאַר דער צײַט פאַרבעסערט, און ער האָט זיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל — האָט באַקומען א בריוו פון זײַן שוועסטערל פון מאָסקווע. זי האָט געבעטן, ער זאָל איר שרײַבן, צי קלעקט אים געלט, אַז ניט, וועט זי אים צושיקן. אויך האָט זי פאַרלאַנגט, ער זאָל אומבאַדינגט זיך פאָטאָגראַפירן און צושיקן זײַן פאָטאָ. איך האָב זי ניט לאַנג באַגעגנט אין מאָסקווע און דערציילט, וויאַזוי מיר האָבן געלאַכט פון איר פראַגע און באַקאַשע.

מיר האָבן באַקומען צוויי אַווטאָמאַטן, גראַנאַטעס, אופּרײַסשטאָפּ, קוילן און מעדיקאַמענטן. דאָס זײַנען געווען די טײַערסטע מאַטאָנעס פאַר אונדז. מיט זיך האָבן די פליִער פאַרכאַפּט עטלעכע שווער פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער און אונדזער פּאָטשט.

4

כוץ דער דאָזיקער פרייד האָט אונדז דעקאַבער כוידעש אויך געבראַכט גרויסע צאָרעס. מיר האָבן באַקומען אַזא קלאַפּ, נאָך וועלכן מיר האָבן לאַנג ניט געקענט צו זיך קומען.

נאכן אויספילן א שווערע אויפגאבע האט אונדזערע א ראטע זיך אפגעשטעלט אפרוען אין דארף אסטאפאווקע, וואס האט זיך געפונען א קילאמעטער פינף און דרייס־ק פונדאנען. פארטאג האט א פיינטלעכער באטאליאן ארומגערינגלט דאס דארף, און עס האט זיך פארבונדן ניט קיין גלייכע שלאכט. עס איז אומגעקומען דער קאמאנדיר פון ראטע באטיוניע, דער פאליטרוק בעקיש, שווער פארוואונדעט איז געווארן דער געהילף פונעם קאמאנדיר אנאטאלי וויאזעלשטשיקאוו, דער קאמסארג פון אטריאד קאליא וואלטשקאוו. אונדז צו הילף זיינען געקומען די איזאכאווצעס. דער פיינט איז אפגעטראטן מיט גרויסע פארלוסטן. אבער דער טויט פון אונדזערע בעסטע באוויירים האט אף אלעמען שטארק געווירקט.

אויך אינעם ראיאן, וווּ עס האבן זיך געפונען אונדזערע לאגערן, איז געווארן אומרויק. די דייטשן האבן געוווּסט, אז דא זיינען קאנצענטרירט א סאך פארטיזאנער, און האבן גענומען גרייטן אן עקספעדיציע קעגן אונדז. זייער קאמאנדשאפט האט אבער ניט דערשאצט אונדזער קראפט. וועגן דער שטראף־עקספעדיציע האבן מיר זיך דערוווּסט באצייטנס. אונדז איז באוווּסט געווען די צאל פיינטלעכע סאלדאטן און זייער באוואפענונג. נאך איידער זיי האבן זיך דערנענטערט צו אונדז, האט מען זיי אין צוויי ערטער מעקאבל־פּנים געווען מיט פייער. אבער דאס איז געווען א קלייניקייט קעגן דעם, וואס עס האט אף זיי געווארט. מיר האבן געהאט א באפעל ניט אפטרעטן פון וואלד.

די הויפט־ראליע אין דער אפעראציע פון אונדזער זייט האט געשפילט דער פארטיזאנער־פאלק אף סטאלינס נאמען. מע האט אויסגעקליבן א ביז גאר גערעטן ארט, ווו צו באגעגענען דעם פיינט. די דייטשן זיינען ארויס פון מאצעוויטשי און זיך געלאזט צו גאלינקא. דאס איז א זומפיק ארט, ווו מע קאן אפילו ווינטער ניט שטענדיק דורכפארן. ווען די דייטשישע סאלדאטן זיינען צוגעקומען צו די ערשטע הייזער פון גאלינקא און זייער ארטילעריע — צום בריק, האבן אונדזערע אווטאמאטלער, וואס האבן זיך געפונען אין די גערטנער, שטאלן און אף די בוידעמער, זיך גענומען פאר די סאלדאטן, און אונדזערע הארמאטן און מינענווארפער — פאר זייער טעכניק. אפן בריק איז געבליבן שטעקן אן אונטערגעקלאפטע מאשין. דא זיינען בוץ דעם געפאלן טויט צוויי פערד, אזוי

אַז דער וועג צוריק איז געווען פאַרשטעלט. פונ פראָנט און פונ רעכטנ פלאַנג האָט אַפּ די דײַטשנ געהאָגלט מיט פײַער, און זיי איז פאַרבליבנ איינ אויסוועג — נעמענ זיכ אַפּ לינקס, וווּ עס האָט זיכ געשפּרייט אַ נאָכ ניט אײַנגאַנצנ פאַרפרוירענער זומפּ.

נאָכנ דורכפאַל פונ דער אָפּעראַציע האָבנ די דײַטשנ גענומענ גרייטנ אַ גרעסערע. דאָס מאָל האָבנ זיי באַשטימט אָנגרײַפנ פונ אַלע פיר ריכטונגענ, זיי זאָלנ קענענ פאַרכאַפּנ דעמ גאַנצנ אוסאַקינער וואַלד־מאַסיוו.

5

דעמ 31־טנ דעקאַבער 1942 זײַנענ מיר, אַ גרופּע אויסשפּירער, צוזאַמענ מיטנ שעפּ פונ שטאַב, קאַפּיטאַנ איגנאַטענקאָ, געפאָרנ אַפּ אַ ווירטשאַפט־אָפּעראַציע. צוריקוועגס האָבנ מיר זיכ אָפּגעשטעלט נעכטיקנ אינ דולעבאַ. קאַפּיטאַנ איגנאַטענקאָ האָט אונדז אײַנגעלאַדנ צו זיכ באַגעגענענ נײַ־יאָר. דער זייגער איז שוינ געווענ האַלב צוועלפ, די וועטשערע איז געשטאַנענ אַפּנ טיש, עס זײַנענ אַרײַנ טעלעכע באַקאַנטע פּויערימ. אַלע האָבנ זיכ גענומענ דערמאָנענ, וויאַזוי יעדערער האָט באַגעגנט נײַ־יאָר מיט צוויי יאָר צוריק. עמעצער האָט זיכ געפּרוווּט אַ ביסל וויצל טאָנ, נאָר קיינער האָט אימ ניט אונטערגעהאַלטנ.

אינ שטוב איז אַרײַנ סוויריד. מיר זײַנענ אַלע אויפגעשטאַנענ פונ די ערטער און אימ אײַנגעלאַדנ צומ טיש. ער האָט זיכ אָפּגעזאָגט, געהייסנ אונדז אָפּגיכ איבערכאַפּנ עפּעס און אינ פינפ מינוט אַרײַנקומענ צו דער שטוב, וווּ ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט. ער און איגנאַטענקאָ זײַנענ אַרויס. ניט אַנדערש, האָבנ מיר זיכ אָנגעשטויסנ, אַז נײַ־יאָר וועט אונדז הײַנט ניט אויסקומענ צו פּראַווענ. ווײַזט אויס, אַז אַהער איז געקומענ דער גאַנצער אָטריאַד. פאַראַנ מיסטאַמ אַ וויכטיק שטיקל אַרבעט.

און קאַכ־האַווע: אינ דאָרפ יאַגאָדקאַ, האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, זײַנענ אָנגעקומענ דײַטשנ. דאַרפ מענ וואָס שנעלער פעסטשטעלנ זייער צאָל, באַוואָפענונג און די הויפּט־זאַכ — זייער ציל. וויאַזוי דאָס אויספילנ האָט מענ אונדז ניט באַדאַרפט דערקלערנ. די פערד זײַנענ בײַ אונדז געווענ אײַנגעשפּאַנט אינ די שליטלעכ. מיר האָבנ אַרופּ־

געצויגנ אפ זיכ די ווײַסע מאסקיר־כאלאטנ אונ זיכ געלאָזט אינ וועג ארײַנ.

די לעצטע עטלעכע טעג האָט געשאָטנ א געדיכטער שניי אזוי, אז אפילע אינ וואלד האָט פארווייעט אלע וועגנ. אונדזער וועג איז געלעגנ דורכנ דאָרפ מאטשיסק. מיר האָבנ זיכ קוים דערקליבנ אהינ. ווײַטער באוועגנ זיכ פאָרויס אָנ א וועגווײַזער איז געווענ אומעגלעכ. מיר זײַנענ געווענ קימאט אינ אלע הײַזער, נאָר אכוץ אלטע לײַט, פרויענ אונ קינדער האָבנ מיר אינ ערגעץ קיינעמ ניט געטראָפנ. נאָכ באטאָג האָבנ זיכ די אײַנוווינער דערוווּסט, אז דער פײַנט איז נאָענט, אונ ווער נאָר עס איז געווענ בעקויעכ, איז אוועק אינ וואלד. דאָרטנ האָבנ זיי א גאנצע לאנגע ווינטערדיקע נאכט געדארפט אָפזיצנ אונטערנ פרײַענ הימל, בא א שײַטער. אינ איינער א שטוב האָבנ מיר געטראָפנ אנ אלטיטשקנ. אונ כאָטש עס איז מיר געווענ א ביטערער ראכמאָנעס אפ אימ, בינ איכ געווענ געצוווּנגענ פאָרלייגנ אימ זיכ אָנטאָנ אונ פאָרנ מיט אונדז ווײַזנ דעמ וועג קיינ יאגאָדקא. דער אלטער האָט זיכ גראָד ניט געלאָזט לאנג בעטנ. ער האָט זיכ דערמאָנט אָנ זײַנע יונגע יאָרנ, ווענ ער האָט געדינט אינ דער ארמײ אונ איז געווענ א בראווער סאָלדאט. ער איז אפילע געווענ צופרידנ, וואָס מיר פארטרויענ אימ אזא זאכ. איינ כיסאָרנ האָט ער געהאט: ער איז געווענ שטארק באריידעוודיק אונ זיכ געפילט א ביסל באליידיקט, לעמײַ מיר האלטנ אימ אינ איינ אײַנשטילנ.

באמ עק וואלד האָבנ מיר איבערגעלאָזט איינ מענטשנ בא די פערד, אונ אליינ זײַנענ מיר אוועק צופוס. ווענ מיר האָבנ זיכ איבערצײַגט, אז מיר וועלנ שוינ אליינ טרעפנ אינ דאָרפ, האָב איכ באדאנקט דעמ אלטנ אונ געזאָגט אימ, אז ער מעג זיכ אומקערנ אהיימ. ווי גרויס אָבער איז געווענ מײַנ פארוווּנדערונג, ווענ ער האָט זיכ אָפגעזאָגט. עס האָט זיכ אויסגעלאָזט, ער האָט מוירע געהאט צו גיינ אליינ. מיטנעמענ אימ מיט זיכ האָבנ מיר ניט געקענט. די ריזיקע איז געווענ גרויס, אונ אונדז האָט ער געקענט בלויז שטערנ. עס איז אויכ ניט אויסגעשלאָסנ געווענ, אז מיר זאָלנ דארפנ פאָרנ ווײַטער אונ גענעמענ אנ אנדער וועגווײַזער.

ווענ איכ האָב אימ שוינ איבערצײַגט, אז מיר מוזנ זיכ געזעגענ, איז ער אָפגעגאנגענ עטלעכע שפאנ אונ זיכ ווידער אומגעקערט:

— באוועה קאָמאנדיר, — האָט ער זיכ צו מיר געווענדט, — זאָגט מיר אײַער פּאראָל.

— וועלכנ פּאראָל? — האָב איכ אימ ניט פארשטאַנענ.

— דעמ, מיט וועלכנ איר באנוצט זיכ, ווענ איר באגעגנט אײַנע די צווייטע.

מיר איז קלאָר געווענ, וואָס ער וויל פונ מיר. נאָר אויספּילנ זײַנ ביטע איז געווענ אומעגלעכ.

אונדזער פּאראָל איז געווענ גילטיק פאר אלע פּארטיזאנער און פלעגט זיכ בײַטנ ניט אָפטער, ווי אײנ מאָל אינ פינפ טעג. סײַדנ ווענ ער פלעגט באוווסט ווערנ דעמ סוינע. דעמלט פלעגט גלײַכ באשטימט ווערנ אנ אנדערער. באטאָג פלעגט מענ אימ באווײַזנ מיטנ געווער. מע פלעגט זיכ באמיִענ, די באוועגונגענ זאָלנ זײַנ אזעלכע, אז אינ א נויט־פאל זאָל מענ גלײַכ קענענ אָנווענדנ געווער.

באנאכט אָדער אינ א געדיכטנ נעפּל, ווענ פריִער דערהערט מענ דעמ מענטש און ערשט שפּעטער דערזעט מענ אימ, פלעגט דער פּאראָל באשטײנ פונ צוויי ווערטער, וואָס פלעגנ זיכ אָנהייבנ פונ אײנ בוכשטאַב און פונ צוויי ציפערנ, וואָס צוזאמענ האָבנ זיי באדארפט זײַנ גלײַכ צו א באשטימטער צאָל. דאָס ערשטע וואָרט איז שטענדיק געווענ א נאָמענ פונ א שטאָט, דאָס צווייטע — א טייל פונ געווער. דאָנ, געדענק איכ, ווי איצט, איז בא אונדז דער פּאראָל געווענ: „לענינגראד—לאָזשע, אכט".

מײַנ באוועה לעסקאָוויטש איז שוינ ארוימ פונ די קיילימ. ער האָט פארגעלייגט דעמ אלטנ וואָס גיכער זיכ אָפּטראָגנ. יענער אָבער האָט זיכ געאקשנט.

— איכ וויל ניט, — האָט ער געטײַנעט, — אז א פּארטיזאנער, אנ אײגענער מענטש, זאָל מיכ אומברענגענ.

מע האָט עפּעס געמוזט צוטראכטנ, קעדיי ווי־עס־איז אָפּטשעפּענ זיכ פונ אימ.

— גוט, — האָב איכ אימ געזאָגט, — איכ וועל דיר פארטרויענ אונדזער פּאראָל.

לעסקאָוויטש האָט געקוקט מיט אזעלכע אויגנ, ווי ער וואָלט זיכ אָט־אָט קלײַבנ וואַרפנ זיכ אפ מיר.

— פארגעדענק, אלטיטשקער, — האָב איכ געזאָגט, — בומ־בומ.

— בומ־בומ, — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעכאזערט. — איז

וואָס דאַרף מיר יענער ענטפערן? אָדער וואָס זאָל איך ענטפערן, אַז עמעצער וועט דער ערשטער אויסשרייַען — בום־בום?

„נו, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — מע וועט שוין מוזן, ווייזט אויס, פאַנטאַזירן ביז סאָף. אַ גליק נאָך, וואָס קיינער וועט אים איצט אין וואַלד ניט באַגעגענען".

— פופצן אַף דרייַסיק, — האָב איך געענטפערט.

ער האָט זיך געלאָזט גיין, און דער ווינט האָט צו מיר עטלעכע מאָל דערטראָגן זייַן שעפּטשען: — בום־בום, פופצן אַף דרייַסיק, בום־בום.

— זיידעניו, — האָט אים אָנגעיאָגט לעסקאָוויטש, — פאַרגעס ניט, וואָס פאַר אַ סאָד מיר האָבן דיר פאַרטרויט. זאָל גאָט היטן, אַז עמעצער זאָל זיך וועגן אים דערוויסן. אַפילו דייַן פרוי און קינדער טאָרסטו וועגן דעם ניט זאָגן. פאַרשטייסט?

קימאַט אין צוויי יאָר אַרום, ווען מיר האָבן זיך פאַרייניקט מיט דער רויטער אַרמיי, בין איך מיט אַ גרופּע קאָמאַנדירן געקומען אין מאַטשיסק. אַלע הייַזער האָבן די דייַטשן העכער אַ יאָר צוריק פאַר־ברענט. די גאַנצע באַפעלקערונג האָט זיך איבערגעקליבן אין וואַלד, און דאָ אין דאָרף זייַנען אַפילו די גאַסן פאַרוואַקסן געוואָרן מיט גראָז. באַ איינער אַ כורווע איז געשטאַנען אַ גרופּע רויטאַרמייער, אין דער מיט — מייַן אַלטער באַקאַנטער. איך האָב אים גלייַך דער־קענט. ער מיך — ניט.

— איז אָט, — האָט ער, קענטיק, פאַרגעזעצט אַ פריִער אָנגע־הויבענעם שמועס, — מיינט ניט, אַז מיר זייַנען געזעסן מיט פאַר־לייגטע הענט. אַפילו איך, אַן אַלטער מאַן, בין אויך געגאַנגען באַ־נאַכט מיט די פּאַרטיזאַנער אין אויסשפּירונג.

די סאָלדאַטן האָבן זיך איבערגעקוקט.

— וואָס, איר גלייבט ניט? איך קען אייַך אַפילו זאָגן זייער פּאַ־ראָל.

— אַדרעבע, — האָט עמעצער געזאָגט.

דער אַלטער האָט זיך, ווייזט אויס, דערמאָנט אָן אונדזער וואָר־ענונג. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַף אַלע זייַטן, זיך איבערצייַגט, אַז קיין זייַטיקע זייַנען ניט פאַראַן, דאַן האָט ער שטאָלץ אויפגעהויבן זייַן גרויען קאָפּ און הויך און קלאָר אויסגערעדט:

— בומ־בומ, פופצנ אפ דרײַסיק.

אלע האבנ זיכ הילכיק צעלאכט. ער איז געבליבנ שטײנ א פארוואונדערטער, א טיפ באלײדיקטער. איכ האב בעעמעס ראכמאנעס געהאט אפנ אלטנ. שנעל בינ איכ ארונטערגעשפרונגענ פונ פערד, זיכ דורכגעשטופט אינ דער מיט אונ געמאלדנ:

— לאכט ניט, כאווײרימ, געווענ א נאכט, ווענ בא אונדז איז אויכ אזא פאראל געווענ. אלצ, וואס ער האט דערצײלט, איז וואר.

ער האט מיכ דערקענט.

6

ווי מיר האבנ אויסגעקלארט, האבנ די דײַטשנ דאס מאל זיכ ניט געקליבנ מיט אונדז פארנעמענ זיכ. זײ האבנ געהאט אנ אנדער אופגאבע. דערפאר אבער אינ עטלעכע טעג ארומ, אנ ערעב דעמ 15־טנ יאנואר, האבנ זײ זיכ געלאזט צו אונדז.

איכ מיט א גרופע אויסשפירער זײַנענ זײ ארויסגעפארנ אנטקעגנ אונ א קילאמעטער פופצנ באוועגט זיכ פארויס פאר זײ. עטלעכע מאל האבנ זײ אונדז באמערקט אונ באשאסנ. נאר מיר פלעגנ זיכ האלטנ אפ אזא מעהאלעכ, אז מיר זאלנ שטענדיק באוויזנ זיכ אפטראגנ. ווי נאר מיר פלעגנ זיכ דערווײסנ וויכטיקע נײַעס, פלעגנ מיר גלײַכ צו וויסנ געבנ אינ שטאב.

אויכ די עקספעדיציע האט זיכ זײ ניט אײַנגעגעבנ. מיר זײַנענ געווענ געצווונגענ אפטרעטנ פונ די דערפער, אבער אינ וואלד האבנ מיר זײ ניט ארײַנגעלאזט. זײ האבנ זיכ אומגעקערט צוריק אינ די גארניזאנענ, אונ אינ עטלעכע טעג ארומ ווידער ארויסגעטראטנ קעגנ אונדז. דאס מאל האבנ זײ צונויפגעזאמלט מיליטער פונ אלע ארומיקע שטעט. אונדזערע אגענטור־אויסשפירער האבנ אונדז מיטגעטײלט, וויפל עס זײַנענ ארויסגעגאנגענ פונ באברויסק, מאליעוו, בעלינישי, בערעזינא, קיראוו, קלישעוו. מיר האבנ פארשפרײט קלאנגענ, אז אויכ דאס מאל קלײַבנ מיר זיכ ניט פארלאזנ אונדזער וואלד. דער ציל איז געווענ דעזארינטירנ די דײַטשנ.

אינעמ לעצטנ טאג, ווענ זײ האבנ זיכ פונ אלע זײַטנ דערנענטערט צו אונדז, האבנ מיר פארנאכט פארלאזט דעמ וואלד. צו דער

Montreal

צייט האָבן מיר זיך פאַריייניקט מיט די איזאַכאָווצעס אין איין בריגאַדע. קאַמבריג איז געווען איזאַך, א געוועזענער דירעקטאָר פון א מיטלשול, איינער פון די ערשטע פּאַרטיזאַנער אין געגנט. קאָמיסאַר — אונדזער גערעכטן־גלייבלעכער זעלבסטשטענדיקייט... קאָמאַר. סווירידענקאַ איז פאַרבליבן קאָמאַנדיר פון אונדזער אָטריאַד און געהילף פונעם קאָמבריג. אַזעלכע בריגאַדעס האָבן זיך פאַרמירט עטלעכע אין דער געגנט. נאָך דער ערשטער בריגאַדע, וועלכע עס האָט פאַריייניקט אַרום זיך דער פּאָלק אַף סטאַלינס נאָמען, זיינען מיר געווען די שטאַרקסטע. אַליין איזאַך איז שוין געווען געניג באַוווּסט די דייטשן. עס איז געניג געווען, ער זאָל זיך באַווייזן אַף דער טעריטאָריע פון א וועלכן־ניט־איז ראַיאָן, אַז זיי זאָלן ניט וואַגן אַרויסרוקן זיך פון זייערע גאַרניזאָנען. קליטשעווער ראַיאָן, וועלכן מיר האָבן צוזאַמען מיט אים פאַריידיקט, האָט די גאַנצע צייט געשעמט ווי א פאַרטיזאַנישער און איז זיי געשטאַנען ווי א ביין אין האַלדז.

אַלע זיינען גרייט געווען זיך לאָזן אין וועג אַריין. אַף יעדן שליטן זיינען געזעסן דריי, מאַקסימום פיר מענטשן. אין מעשעך פון דער נאַכט האָבן מיר באַדאַרפט זיך אָפּרייסן פונעם פיינט ניט ווייניקער ווי אַף דרייסיק—פערציק קילאָמעטער. מער פון אַלץ האָבן אונדז געקימערט די פאַרוווּנדעטע. צו די, וואָס וואָלטן ניט געקאָנט אַליין זיך באַוועגן, אויב עס וועט אויסקומען וואַרפן די שליטנס, זיינען געווען צוגעפּעסטיקט צו זעקס—אַכט מענטשן. ווי אַף צולאָכעס, האָט דער פראָסט מאַמעש געסמאַליעט. ווער נאָר עס האָט געקענט, האָט אַראָפּגענומען פון זיך א וואַרעמען בעגעד און איינגעדעקט די פאַרוווּנדעטע. דעם געהילף־קאָמאַנדיר פון דער אויסשפּירונג מאַקסים דראָזד, וואָס איז געווען פאַרוווּנדעט אין פוס, האָבן מיר אַזוי איינגעדעקט מיט קאָלדרעס, אַז עס איז שווער געווען צו דערקלייבן זיך צו אים.

אינ א ווײַטנ וועג

1

שפּעט אינ אָוונט האָט מענ אונדז, דרײַ אויסשפּירער, ארויסגערופנ אינ שטאב אונ געמאָלדנ, אז מיר וועלנ צוזאמענ מיט דער בריגאדע ניט פאָרנ. אינ א קילאָמעטער נײַנציק פונדאנענ האָט זיכ געפונענ אונדזערער א ווזוואָד אונ עטלעכע אנדערע גרופּעס פונ דער בריגאדע. אונדזער אויפגאבע איז געווענ — געפינענ זיי אונ וואָרענענ וועגנ דער געשאפענער לאגע. דערבײַ האָבנ מיר באדארפט פאָרזעצנ די אויסשפּירונג, ביז אונדזערע וועלנ זיכ אומקערנ.

דערקלײַבנ זיכ צו זיי איז געווענ גאָר ניט פונ די לײַכטע זאכנ. איכ האָב אָפּגעגעבנ מײַנ ביקס אונ גענומענ א האנט־קוילנווארפער. מיר זײַנענ געווענ לײַכט אָנגעטאָנ, ס'זאָל זײַנ גרינגער צו גיינ. דער פראָסט האָט אויכ געהאט זײַנע מעלעס. אינ אזא נאכט, זײַנענ מיר געווענ זיכער, וועט קיינ איינ פריצ ניט אויסהאלטנ אינ זאסאדע.

אָט האָבנ מיר דערגרייכט דעמ ראנד פונ וואלד. פונדאנענ צומ דאָרפ מאלינאָווקע איז קנאפּע 400 מעטער. עס איז ארומ האלבער נאכט. מיר הערנ זיכ אײַנ — ס'איז שטיל, מע הערט נאָר, ווי אינ וואלד טרעשטשענ די ביימער פונ פראָסט. דער קלאנג איז אזא, ווי עמעצער וואָלט מיט א שווערער אונ שארפער האק זיכ ארײַנשנײַדנ אינ א טרוקענער פלאכבע האָלצ. פונעמ פערד זעצט א פּארע. עס בייגט אָנ דעמ קאָפּ א לעק צו טאָנ דעמ שניי. אָט גיט דער שליטנ זיכ א ריר פונ אָרט, א הילכיקער גרילצ צעשטערט די שטילקײַט. מיר כאפּנ אָנ דאָס פערד באמ צײַמל. מיט אונדזער פעלצ, איינעמ פאר אלע דרײַ, דעקט סאווימש אײַנ דאָס פערד.

דאָס דאָרפ אויסמײַדנ קענענ מיר ניט. דערצו זײַנענ מיר שוינ אזוי דורכגעפרוירנ, אז מיר מוזנ כאָטש אפ איינ האלבער שאָ זיכ ארײַנכאפּנ אינ דער ווארעמ. פונ קעלט איז דער שניי באדעקט מיט א דינער אײַז־קאָרע, די פיס זײַנענ שוינ אויכ ווי שטיקער אײַז. דער פראָסט ווערט אלצ גרעסער, אונ מיר זײַנענ שוינ צוויי מעסלעס אינ קיינ ווארעמער שטוב ניט געווענ אונ קיינ שײַטער ניט צעלייגט. אז נעכטנ זײַנענ אינ מאלינאָווקע געווענ דײַטשנ, דאָס ווייסנ מיר, נאָר צי זײַנענ זיי פארבליבנ נעכטיקנ אינ דעמ קליינינקנ דערפעלע, דאָס

וועט אונדז דאָ אין אַט דער וויסטעניש קיינער ניט דערציילן. דאָס מאָל איז וואניא זאוואָראָדניס ריי באקומען די נייטיקע יעדיעס. דערווייל טופען מיר אַלע באַ דעם שליטן, די פיס זאָלן זיך א ביסל דערווארעמען. וואניא ציט ארופ אפן קאָפּ דעם קאפּיושאָן פון זיין ווייסן מאסקיר־כאלאט און לאָזט זיך צום דאָרף דורך די גערטנער. ווען מיר פארלירן אים פון אויג, לאָז איך זיך נאָך א״מ. טאָמער געשעט עפּעס, דארף איך מיט מיין קוילנווארפער העלפן זאוואָראָדנין אָפּטרעטן.

אונדז האָט אָפּגעגליקט — אין דאָרף זיינען קיין דייטשן ניטאָ. די באַלעבאָסטע פון שטוב, וווּהין מיר זיינען אריין, האָט זיך פאַרעט אין ווינקל. אין שטוב איז געווען פינצטער. צי ס'איז איר געווען קאַלט, צי זי איז געווען איבערגעשראָקן, נאָר מיר האָבן געהערט, ווי עס קלאַפּט באַ איר א צאָן אָן א צאָן. דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן זיך באַ איר דערוווּסט, איז געווען, אז אין דאָרף זיינען קיין פרעמדע ניט פאַראַן. אף אַלע איבעריקע פראַגן האָט זי געהאַט איין ענטפער: „ניע וויעדאיו״.

וואסילי סאַוויטש דערמאָנט איר, אז זומער איז ער געווען באַ איר און זי האָט אים מעכאַבעד געווען מיט בערעזע־זאַפט. א ווייַלע שווייגט זי, דערנאָך ענטפערט זי:

— א סאך מענטשן זיינען פאַר דער צייט געווען, מע קען דען אַלעמען פאַרגעדענקען? אין קיין טרונק קאָן מען קיינעם ניט אָפּזאָגן.

זי צעשאַרט די קוילן אפן אויוון און צינדט אָן א פעך־שפּענדל. איינער פון די פּאָסטעלעס, זאָגט זי, איז באַ איר ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, און זי קען אים ניט געפינען. מיטן ברענענדיקן שפּענדל בייגט זי זיך אָן צום דיל. ביידע פּאָסטעלעס שטייען צוזאַמען, זי האָט אָבער באַוויזן מיט דער שיין פון שפּענדל באַלויכטן אונ־דזערע פענעמער. ווייַזט אויס, די באַלעבאָסטע האָט דערקענט וואַ־סיען. ווידער בייגט זי זיך אָן צום דיל און קלאַפּט מיט די פויסטן אין די ברעטער:

— מיכאַס, „דיאַדקאָווע כלאָפּצי״.

די פויערים פלעגן אונדז, פּאַרטיזאַנער, רופן „דיאַדקאָווע כלאָפּצי״. צוויי ברעטער הייבן זיך אויף, און מיכאַס, א הויכער, דאַרער פויער פון א יאָר פערציק, קריכט ארויס צו אונדז.

— א שלעכטע באהעלטעניש, — באמערקט עמעצער פון אונדז.

— איך ווייס. דריי טעג בין איך אפגעווען אין וואלד אין א בײַדל, — דערציילט מיכאס, — אהיים האב איך זיך קוים א לע־בעדיקער דערשלעפט. געמיינט איבערנעכטיקן און פארטאג צוריק אין וואלד, און דא הערן מיר, ווי עמעצער קלאפט. „געפאקט זיך", האב איך א טראכט געטאן. און זי, דאס ווייב, טארקעט מיך: „קריך אונטער דער פאדלאגע און פארשיט זיך מיט קארטאפל". איז האב איך ניט באוויזן אפילו דאס העמדל ארופשלעפן אף זיך.

די באלעבאסטע שיט אויס אין א שיסל דעם טאפ קארטאפל, וואס זי האט נאך פון אוונט ארייַנגעשטעלט אין אויוון פאר מי־כאסן. פון די הייסע קארטאפל זעצט א געדיכטע פארע, און מיר פארזשמורען זיך די אויגן פון האנאע.

— עסט, — בעט זי אונדז, — עסט.

יא מאדנע זאך. דעם קולנווארפער האלט איך פעסט, און א הייסע קארטאפל איז מיר שווער דערטראגן צום מויל. די הענט זיינען פון קעלט געשוואלן. מיכאס העלפט מיר אראפשלעפן די שטיוול. ער ברענגט א שיסל מיט וואסער און הייסט מיר איינטונקען די פיס.

— עס שניידט? — פרעגט ער בא מיר.

— א ביסל.

— דאס איז גוט. אין אזעלכע שטיוועלעך קענט איר איינגאנצן אן פיס בלייבן.

בא מיכאסן דערוויסן מיר זיך: ביז בארקי איז היינט דער וועג פריי. נעכטן באנאכט האט מען דארט דערשאסן א פארטיזאן. קאן זיין, אז איצט איז דארט קיינער ניטא, נאר גאנצפרי וועלן די דייטשן אף זיכער קומען אהין, דארף מען זיך איילן. ער גייט ארויס אין הויף. פאר אונדזער פערד האט ער געמאכט א פאילע. ער וויל נאך אנלייגן אין שליטן היי און א הער טאן, וואס אין דארף טוט זיך.

מיר שפיליען פאנאנדער אונדזערע רימענס און לייגן זיך צו. די באלעבאסטע ווארנט מיך: אף איין האלבער שא, ניט מער.

דורכן דרעמל הער איך, ווי די באלעבאסטע דינגט זיך מיטן מאן.

— נו, נאך א ביסל: אזא קעלט... א ביטערער ראכמאנעס.

25280

— און אויב זיי וועלן זיך ביז גאנצפרי קיין באַרקי ניט דערקלייבן, וועט זײַן בעסער?

— שטייט אויף! — וועקט אונדז סאַוויטש.

ווידער פארציִען מיר די רימענס, מיכאַס ווינקט אונדז אונטער. די פליאגעס האָט ער אָנגעפּילט מיט סאַמאָהאָן, אין שליטן האָט ער אונטערגעלייגט ארונטערגערוקט אַ עמער האָבער, קימאַט אַ גאַנצן לעבל ברויט און ניט ווייניקער ווי אַ צוויי קילאָגראַם כאַזער.

אויפן טיש שטייט ווידער אַ שיסל מיט בולבע, מאַרינירטע שוואָמען און געזאַלצענע אוגערקעס. מיר נעמען זיך פאר אונדזערע פליאגעס, לאָזט אונדז ניט מיכאַס. ער האָט נאָך אַ האַלבן ליטער בראָנפן, וועט ער מיט אונדז אויסטרינקען, און דאָס זאָל זײַן אויפן וועג.

איצט איז אונדזער ריי צו דערציילן, וואָס אויף דער וועלט הערט זיך. דאָס, וואָס מיר ווייסן, איז אויף דער „גרויסער ערד" נאָך צוריק מיט אַ בוידעש קיין נײַעס ניט געווען. נאָר דאָ, אינעם פאַרוואָרפענעם דערפעלע, אויף דער ערד, וווּ עס ווילדעוועט דער דײַטש, שלינגט מען מאַמעש אונדזער יעדעס וואָרט. מיר לאָזן איבער עטלעכע עקזעמפּלאַרן פון אונדזער אונטערערדישער צײַטונג. גאַנצפרי וועט מיכאַס אײַן וואַלד זיך באַגעגענען מיט פּויערים פון אַנדערע דערפער, וועט ער זיי די בלעטלעך צעטיילן. מיר געזעגענען זיך מיט די גאַסטפרײַנטלעכע באַלעבאַטים און — ווײַטער אין וועג.

2

לאַנג ציט זיך די ווינטערדיקע נאַכט. מיר פאָרן שווײַג, דאַכט זיך, אַ גאַנצע אייביקײַט, און ביז טאָג איז נאָך ניט ווייניקער ווי אַ שאָ. העכער אַ קילאָמעטער לויפן מיר נאָך דעם שליטן צופוס. וואַניא גייט אַ פּײַפּ מיט דער בײַטש אײַנדערלופטן, אונדזער פערד גייט זיך געשווינד אַ רים פאָרויס. אַלײן פאַרהאַלטן מיר זיך אין פעלד. דער שליטן סקריפּעט. אויב דאָ זײַנען פאַראַן דײַטשן, וועט זייער פּאַטרול אומבאַדינגט דערהערן דעם סקריפּ. ווי מיר ווייסן שוין פון אונדזער פּראַקטיק, וועלן זיי, אין בעסטן פאַל, פאָדערן בײַ אונדזער שטומען פרײַנט דעם פּאַראָל. גיכער אָבער וועלן זיי אים באַשיסן.

איך דאַרפ דערוויסנ מיר זיכ, אז נאָכ איינ איינ אָרט דראָעט אונדז א געפאר. דאָס איז דער בעסוילעם באַם ראַנד וואלד. ניט ארויסקריכנדיק פונ שליטנ, עפענענ מיר אליינ א פייער אינ יענער ריכטונג. מע וועט אונדז ענטפערנ אָדער ניט?

וואָס מער מיר דערווייטערנ זיכ פונ אוסאַקינאָ, אלץ רויקער איז. ווענ מיר דערנעענטערנ זיכ צומ טראקט מאָליעוו—באָברויסק, הערנ מיר פונ די ארומיקע, אז ערגעצ גייט א בלאָקירונג. די דייטשנ אונ פאָליצייענ פאַרשפּרייטנ קלאנגענ, אז ארומ אוסאַקינאָ האָט מענ קימאט אלע פּאַרטיזאַנער פאַרניכטעט. די פּויערימ אָבער זיינענ שוינ צוגעוווינט צו די באָבע־מייסעס אונ ווייסנ זייער ווערט. דער עמעס איז, אז ווי נאָר א בלאָקירונג, אנטלויפט די גאנצע יוגנט אינ וואלד, אונ פיל פונ זיי בלייבנ בא אונדז. ווענ מיר וואָלטנ נאָר געהאט גענוג געווער, וואָלטנ מיר ביכלאַל געוואקסנ, ווי אפ הייוונ. אונדזער אָטריאַד פאַרגרעסערט זיכ אזוי אויכ פונ טאָג צו טאָג, כאָטש אָנקומענ צו אונדז איז גאָר ניט אזוי לייכט. פריער דארפ מענ אָפּטאָנ א געוויסע ארבעט, באווייזנ געטרײשאַפט אונ געוואגטקייט.

אפ די כונאָווער כוטאָרנ, וואָס זיינענ צעוואָרפנ אפ עטלעכע קילאָמעטער, געפינענ מיר אונדזער ווזוואָד. אייגנטלעכ גערעדט, איז עס שוינ ניט קיינ ווזוואָד, נאָר א גאנצער אָטריאַד. דער געהילפ־קאָמאנדיר פונעמ ווזוואָד סטעפּאַנ פּעטשענ האָט פאַרייניקט ארומ זיכ עטלעכע גרופּעס פונ אנדערע בריגאַדעס אונ, אויסנוצנדיק דאָס, וואָס אינ די גאַרניזאָנענ זיינענ פאַרבליבנ ווייניק דייטשנ, האלט ער זיי אינ איינ טרייבערנ. עס גייט ניט אוועק קיינ דריי־פיר טעג, ער זאָל ניט „באַזוכנ” אלעמאָל אנ אנדער גאַרניזאָנ. פערד זיינענ בא אימ איינס אינ איינס. די דייטשנ האָבנ באשטימט, אז דאָס האָבנ זיי צו טאָנ מיט אנ אָטריאַד פונ דער רעגולערער רויטער ארמיי, וואָס איז דורכגעגאנגענ דעמ פראָנט.

3

א פּאָר טעג רוענ מיר זיכ אויס. בא מיר זיינענ פונ קעלט געשוואָלנ די פיס. ווי נאָר איכ קומ ארייַנ אינ א ווארעמער שטוב, דערפיל איכ א שטארקנ ווייטעק.

מיר לאָזנ זיכ אינ ראָהאטשאָווער ראיאָנ. דערפער מײדנ מיר אויס. לעבנ זאבודניאנסקער כוטאָרנ דערהערנ זיכ עטלעכע שאָסנ. צוריק מיט עטלעכע טעג האָבנ דאָ די דײטשנ געטײט עטלעכע פארטיזאנער. אלע שטעלנ זיכ אָפּ, אונ מיר אינדרײַענ לאָזנ זיכ אויסקלאָרנ, וואָס דאָרט קומט פאָר. עמעצער גײט. מיר פארטײַענ זיכ בא די ביימער. נאָר פונ ווײַט באמערקנ מיר, אז דאָס זײַנענ אָרטיקע אײַנוווינער.

— קומ אהער, — רופנ מיר דעמ, וואָס גײט פאָרויס.

ער פארקערעוועט אפּ צוריק אונ לאָזט זיכ לויפנ.

— שטיי, נאָר אײנער, — רופנ מיר אימ אָנ בא דער פאמיליע. זײַנ זונ איז געווענ בא אונדז אינ אָטריאד, אונ מיר האָבנ אימ גוט געקענט. לאָזט זיכ אויס, ער האָט זיכ דערשראָקנ פאר אונדזערע מאסקיר־כאלאטנ. די דײַטשנ אינ דאָרפּ זײַנענ אויכ אָנגעטאָנ אינ ווײַסע כאלאטנ, האָט ער באשטימט, אז דאָס דאָרפּ איז ארומגערינגלט. מיר דערוויסנ זיכ, אז געקומענ זײַנענ ניט קײנ סאך דײַטשנ, איצט נעמענ זײ פאנאנדער די שול אפּ בוי־מאטעריאל פאר זײערע דאָטנ.

— אײַלט זיכ צו, — אײַצעט ער אונדז, — לאנג וועלנ זײ זיכ ניט פארהאלטנ, וועלנ אָנלײגנ די שליטנס אונ אוועקפאָרנ.

אונדזער פּלאנ איז א פּאָשעטער. פעטשענ מיט אײנ גרופּע לאָזט זיכ צומ עק דאָרפּ, ווו די שול שטײט. מיר מיט א צווייטער גרופּע — אינ אנדערנ עק דאָרפּ. פעטשענ טרײַבט די פריצנ צו אונדז, אונ מיר דארפנ פאר דער צײַט זיכ דערקלײַבנ צו די ערשטע הײַזער אונ באגעגענענ זײ.

די הײַטשנ זײַנענ געווענ אזוי זיכער, אז קײנער וועט זײ ניט שטערנ אינ דער ארבעט, אז זײ האָבנ אפילע קײנ פּאָסטנ ניט ארויסגעשטעלט. אונדזער לײַכטער מינענוואָרפער, וועלכנ פעטשענ האָט מיטגענומענ, האָט זײ געשיקט נאָכאנאנד דרײַ מאטאָנעס. דאָס איז געווענ גענוג. זײ האָבנ זיכ גלײַכ ארופּגעכאפּט אפּ די שליטנס אונ הײַדא איבערנ דאָרפּ, אינ אונדזער זײַט, קײנ אנדער וועג איז ניט געווענ. ארומ איז געווענ טיפער שנײ.

אונדז האָט אָבער אויכ ניט אינגאנצנ אָפּגעגליקט. בײדע קוילנוואָרפער, וואָס מיר האָבנ אײַנגעשטעלט בא די ערשטע צווײ

הײַזער, האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט צו ארבעטנ. די דײַטשנ האָבנ געוואָרפנ די שליטנס אונ זיכ געלאָזט מיט די גערטנער אפ לינקס. מיר נאָכ זיי. נאָכ איינעמ פונ זיי האָט זיכ געלאָזט אונדזער אויסשפּירער סאוויטש. ביידע זײַנענ אָפּט געפאלנ אפּנ שניי אונ געצילט איינער אינ צווייטנ. איידער מיר האָבנ באוויזנ צו דערלויפנ, האָט שוינ סאוויטש ארײַנגעזעצט דעמ דײַטש א קויל אינ פּלייצע. דער פריצ איז אומגעפאלנ, סאוויטש האָט אימ דעריאָגט אונ זיכ ארופגעכאפּט אפ אימ רײַטנדיק.

— שטייט, — האָט ער אונדז געוואָרנט, — דאָס איז מײַנער א באקאנטער, איכ אליינ וועל זיכ מיט אימ צערעכענענ. אײַ, א שאָד, וואָס אונדזערע שליטנס זײַנענ ווײַט. איכ וואָלט אימ א לעבעדיקנ מיט זיכ פארכאפּט.

דער דײַטש איז געווענ דער קאָמענדאנט פונ זשיליצער גוט. ביז דער מילכאָמע איז עס געווענ איינער פונ די בעסטע פּרוכטסאָווירטנ אינ ווײַסרוסלאנד. סאוויטש איז געווענ פונ א דאָרפ ניט ווײַט פונעמ סאָווירט, אונ זײַנ הארצ האָט זיכ מיט בלוט באגאָסנ, ווענ ער האָט געזענ, ווי די דײַטשנ באלעבאטעווענ דאָרט. כוצ דעמ, איז נאָכ איידער ער איז אוועק צו אונדז, האָט ער געהאט דעמ אומגליק זיכ ארײַנכאפּנ צומ קאָמענדאנט אינ די הענט. אזוי אז א כעזשבנ האָט ער געהאט מיט אימ גאָר א היפּשנ.

— וואסיא, — האָבנ מיר אימ צוגעטריבנ, — שוינ צײַט זיכ אָפּטראָגנ פונדאנענ.

— אָט א כאזער א קאָמענדאנט, — האָט זיכ סאוויטש ניט געקענט בארויקנ. — לאָזט זיכ אינ אזא הײַזע אונ פארגעסט זײַנ אווטאָמאט אינ דער היימ.

— מיילע, — האָבנ מיר אימ געטרייסט. — אונדז וועלנ זיכ נאָכ טרעפנ דײַטשנ מיט אווטאָמאטנ אויכ.

קיינ מאָעס האָבנ מיר ניט געהאט.

נאָכ עטלעכע אזעלכע אָפּעראציעס האָבנ די דײַטשנ באשטימט אָנעמענ קעגנ אונדז דרינגענדיקע מיטלענ. דערצו נאָכ האָט געטראָפנ, אז דעמידאָווס א ראָטע פונעמ פּארטיזאנער־פּאָלק אפ סטאלינס נאָמענ איז אינמיטנ העלנ טאָג אפ שליטנס ארײַנגעפאָרנ אינ א דאָרפ, וווּ ס'איז געשטאנענ א קליינער גארניזאָנ, אונ אימ אינגאנצנ פארניכטעט. נאָכ דעמ פאל האָבנ די דײַטשנ שוינ אופגעהערט דערציילנ,

אז אין אוסאקינאַ האָט מען אומגעבראַכט אַלע פּאַרטיזאַנער, פאַר־קערט, זיי האָבן גענומען דערווײַזן, אַז אַלע אוסאַקינער פאַרטיזאַ־נער האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט אין דעם ראַיאָן.

צוריק אהיים

1

ווי נאָר מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די בלאָקאַדע האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן מיר באַשטימט זיך אומקערן אין אונדזער לאַגער.

איבערן וועג, אומעטום, ווו די דײַטשן זײַנען דאָס מאָל געווען, זײַנען פאַרבליבן סימאָנים פון זייער באַלעבאַטעווען: פאַרבראַנטע דערפער, פרישע קווערים, פאַרגוואַלדיקטע פרויען.

אוסאַקינאַ האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, אויך דאָס מאָל פאַרניכטעט. נאָר ווען מיר זײַנען צוריקגעפאָרן, האָבן שוין די פויערים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון וואַלד, ווידער געבויט נײַע ערד־שטיבלעך. מיר האָבן זיך צוגעזעצט בײַ אַ שײַטער אָנוואַרעמען זיך און פאַרייכערן. דער באַלעבאָס, אַ פעסט געבויטער פויער פון אַ יאָר פופציק, האָט אונדז דערציילט:

— מיך האָבן זיי פאַרכאַפּט אין וואַלד, ניט ווײַט פון דאָרף. ווען איך האָב זיי באַמערקט און זיך איבערצײַגט, אַז אַנטלויפן וועט זיך מיר ניט אײַנגעבן, האָב איך גענומען האַקן האָלץ, פונקט ווי מיך זאָלן גאָר ניט קימערן די אומגעבעטענע געסט. זיי וואָלטן מיך געווים דערשאָסן, ווען זיי דאַרפן מיך ניט האָבן. מיך האָט צוגערופן צו זיך זייער אָפיצער און געהייסן זײַן אַ וועגווײַזער. געפאָדערט האָט ער בײַ מיר, איך זאָל זיי באַווײַזן אײַערע לאַגערן, אין וועלכע איך בין אַליין קיינמאָל ניט געווען. דער אָפיצער האָט אויסגעטיילט אַ ראָטע לײַזשניקעס און באַפוילן זיי באַוועגן זיך פאָרויס פון באַטאַליאָן. כאָטש זיי האָבן גערעדט אַף זייער פרײַ־ציש לאָשן, דאָך האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז זייער מאַרשרוט איז געווען פון אוסאַקינאַ ביז גאַלינקי. זיי האָבן אַרײַנגעקוקט אין איין קאַרטע, דערנאָך אין אַ צווייטער. ניט אַנדערש, ווי זיי האָבן געוואָלט

געפינענ דעמ וועג, אַפ וועלכנ זיי זײַנענ געשטאַנענ. גיי דערצייל זיי, אַז פּאַרטיזאַנער האָבנ דורכגעלייגט אַזויפיל נײַע וועגנ, אַז כאָטש נײַע קאַרטעס מאַכ. אינ וועג האָבנ זיי זיכ געדאַרפט באַגעגענענ מיט עמעצנ. ווײַזט אויס, מיט אַנ אַנדער באַטאַליאָנ פונ זייער פּאָלק. איכ בינ געגאַנגענ פאָרויס. זיי זײַנענ געפאָרנ איינער הינטער דעמ צווייטנ נאָכ מײַנע שפּורנ. נו, האָב איכ אַ טראַכט געטאָנ, איר דאַרפט מיכ ניט אַזוי פאַר אַ וועגווײַזער, ווי אײַכ ווילט זיכ, אַז עמעצער, ניט איר, זאָל אָנטרעטנ אַפ אַ מינע. מיילע, האָב איכ געזאָגט צו זיכ, עס וועט זײַנ, ווי גאָט וועט געבנ. עטלעכע סאָלדאַטנ האָבנ מיכ אָנגעיאָגט אונ געוואָרנט, אַז אויב איכ וויל לעבנ, זאָל איכ זיי פירנ אַזוי, אַז קיינער פונ זיי זאָל אַפ קיינ מינע ניט אָנטרעטנ, קיינער זאָל זיי ניט באַשיסנ אונ קיינ פּאַרטיזאַנער זאָלנ זיכ זיי ניט טרעפנ אינ וועג. זיי האָבנ נאָר געצווייפלט, צי האָב איכ זיי גוט פאַר־שטאַנענ, אונ צוגערופנ דעמ איבערזעצער, ער זאָל עס מיר דער־קלערנ אַפ רוסיש. איכ האָב זיי אָנגעוויזנ אַפנ הימל, ס'איז אַ גאָט־זאַכ, הייסט עס, אונ אַליינ האָב איכ אַ קלער געטאָנ: „פּײַנע העלדנ“. באַ דער ערשטער געלעגנהייט — זיי האָבנ באַמערקט עט־לעכע פּויערימ אונ זיכ אַ לאָז געטאָנ נאָכ זיי — האָב איכ זיכ אָפּגעטראָגנ.

דער פּויער האָט אונדז נאָכ לאַנג דערציילט, ווי אַזוי די דײַטשנ האָבנ דאָ באַלעבאַטעוועט. אויסגעהערט אימ, האָבנ מיר מיט אַ שווער האַרצ זיכ אַוועקגעלאָזט אינ וואַלד.

2

פריִער פלעגט דאָ שטיינ אונדזערער אַ פּאַטרול, איצט שטעלט אונדז קיינער ניט אָפּ. אינ וואַלד איז ווי אומעטיקער געוואָרנ. שטענדיק, ווענ מיר זײַנענ אַהער געקומענ, האָבנ מיר זיכ געפילט, ווי באַ זיכ אינ דער היימ. איצט זײַנענ מיר אַלע אָנגעשטרענגט אונ האַלטנ אינ איינ אַרומקוקנ זיכ אינ אַלע זײַטנ. פאַרשאָטעגע מיט שניי, וואַלגערנ זיכ אָנ אַ שיור קוויטיקע פלוגבלעטלעכ. אַלע זײַנענ זיי געווענדט צו אונדז. סאַוויטש קלײַבט צונויפ אַ היפּש פּעקל אונ לייגט אינ דער הייכ. אינ איינ בלעטל רופט מענ אונדז אָנ באַנדיטנ אונ מע דראָעט אונדז אַלעמענ פאַרניכטנ. דערבײַ ניט

מען צו פאַרשטיין די פּויערים, אַז אַפילו דער פּאַרטיזאַנער, וואָס איז ניט קיין ייִד, ריגט אין אים אויך ייִדיש בלוט.

אין אַן אַנדער פּאַפּירל שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס: „כאַווייריִם פּאַרטיזאַנער". סאַוויטש ווערט אַזש בלייך פון כּעס.

— ניין, טו נאָר אַליין אַ קוק: רופט ער מיך באַנדיט, — פאַרשטיי איך. אָבער וואָס פאַרא כאַווייריִם זיינען מיר מיט אים?

— לייען ווייטער, — זאָג איך אים.

לאָזט זיך אויס, אַז מיר האָבן גאָר ניט געוווּסט, וואָס פאַרא „פרעזענט" מיר פאַרמאָגן. „איר ווייסט ניט, שרייבן זיי, פון קיין טאָג און פון קיין נאַכט. איך איז קאַלט. איר האָט ניט קיין זאַלץ און ניט קיין טאַבאַק. איך האָבן פאַרפירט קאָמיסאַרן און ייִדן, איז טייט זיי און אַליין קומט צו אונדז. מירן איך באַגעגענען, ווי ברידער".

אין אַן אַנדער פּאַפּירל איז מיט גרויסע שוואַרצע בוכשטאַבן אָנגעשריבן: „איר פּאַרטיזאַנעוועט נאָך אַלץ? מיר האָבן דאָך נאָך זומער איך אַלע אויסגעהאַרגעט".

רעכטס פון וועג, אויפן שניי, איז אָנגעצייכנט אַ מענטש אַ הערקולעס. יעדע האַנט פאַרנעמט עטלעכע מעטער. אויף אים איז אָוועקגעשטעלט אַ קרייץ און אָנגעשריבן אויף דייטש: „פּאַרטיזאַן קאַפּוט".

— נו, — באַמערק איך, — מיר זיינען זיי, ווייזט אויס, געזונט גרוים אין די אויגן. זעסט, וואַסיאַ, ווי זיי מאָלן אונדז, זיי האָבן פאַרגעסן, אַז זיי האָבן באַשריבן, וויאַזוי מיר שטאַרבן פון קעלט און הונגער.

ווייטער איז מיט ניט קיין קלענערע, נאָר קרומע בוכשטאַבן אָנגעשריבן אויף רוסיש: „קוק אַהין". דערביי איז אָנגעצייכנט אַ ווייזער. מיר האָבן אַ קוק געטאָן.

דאָרט, וווּ עס קרייצן זיך די וועגן — איינער פירט צו מאַקייעווער אָטריאַד, אַן אַנדערער — אין פּאָלק — זיינען אויף אַ גראָבן פּלאַקן, וואָס איז אָנגעשפּאַרט אויף די צווייגן פון די ביימער, וואָס שטייען באַ ביידע זייטן וועג, געהאַנגען צוויי דייטשן. אויפן שניי איז געווען אַן אויפשריפט: „דאָבראָ פּאָזשאַלאָוואַט".

— אַי, גוט, אַי, גוט, — האָט סאַוויטש אַזש אונטערגע-

טאנצט. — היינט אָדער נעכטן אָפּגעטאָן. דאָס אָרט דאַרף מען אָנרופן „טריומפאַלע טויערן“.

א מאָל דריי איז מיר דערנאָך אויסגעקומען דורכצופאָרן דורך די „טויערן“. די דייטשן זיינען געהאַנגען, און קיינער האָט זיי ניט געריכט, ביז עס איז ניט וואַרעם געוואָרן.

קימאַט אַלע לאַגערן, וואָס האָבן זיך געפונען ניט ווייט פון אונדזערן, האָבן זיי פאַרברענט. בא אונדז האָבן זיי פאַרניכטעט ניט מער ווי עטלעכע ערד־שטיבלעך.

בא אונדז אין לאַגער האָט שוין געוווינט א גרופּע דעסאַנט־לער און איזאָכאָוועס. אונדזער אָטריאַד האָט זיך באַדאַרפט אומקערן אין עטלעכע טעג אַרום. צו אָוונט־צו זיינען אָנגעקומען אונדזערע ווירטשאַפטלער און דער לאַזאַרעט. אונדזער אופגאַבע האָבן מיר אויסגעפילט, און אַזוי ווי זיצן אין לאַגער זיינען אויס־שפּירער ניט געוווינט, האָב איך אָנגענומען סאַוויטשעס פאָרשלאָג זיך אַריבערכאַפּן צו אים אַהיים.

3

דאָס דאָרף ליאָווקאָוויטשי, ווו עס האָבן געוווינט סאַוויטשעס עלטערן, איז געווען ווייט פון וואַלד און דערצו נאָענט צו דער אייזנבאַן־ליניע. צו יענער צייט האָט נאָך אינעם דאָרף קיין פאַר־טיזאַן ניט אַריינגעשמעקט.

אַף צוויי שליטנס האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. פאָרן האָבן מיר באַדאַרפט בא הונדערט קילאָמעטער.

אין פּעסצאָוואָ האָבן מיר אָנגעטראָפן אַף א הוליאַנקע. א גאַנצן טאָג פלעגן זיך אין דאָרף געפינען פּאָליציי־לייט, אַף באַנאַכט פלעגן זיי זיך אָפּטראָגן פון דאָרט. דאָס פלעגט אויסנוצן די דאָר־פישע יוגנט. נאָך פונווייטן האָבן מיר דערהערט שפּילן א האַרמאָניק און געלאָזט זיך אַהין. די שטוב איז געווען פול געפּאַקט מיט יוגנט. ס'איז געווען הייס און אָנגערייכערט. ווי נאָר מיר זיינען אַריין, האָט דער האַרמאָניסט איבערגעריסן זיין שפּילן. די טאַנצנדיקע פּאָרן האָבן זיך נאָך א ווײַלע געדרייט און דערנאָך זיך אויך אָפּגעשטעלט. אַלע זיינען אָפּגעטראָטן צו דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. אויך דער מוזיקאַנט האָט זיך פאַרקליבן ערגעץ אין א ווינקל. מיר זיינען ניט

געווען געוווינט צו אזא מין באנעגעניש, דערצו נאָך מיצאד דער יונגט, זיינען מיר געשטאנען פארכידעשטע און באליידיקטע. אַפּ אונדזער באגריסונג האָט וועד שטילערהייט געענטפערט, און ווער איינגאנצן ניט.

— שפּילט, — האָב איך פאָרגעלייגט דעם מוזיקאנט, — מיר וועלן אייך ניט שטערן.

ער האָט געזאָגט, אז די האַרמאָניק איז קאַליע געוואָרן, דערצו איז שוין שפּעט, צייט צו גיין אהיים.

— גיט מיר די שלעכטע האַרמאָניק, וועל איך אייך שפּילן א פריילעכן טאנץ, — האָט זיך זאַוואָראַדני, וואָס איז מיט מיר אין שטוב אריין, אָפּגערופן. דער מוזיקאנט האָט זי אים דערלאַנגט מיט אזא פּאָנעם, פּונקט ווי ער וואָלט זיך מיט איר אַפּ אייביק געשיידט.

פאַר דער מילכאָמע האָט זאַוואָראַדני פאַרענדיקט א מוזיק־שול און האָט אויסגעצייכנט געשפּילט. קיינער האָט זיך אָבער פון אָרט ניט גערירט. פון זיין בליק האָב איך פאַרשטאנען, אז אָט־אָט וועט ער ארויס פון די קיילים. אויך מיך האָט עס אָנגעהויבן אַפּ אַן עמעס פאַרדריסן. ווי קומט עס, אז יונגעלעך און מיידלעך, וואָס זיינען מיט וועלכע־ניט־איז אַנדערהאַלבן יאָר צוריק געווען קאָמיוגיסטן, פּיאָנערן, האָבן זיך געלערנט אין סאָוועטישע שולן און געארבעט אין קאָלכאָזן, זאָלן קוקן אַפּ אונדז ווי וועלפּ?

סאַוויטש, וועמען אַלע האָבן דאָ אין דאָרף געקענט, האָט לינ כאַטכילע ניט געוואָלט ארייננגיין אין שטוב. ער איז געשטאנען אַפּן הויף און דורכן פענצטער אַלץ געזען. סאַפּקאַלסאַפּ האָט ער פאַרגעסן וועגן פאָרזיכטיקייט און איז אריין.

— וואַסיאַ! — איז צו אים צוגעלאָפן א מיידל פון א יאָר אכצן, זיין שוועסטערקינד.

— וואַסיאַ! וואַסיאַ! — האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטן.

— שטייט! — האָט ער זיי אָפּגעשטעלט. — איר האָט זיך דאָך מיט מיינע כאַווערים אפילו ניט באַגריסט, איז וואָס זשע פרייט איר זיך אַזוי מיט מיר? איך בין דאָך אויך אזא ווי זיי.

סאַוויטש איז אַפּ א ווײַלע אנשוויגן געוואָרן, מיט פאַרשנדיקע בליקן אויטלעכן אין די אויגן ארײנגעקוקט און דאַן פאַרגעזעצט.

— ערן וואָרט, ס'איז מיר א ביזאָיען פאַר אייך. איר מיינט,

אז איך שטום זיך ניט אָן, פאַרוואָס איר באַגעגנט אונדז אַזוי קאַלט. איינעם אָדער צוויי האָבן די פּאָליציַיען געקאָנט אַיַינרײדן, אַז מיר זַיינען אַפּ אַן עמעס באַנדיטן, ראַבעווען און האַרגענען אײגענע טאַטע־מאַמע, אָבער אַיַיך אַלעמען איז דאָך אומעגלעך אָפּנאַרן. פאַ־ראַן מיסטאָמ צווישן אַיַיך אַזעלכע, וואָס קאָנען מאָרגן אָדער נאָך הַיַינט, ווי נאָר מיר וועלן אַוועקפאָרן, מעלדן אין קאָמענדאַטור, אַז מיר זַיַינען געווען דאָ און אַז איר האָט מיט אונדז געטאַנצט, געפרייט זיך מיט אונדזער קומען. ווי מיינסטו? — האָט ער זיך געווענדט צו אַ געזונטן באָכער, אָנגעטאָן אין אַ נַייעם מיליטערישן אָנצוג. — רייד ווערטער, וואָס שוַויַיגסטו? און עפּשער ביסטו פון די, וואָס האָט אַליין ניט מוירע פאַר קיינעם, ווַיל זיי ליפן די ערשטע אין קאָמענדאַטור פאַרמאָסערן?

— וואַסיאַ, רייד ניט קיין נאַרישקַייטן, — האָט אים יענער מיט אַ ניט זיכער קול איבערגעשלאָגן. — מיר זַיינען דאָך מיט דיר אַל־טע פרַיינט.

— שווַייג בעסער און דערמאָן מיר ניט אין אונדזער אַלטער פרַיינטשאַפט. וואָס קומט אַרויס פון דעם, וואָס אַכצן יאָר האָבן מיר געלעבט מיט דיר אַ שטוב לעבן אַ שטוב, געזעסן אַפּ איין פּאַרטע, צוזאַמען געשטיפט, געגאַנגען אַט אַפּ אַזעלכע הוליאַנקעס, דערנאָך זיך פיר יאָר איבערגעשריבן. אַט שטעל זיך פאָר, ווען מ׳זאָל טרעפן דיך ראַנגלען זיך מיט איינעם פון די צוויי: — האָט ער אָנגעוויזן אַפּ מיר און וואַניען, — וואָס ביידע צוזאַמען קען איך ווייניקער ווי צוויי יאָר, עפּשער מיינסטו, אַז איך וואָלט געשטעלט זיך אויספּרעגן, ווער פון אַיַיך איז גערעכט? מיר איז עס אַזוי אויך באַוווּסט. שלעכט וואָלסטו דאַן אָפּגעשניטן.

— גענוג, — האָב איך אים גענומען אַיַינשטילן. — לאָז אים צורו.

— נײן, אַט קוק איך אַפּ אים, און מיך נעמט אָן אַ פאַרדראָס. איך בין אַ שאַכטיאָר געווען, און ער — אַ לייטענאַנט. ביידע האָבן מיר זיך קימאַט אין איין צַייט אומגעקערט אַהיים. אין די געציילטע טעג, וואָס איך האָב זיך געפונען אין דאָרפ, האָב איך קיין אָרט זיך ניט געפונען, און ניט אוים מוירע פאַר די דַייטשן. ס׳איז מיר געווען אַ ביזאָיען צו קוקן שכייִנים אין די אויגן. און ווען כ׳פלעג באַגעגענען אונדזער אַלטן לערער, פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז אויך

אימ איז אַ ביזאָיענ, וואָס ער האָט דערצויגנ אַזאַ שילער, ווי איכ. נייג, האָב איכ באַשטימט, איכ טאָר ניט וואַרטנ, עמעצער זאָל פאַר מיר מיטנ פײַנט זיכ שלאָגנ. שוינ באַלד אַ יאָר, ווי איכ בינ פונ שטוב אַוועק. אונ אָט ער, דער לייטענאַנט, האָט נאָכ אַלצ צײַט, ער טאַנצט אַפ הוליאַנקעס. אַפ וואָס זשע, וואָלט איכ וועלנ וויסנ, וואַרטסטו? דו ווילסט זיכ איבערצײַגנ, וועמעס וואָגשאָל ס'וועט איבערצײַענ אונ דערנאָכ צו יענעמ צושטיינ. איז זע, עס זאָל ניט זײַנ צו שפּעט.

איכ האָב געמיינט, אַז עמעצער פונ דער יוגנט וועט זיכ פּרווונ אײַנשטעלנ פאַר אימ. לאָזט זיכ אויס, אַז כ'האָב געהאַט אַ טאָעס.

— אַנטשולדיקט, — האָבנ זיי זיכ פאַר אונדז פאַרענטפערט, — מיר האָבנ געצווייפלט, צי זײַט איר פּאַרטיזאַנער. עס טרעפט דאָכ זייער אָפט, אַז פּאָליצײַענ טוענ זיכ איבער.

עס האָבנ זיכ אַ שאָט געטאָנ צענדליקער פראַגנ: וואָס הערט זיכ אַפ די פראָנטנ? ווי איז מיט סטאַלינגראַד? וואָס מאַכנ באַקאַנטע פּאַרטיזאַנער פונ שכײנעסדיקע דערפער? ווענ וועלנ מיר ווידער קו־מענ, — וועלנ זיי צוגרייטנ וואַרעמע הענטשקעס, סקאַרפּעטקעס, נאָזטיכלעכ.

איכ האָב אַרויסגענומענ פונ קעשענע אַ פּאָר זײַטעלעכ פּאַפּיר. דאָרט איז געווענ בײַ מיר איבערגעשריבנ מיט אַ בלײַער ערענבורגס אַרטיקל וועגנ דער סטאַלינגראַדער עפּאָפּייע, וואָס דער ראַדיסט פונ פּאָלק אַפ סטאַלינס נאָמענ האָט אויפגענומענ דורכ ראַדיאָ. פונ לאַנגנ ליגנ אינ קעשענע אונ אָפטנ האַלטנ אינ האַנט האָט עס אויסגעזענ ווי אַנ אַרכיוו־דאָקומענט, געשריבנ מיט צענדליקער יאָרנ צוריק. אַפנ אויוונ האָט מענ אונטערגעלייגט טרוקענע פּעכ־שפּענער, אונ אַלע האָבנ זיכ צוגערוקט בעענטער צו מיר. מיסטאָמ וואָלט קיינער ניט געקענט איבערלייענענ, וואָס דאָרט איז געשטאַנענ געשריבנ. איכ אַליינ האָב נאָר באַמערקט אײַנצלנע ווערטער. פונ פיל מאָל לייענענ האָב איכ שוינ אָבער געקענט דעמ טעקסט אַפ אויסווייניק.

מיט פאַרכאַפּטנ אָטעמ האָבנ אַלע געהערט וועגנ די העלדנ פונ סטאַלינגראַד, וועגנ דער מאַפּאָלע, וואָס די דײַטשנ האָבנ דאָרט געכאַפּט. פאַר זיי אַלעמענ איז עס געווענ אַ נײַס. די פּאַשיסטנ האָבנ, נאַטירלעכ, פאַרשוויגנ זייער מאַפּאָלע. די באַלעבאַטימ פונ שטוב, אַלטע לײַט, זײַנענ אַראָפּגעקראָכנ פונ אויוונ אונ זיכ דורכגעשטופּט אינ דער מיט.

— איר האָט עס אַליין געהערט, אָדער מע האָט עס אײַך דער־ציילט?—האָט זיך אינטערעסירט דער אַלטער.

— זעצט זיך, — האָט מיר די באַלעבאָסטע דערלאַנגט אַ שטול. — עס איז דאָך פּונקט, ווי איר וואָלט מיר ברענגען אַ גרוס פֿון מײַנע קינדער. פעטיא, דער זון מײַנער, איז, מעגלעך, אויך אין סטאַלינגראַד געווען.

— לאָזט אונדז דאָס בלעטל, — האָבן זיך עטלעכע געבעטן, — מירן איבערשרײַבן און אַנדערע איבערגעבן.

— מיט פאַרגעניגן, — האָב איך זיי געענטפערט, — נאָר איר וועט גאָרניט פאַנאַנדערקלײַבן.

דאָס האָט זיי ניט אָפּגעשטעלט.

— מירן אָנשרײַבן דאָס, וואָס מיר האָבן פאַרנעדענקט. און אײַער פאַפיר וועלן מיר נאָר באַווײַזן, מע זאָל אונדז גלייבן.

מיר האָבן זיך גענומען געזעגענען. עס איז שוין צײַט געווען צו פאָרן.

— כאַוועך, — האָט זיך געווענדעט דער האַרמאָניסט צו וואַ־ניען. — איר האָט דאָך געוואָלט אונדז עפּעס שפּילן.

— איר האָט זי שוין אָפּגערעמאָנטירט פאַר דער צײַט? — האָט זיך וואַניא געוויצלט און זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול. סאַוויטש האָט אויסגעטאָן זײַן פעלץ און מיט דעם שענסטן מיידל אַוועק אַ טאַנץ.

מאַטאָנעס צו יאָמטעוו

1

עס האָט זיך דערנענטערט דער 23־טער פעוורואַל, דער טאָג פֿון דער רויטער אַרמיי. אונדזער קאָמאַנדשאַפט האָט באַשטימט אָפּמערקן די דאַטע — פאַרניכטן עטלעכע דײַטשישע גאַרני־זאָנען.

אַלע האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג און נאָך אַ טאָג פאָרן זיך אָפּגעשטעלט אַף אָפּרו ניט ווײַט פֿון דאָרף אוסאַך. געוויינלעך פלעגן מיר זײַן זייער פאָרזיכטיק אין דעם דאָרף, ווײַל די

דייטשנ פונ באצעוויטשער אונ זאפאָליער גארניזאָנענ פלעגנ דאָ זיינ גאָר אָפטע געסט. דאָס מאָל האָבנ זיכ אונדזערע אויסשפּירער געפילט זיכערער אונ א גאנצנ טאָג געפונענ זיכ אינ דאָרפ. נאָכ האלבנ טאָג האָט זיכ צו אוסאָכ גענומענ דערנענטערנ א דייטשישע קאָלאָנע. אונדזערע האָבנ גלייכ צו וויסנ געגעבנ וועגנ דעם אינ שטאב אונ אליינ אָפּגעטראָטנ צומ צווייטנ עק דאָרפ. די דייטשנ זיינענ געגאנגענ אינ גאנצנ וווקס. ווייַזט אויס, עמעצער האָט מיטגעטיילט אינ גארניזאָנ, אז אינ דאָרפ זיינענ פאראנ סאכאקל א פאָר אויסשפּירער. דאָס מאָל זיינענ מיר אָבער געווענ א סאכ מער אינ צאָל, איידער די דייטשנ אונ פאָליצייענ צוזאמענ גענומענ. זייער פּלאנ ארומצורינגלענ די עטלעכע אויסשפּירער האָט זיכ געענדיקט מיט דעם, וואָס זיי אליינ זיינענ ארייַנגעפאלנ אינ ארומרינגלונג. דער גרעסטער טייל פונ זיי איז אומגעקומענ, אונ די איבעריקע האָבנ מיר געטריבנ ביז סאמע דעם גארניזאָנ.

אינ דער אָפּעראציע האָט אָנטייל גענומענ נאָר א טייל פונ אונדזער בריגאדע אינ דער שפּיצ מיט איזאָכנ. דערפאר האָבנ די לעבנגעבליבענע דייטשוקעס דערציילט זייער קאָמענדאנט, אז פארטיזאנער אינ זייער ראיאָנ איז גאָר ניט אזויפיל, אז מע זאָל ניט קענענ זיי צעקלאפּנ.

פונ זיכערע קוועלנ האָבנ מיר זיכ דערוווסט, אז דער קאָמענדאנט פונ באצעוויטשי האָט געקלונגענ צומ זאפאָליער אונ ליובאָניטשער קאָמענדאנטנ אונ זיכ צונויפגערעדט מיט זיי אפנ צווייטנ טאָג צוזאמענ דורכפירנ אנ אלגעמיינע אָפּעראציע קעגנ אונדז. דערביי האָט מענ אונדז מיטגעטיילט זייער צאָל, מארשרוט אונ די צייט, ווענ זיי וועלנ ארויסטרעטנ. די דייטשנ פונ באצעוויטשי האָבנ זיכ געקלאָגט, אז בא זיי זיינענ פארבליבנ ווייניק מענטשנ, אונ זיי האָבנ שוינ באלד ניט מיט וואָס צו שיסנ אונ האָבנ געבעטנ, מע זאָל זיי וואָס שנעלער צושיקנ קוילנ.

מיר האָבנ באשלאָסנ אָנעמענ מיטלענ, אז די קוילנ זאָלנ צו זיי אינ די הענט ניט ארייַנפאלנ.

2

אינ אָוונט האָב איכ באַקומענ א באַפעל זיכ לאָזנ מיט א גרופע אויסשפּירער קיינ אוסאַכ, אונ ווי נאָר עס וועט זיכ באַווײַזנ דער פײַנט, גלײַכ צו וויסנ געבנ דעם שטאַב. אינ דאָרף האָב איכ גע־פונענ בלויז א פּאָר אַלטע לײַט, וואָס האָבנ קיינ קויעכ ניט געהאַט צו לאָזנ זיכ מיט אַלע איבעריקע אינ וואַלד. איכ האָב אַרויסגע־שטעלט דרײַ פּאָסטנס אינ פאַרשיידענע ערטער אונ אַליינ מיט די איבעריקע זיכ פאַרקליבנ אַפנ בעסוילעם. די נאַכט איז געווענ א פײַכטע אונ א קאַלטע. קיינ פײַער האָבנ מיר ניט צעלייגט. איכ האָב זיכ טיפער אַרײַנגעזעצט אינ שליטעלע, אײַנגעדעקט די פיס מיט היי אונ זיכ צוגעדריקט צו מײַנ כאַווער לעסקאָוויטשנ. אונדזער פערד שאַריק איז געשטאַנענ אײַנגעהויקערט אונ געציטערט, פּונקט ווי מיר. דערעכ־אַגעוו, א פּאָר ווערטער וועגנ אונדזער שאַריקנ.

נאָכ ביז דער מילכאָמע האָב איכ געלייענט אונ געהערט וועגנ די מײַלעס פונ מיליטערישע פערד. אונדזער שאַריק איז געווענ א געוויינלעכ פויערש פערדל. איכ בינ אָבער זיכער, אז יעדער קאַוואַ־לעריסט וואָלט זיכ געווונטשנ צו פאַרמאָגנ אַזאַ שאַריק, ווי מיר. שאַריקנ האָבנ מיר פרײַ געקאָנט איבערלאָזנ, אונ אַליינ אַוועק כאָטש אַפ א טאָג צײַט. אַליינ פלעגט ער קיינמאָל זיכ פונ אָרט ניט רירנ. אויב ער איז געווענ אויסגעשפּאַנט, איז, ווי נאָר מיר פלעגנ זיכ אַוועקלייגנ אַפ דער ערד, פלעגט ער אויכ טאָנ דאָס זעלבע. אָפט פלעגט ער אונדז וואָרענענ וועגנ א געפאַר. אויב שאַריק האָט אָנגעשטעלט די אויערנ, האָט עס געהייסנ — א מענטש אָדער א כײַע געפינט זיכ ניט ווײַט פונ אונדז. ניט איינ מאָל האָט געטראָפנ, אז שאַריק האָט אינמיטנ לויפנ האַסטיק זיכ אָפּגעשטעלט, דאַנ פלעגנ מיר גלײַכ אַראָפּשפּרינגענ פונ שליטנ קלאָר צו מאַכנ, וואָס איז די מײַסע. עס פלעגט פּאַסירנ, אז אינ די ערשטע קילאָמעטערס פלעגט ער אָפּשטיינ פונ אַנדערע פערד, נאָר דערפאַר פלעגט ער זיכ קיינמאָל ניט אַרויס־שלאָגנ פונ די קויכעס. לעסקאָוויטש פלעגט צו אים רײַדנ ווי צו א מענטשנ אונ איז גרייט געווענ קריכנ אינ פײַער, אַבי שאַריק זאָל האָבנ זײַנ פּאָרציע האָבער אינ זאַק.

3

נאָך האַלבער נאַכט איז צו מיר געקומען סאַוויטש מיט זײַן אָפּטײלונג. ער האָט געבראַכט אונדז די נעכטיקע וועטשערע און איבערגעגעבן דעם קאָמאַנדירס באַפעל: לאָזן דרײַ מענטשן אין דאָרף, דרײַ אויפן בעסוילעם, און אַלײן זיך לאָזן צום כוטאָר סטראַזשאַ, וואָס געפינט זיך אויפן ראַנד פון וואַלד, נעענטער צום גאַרניזאָן. סטראַזשעס זײַנען אין אונדזער קאַנט געווען אַ סך. דאָס זײַנען געווען אײנציקע הײַזער אין וואַלד, געוויינלעך ניט ווײַט פון אַ דאָרף. אין זײ פלעגט וווינען דער וואַלד־וועכטער. מיט די מענטשן פלעגן מיר שטענדיק האַלטן אַן ענגע פאַרבינדונג, אָפט פלעגן זײ אונדז דינען פאַר וועגווײַזערס און אויסשפּירער.

סעמיאָן קאַזעקאַ, אַ הויכער פויער פון אַ יאָר פערציק מיט אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם פּנים און בלאָע גוטמוטיקע אויגן, דער באַלעבאָס פון אויסאָכער סטראַזשאַ, איז געווען אײנער פון אונדזערע בעסטע אַגענטור־אויסשפּירער. פון אים פלעגן מיר באַקומען פּינקטלעכע ידיעות וועגן באַצעוויטשער און זאַפּאָליער גאַרניזאָנען. אָפט פלעגט ער אַהין ברענגען און מיט דערפאָלג פאַרשפּרייטן אונדזער צײַטונג, אונדזערע פלוגבלעטלעך. צו אים האָבן מיר זיך עס געלאָזט. ער אַלײן האָט זיך פאַרטאָג געקליבן אַוועק פון שטוב, נאָר צוליב אונדז איז ער פאַרבליבן. זײַן פרוי און קינדער האָט ער אָפּגעשיקט צו זײַנע פרײַנט אין שכײנעסדיקן דאָרף. ס'איז געווען אַ פראָסטיקער פאַרטאָג, ווען מיר זײַנען אָנגעקומען אויפן אָרט. איך האָב דורכגעקאָנטראָלירט אַלע פּאָסטנס און אַלעמען געוואָרנט, אַז יעדע מינוט קען זיך באַווײַזן דער פײַנט. אויב מיר וועלן אים שפּעט באַמערקן, וועט ניט לײַכט זײַן זיך אַרויסקלײַבן פון דאָרטן.

אין שטוב בײַ סעמיאָנען איז געווען קאַלט און פּוסט. מיר האָבן זיך אַלע פאַרקליבן אין אַ ווינקל און זיך צוגעזעצט אויפן הילצן דיל. אויפן פּאָסטן, ניט ווײַט פון אונדזער הויז, אויף דער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צו באַצעוויטשי, האָב איך אַוועקגעשטעלט אײנעם אַ פּאַרטיזאַן טערענטי. די דײַטשן האָבן זיך נאָך קײנמאָל ניט באַנוצט מיט איר, אָבער דאָך האָט מען געדאַרפט זײַן געהיט. טערענטי איז צו אונדז אָנגעקומען ניט לאַנג און האָט שוין באַוויזן עטלעכע מאָל אויפהײבן אַן אומזיסטע פּאַניק. דאָס מאָל איז ער צוגעלאָפן

צום פענצטער, אָנגעקלאַפּט, אַרויסגערעדט איין וואָרט: „דײַטשן"
און אַליין זיך געלאָזט לויפֿן אין וואַלד. מיר האָבן זיך אַלע אופֿגע־
שטעלט, נאָר צי איז עס אַזוי, האָבן מיר געצווייפֿלט. סאַוויטש האָט
זיך לאַנגזאַם א צי געטאָן צו זײַן ביקס.

— מיסטאָמע איז טערענטי אָנשלאָפֿן געוואָרן אויפֿן פּאָסט און
אין כאָלעם דערזען א דײַטשישע קאָלאָנע.

דערוויידערן אים איז געווען שווער, ווײַל ניט לאַנג צוריק איז
זיך מיט טערענטיען ווירקלעך פֿאַרלאָפֿן אַזאַ מײַסע.

מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען אויפֿן גאַנעק. פֿון אוסאַק איז צו אונדז
געפֿאָרן א שליטן מיט דרײַ פּאַסאַזשירן. עמעצער האָט זיי דערקענט:
אוליאַן, אונדזער סטאַרשינאַ, באָרים פּינטשוק און אַן אומבאַקאַנטע
פֿרוי.

„צי דען, — האָב איך א טראַכט געטאָן, — האָט טערענטי זיי
אָנגענומען פֿאַר דײַטשן? איך האָב דאָך אים באַפֿוילן צו קוקן נאָר אין
דער קעגנזײַטיקער ריכטונג".

אין א וועלכע פּופֿציק מעטער הינטער דער שטוב איז געשטאַנען
א גרויסע שטאַל. דער באַלעבאָס איז אַהין אַוועק און גלײַך זיך
געלאָזט לויפֿן צוריק.

— אַנטלויפֿט, — האָט ער אויסגעשעפּטשעט.

מיר האָבן זיך אַרופֿגעכאַפּט אויף די שליטנס, וואָס זײַנען גע־
שטאַנען רעכטס פֿון שטוב, און — הײַדאַ אין וואַלד.

קאַזעקאַ האָט זיך אויך אַרופֿגעכאַפּט צו אונדז. ער האָט דער־
ציילט, אַז די דײַטשן ליגן באַ דער שטאַל. זיי קלײַבן זיך, ווײַזט אויס,
פֿאַרכאַפּן די דרײַ, וואָס פֿאָרן אַהער. וועגן דעם, אַז מיר זײַנען גע־
ווען אין שטוב, איז זיי, קענטיק, אַפֿילו אין קאָפּ ניט געקומען.

שאַריק, פּונקט ווי ער זאָל פֿילן, אַז די געפֿאַר איז נאָענט, האָט
זיך געריסן פֿאָרויס. קוים וואָס איך האָב אים אָפּגעשטעלט.

— שיס, — האָב איך א זאָג געטאָן צו לעסקאָוויטשן, — אַניט
וועלן אונדזערע זיך אַרײַנכאַפּן לעבעדיקערהייט.

לעסקאָוויטש האָט א קער געטאָן זײַן קוילנוואַרפֿער אין דער
ריכטונג צו דער שטאַל און אַרויסגעלאָזט עטלעכע לאַנגע רייען.
גלײַך האָבן זיך דערהערט דײַטשישע קאָמאַנדעס און א שיסערײַ.
דער שליטן, אויף וועלכן די דײַטשן האָבן געטשאַטעוועט, האָט זיך

אפגעשטעלט, די פארטיזאנער זיינען אראפגעשפרונגען און פאר־שווונדן אין וואלד.

אט דער טומל האט אויך געראטעוועט אונדזערע אויסשפירער, וואס האבן זיך געפונען אפן פאסטן אין דארף און אפן בעסוילעם. ווי מיר האבן זיך שפעטער דערוווסט, זיינען פון באצעוויטשי ארויס־געגאנגען עטלעכע גרופעס דייטשן און פאליצייען. זיי האבן קימאט באוויזן ארומרינגלען אוסאך. מיר האבן זיי געצווונגען פאר דער צייט אופעפענען א שיסעריי. די איינציקע זאך, וואס זיי האבן בא־וויזן, איז הארגענען יעראכינס פערד.

4

אונדזער בריגאדע האבן מיר אנגעיאגט אפן טראקט, וואס פירט קיין רודניע.

— קומט אהער, — האט צו מיר געשריען משייקא. — איך מיט משעטשיאשווילין האבן זיך איינגעשאפן אן „ארדינארעץ". אט זיצט ער בא אונדז אין שליטן.

דאס איז געווען א דייטש פון א יאר פערציק. זיין ערשטע שרעק איז שוין אריבער, ער האט שוין באוויזן, ווי מע זאגט עס, „גענומען זיך אין די הענט" און האט געהאלטן אין איין פלאפלען. אפן וועג זיינען געשטאנען בא א צוויי הונדערט שליטנס.

— אני, אני, — האט ער זיך געוווּנדערט, — און אונדז האט מען געזאגט, אז אהער זיינען געקומען א דרייסיק באנדיטן. — גלייך האט ער זיך אבער פארכאפט, — פארטיזאנער, מיין איך.

איזאך האט ארויסגערופן צו זיך די קאמאנדירן פון די אטריאדן. בא זיינע שליטנס זיינען געשטאנען בא א פופציק ביקסן און קוילן־ווארפערס, וואס אונדזערע האבן פארכאפט.

— משייקא, — האב איך זיך גענומען בעטן. — ברענט ער אפן פייער, דער „ארדינארעץ" דיינער, גיכער דערצייל מיר, וואס איז פארגעקומען.

פארגעקומען איז, לאזט זיך אויס, אט וואס: פארטאג האבן אונ־דזערע פארנומען דאס דארף סערגייעוויטשי, וואס ליגט באם שליאך אין אייך קילאמעטער פונעם שטעטעלע ליובאניטשי. אין דעם דארף פלעגן די דייטשן זיך פילן ווי בא זיך אין גארניזאן.

גאַנצפֿרי האָט דער ליובאַניטשער קאָמענדאַנט געמאָלדן זײַנע סאָלדאַטן, אַז זיי פֿאָרן קיין באַצעוויטשי. נאָכדעם וועלן זיי אַרויסטרעטן קעגן אַ קלענער גרופּע פּאַרטיזאַנער, וואָס געפֿינט זיך ניט ווײַט פֿונדאַנען, און צו אָוונט וועט פֿאַר אַלעמען זײַן פֿאַרגרייט אַ דאָפּלטע פּאָרציע שנאַפּס.

אין סערגייעוויטשי זײַנען זיי אַרײַנגעפֿאָרן, ווי פֿויערים, וואָס פֿאָרן פֿון אַ יאַריד — רויק, ניט געאײַלט: זייערס, הייסט עס, וועט פֿון זיי ניט אַנטלויפֿן. ווער עס איז געלעגן אויסגעצויגן אויפֿן שליטן, אײַנגעוויקלט אַזוי, אַז נאָר די נאָז האָט אַרויסגעשטעקט. ווער עס האָט איבערגעלאָזט די ביקס אויפֿן שליטן און אַליין אָפּגעשטאַנען אָדער פֿאָרויס אַוועק זיך צו דערוואַרעמען. עטלעכע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין די הײַזער און נאָך פֿונדערווײַטנס געשריען:

— מאַטקאַ, יאַיקי, מאַטקאַ, שנאַפּס.

אונדזערע זײַנען אַזוי אומדערוואַרט אָנגעפֿאַלן, אַז נאָר געציילטע דײַטשן האָבן באַוויזן צו געבן אַ ווידערשטאַנד. קיינעם פֿון זיי האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו ראַטעווען זיך. באַוויזן אַנטלויפֿן האָט בלויז איין פּאָליצײַ. ער איז אויך אַרײַנגעפֿאַלן צו אונדז אין די הענט, אָבער ערשט אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום.

5

די צוויי שלאַכטן מיט באַצעוויטשער, זאַפּאָליער און ליובאָניטשער גאַרניזאָנען זײַנען ניט געווען פֿאַרויסגעזען, און די קאָמאַנדשאַפֿט פֿון דער בריגאַדע האָט באַשטימט די פּראָגראַם פֿון אָפּמערקן דעם טאָג פֿון דער רויטער אַרמיי — צעקלאַפּן דעם זשיליצער און שטשעגרינקער גאַרניזאָנען — ניט ענדערן.

די לעצטע צוזאַמענשטויסן האָבן דערוויזן, אַז מיר זײַנען בעריעב אָנבינדן ערנסטע שלאַכטן דעם פֿײַנט און זיי געווינען. דער אויפֿלעם אונדזערער איז געוואָרן זיכערער און פֿעסטער בײַ זיך.

שפּעט אין דער נאַכט זײַנען מיר אָנגעפֿאַלן אויפֿן גוט, וואָס האָט זיך געפֿונען אין זשיליצע. קיין באַזונדערס גרויסן דערפֿאָלג האָבן מיר דאָ ניט געהאַט. מיר האָבן פֿאַרכאַפּט אַ סך פּראָדוקטן, דײַטשישע קליידער. נאָר ניט דאָס איז געווען דער עיקר. דער גרעסטער טייל דײַטשן האָט זיך פֿאַרקליבן אין אַ געמויערטער געבײַדע,

און מיט ביקסנ אליינ האָבנ מיר זיי פונ דאָרט ניט געקענט ארויסקלאַפּנ. איינ דער שלאכט איז ווידער שווער פארוווּנדעט געוואָרנ קאָליא וואָלטשקאָוו און אונדזער קאָמענדאנט יאָסיפ לאהויקאָ. לאהויקאָנ האָט זיכ איינגעגעבנ איינ א קורצער צייט ארום אוועקשיקנ מיט אנ אעראָפּלאנ אפ דער „גרויסער ערד” איינ א שפּיטאָל. איינ צוויי טעג ארום האָבנ מיר באנאכט פארניכטעט שטשעגרינקער גארניזאָנ און דעם זעלבנ פארטאָג גלייכ פונ שטשעגרינקע זיכ געלאָזט איינ אָנגריפ אפנ שכיינעסדיקנ גארניזאָנ פּאָדסיאָלי.

מיר דאכט, אז דאָס מאָל זיינענ מיר באגאנגענ א פעלער. דאָס איז געווענ איינער פונ די שטארקסטע גארניזאָנענ איינ אונדזערע ראַיאָנענ. עטלעכע מאָל זיינענ מיר שוינ אָנגעפאלנ אפ אים, נאָר קיינ איינ מאָל ענדגילטיק ניט פארניכטעט. איינ אונדזערע סאָוועטישע יאָמטעוו־טעג פלעגנ די דייטשנ זיינ באזונדערס וואכזאם. דערצו נאָכ זיינענ מיר אָנגעגריפנ, ווענ עס איז שוינ געווענ ליכטיק, און גלייכ נאָכ אנ אנדער שלאכט. איינ דאָרפ האָבנ מיר זיכ דאָכ ארייננגעריסנ, און ניט וויניק פיינט האָבנ דאָנ אָנגעלייגט מיט די קעפּ. ארויסקלאפּנ זיי פונ דאָרט האָט זיכ אונדז אָבער ניט איינגעגעבנ.

מיר זיינענ שוינ געווענ איינ וואלד, וואָס ניט וויט פונ דאָרפ, ווענ איינ הימל האָט זיכ דערהערט א הודזשענ פונ מאָטאָרנ.

— אָפּשטעלנ די קאָלאָנע און פארמאסקירנ זיכ! — האָט איינער דעם צווייטנ איבערגעגעבנ סווירידס באפעל.

די פארווונדעטע, וואָס זיינענ געלעגנ אפ די טראָג־בעטלעכ, האָט מענ איבערגעדעקט מיט ווייסע מאסקיר־כאלאטנ. די פערד, וואָס מיר האָבנ פארכאפּט, האָט מענ אוועקגעפירט וויטער פונ וועג און אוועקגעשטעלט זיי אונטער ביימער מיט געדיכטע קרוינענ.

— זאָלנ זיי אונדז אָנשיטנ זאלצ אפנ עק, — האָט זיכ עמעצער פונ די פארטיזאנער געכאָכמעט. — בא אזא וועטער איז לייכט זיכ צו באהאלטנ, נאָר שווער צו געפינענ.

ווירקלעכ, דער געדיכטער נעפּל, וואָס האָט פונ פארטאָג אָנ אלצ ארום איינגעהילט, איז ניט צערונענ. קליינינקע שנייעלעכ האָבנ אָנ אופהער געשאָטנ און פארווישט אלע שפּורנ.

איבער פּאָדסיאָלי האָבנ דריי אעראָפּלאנענ געמאכט א קרייז, זיכ אראָפּגעלאָזט נידעריקער, און אפ די באפעסטיקונגענ פונעם גארניזאָנ האָבנ זיכ א שאָט געטאָנ באָמבעס. וויניק איינ קרייז, האָבנ זיי

א צווייטנ געמאכט אונ גענומענ באשיסנ דאָס דאָרפ פונ קוילנווארפער. איינ אעראָפּלאַנ האָט געמאכט נאָכ עטלעכע קרייזנ איבערנ דאָרפ, אונ די איבעריקע צוויי האָבנ גענומענ באשיסנ שטשעגרינקע.

פארנאכטע זיינענ מיר אַלע געשטאנענ אונ ניט געקאָנט באנעמענ, וואָס קומט דאָ פאָר.

— אונדזערע! — האָבנ אייניקע געשריענ אונ זיכ א לאָז געטאָנ צומ וועג.

— צוריק! — האָט זיכ דערטראָגנ סווירידס באפעל. אַליינ האָט ער קיינ אויג ניט אָפּגעריסנ פונ בינאָקל. אויפ די פליגלענ פונעמ אעראָפּלאַנ, וואָס איז איצט געפלויגנ איבערנ וואַלד, האָט ער דערזענ צוויי שווארצע האקנקרייצנ.

— קאָמיסאר, — האָט ער זיכ הילכיק צעלאכט, — אינ באַפעל וועט מענ דארפנ אָפּמערקנ די „הילפ" פונ דער אוויאציע.

אינ א קנאַפּ יאָר ארומ פלעגנ שוינ אונדז צו הילפ קומענ אונדזערע סאָוועטישע אעראָפּלאַנענ — שעלוכימ פונ דער „גרויסער ערד".

דאָס, וואָס מיר זיינענ ניט בעקויעכ געווענ אָפּצוטאָנ, האָט אָפּגעטאָנ דער פיינט אַליינ. ניט אַנדערש, ווי עמעצער פונ די „בראַווע" דייטשישע אָפיצערנ האָט פאר דער צייט אָדער מיט א פארשפּעטיקונג אינפאָרמירט די דייטשישע קאָמאנדשאפט אינ שטאָט, אַז פארטיזאַנער האָבנ פארנומענ די צוויי דערפער.

6

אינ גרונט גענומענ זיינענ מיר אַלע צופרידנ געווענ מיט די רעזולטאטנ פונ אָט די לעצטע פינפ שלאכטנ.

דערמיט, קענ מענ זאָגנ, האָט זיכ געשלאָסנ א געוויסער עטאַפּ. מיר זיינענ געוואָרנ א פעסט־אָרגאניזירטע, דיסציפּלינירטע פארטיזאנישע פארייניקונג, מיט קאָמאנדירנ, אויסגעפּרוּווטע אינ שלאכט, מיט א געניטער אָנפירונג, וואָס האָט אויסגעצייכנט באנומענ דעמ טאָכ פונ פארטיזאנישער טאקטיק. מיר האָבנ איצט אַליינ דערפילט אונדזער קראפט. אויכ די דייטשנ האָבנ פארשטאנענ, אַז זיי האָבנ צו טאָנ מיט א קויעכ, וואָס אָפּמאכנ מיט דער האנט קענ מענ אימ ניט. זיי האָבנ אויפגעהערט קליינע גרופּעסווייז נישטערנ איבער די דערפער. די לעצטע מאַפּאָלעס האָבנ זיי געצווּנגענ זיינ איינגעהאל־

טענער, פאַרזיכטיקער. די פויערימ ווידער האָבנ זיכ איבערצייגט, אַז דאָ זיינענ מיר די, וואָס נעמענ זיכ אָנ פאַר זייער קריוודע, אונ האָבנ זיכ גענומענ באַציִענ צו אונדז מיט נאָכ מער ליבע אונ אָפּשיי.

— וואָרט, — האָט אינ איינעמ א דאָרפ געשריִענ אַנ אַלטער צו א פּאָליציי, וואָס האָט צוגענומענ זיינ לעצט ביסל גוטס, — איר ווילט ווידער פּעוואָראַל, וועט איר אימ באַקומענ.

מיר האָבנ זיכ געלאָזט צוריק אינ לאַגער. יערנ האָט געצויגנ אינ די אוסאַקינער וועלדער, פּונקט ווי דאָרט וואָלטנ אַמאָל געשטאַנענ אונדזערע וויגעלעכ.

די בריגאַדע איז זיכ שטאַרק צעוואַקסנ. עס זיינענ צוגעקומענ א סאַכ נייע מענטשנ. מיר האָבנ זיכ אָפּגעטיילט פונ איזאָכנ אונ געבילדעט א באַזונדערע פּאַרטיזאַנישע בריגאַדע אַפּ קיראָווס נאָמענ.

קאָמבריג איז געווענ ס. אי. סווירידּ, קאָמיסאַר — ג. ל. קאָמאַר, שעפ פונ שטאַב — קאַפּיטאַנ איגנאַטענקאָ. די בריגאַדע איז באַשטאַנענ פונ פינפ אָטריאַדנ.

הער שעפ פונ אויסשפּירונג אינ אונדזער אָטריאַד, ס. ד. באַרקאָווסקי, איז געוואָרנ געהילפ פונ קאָמבריג אונ קאָמאַנדיר פונ אונדזער אָטריאַד. מאַקסימ דראָזד, וואָס זיינ וווּנד האָט זיכ פאַר דער צייט פאַרהיילט, איז געוואָרנ שעפ פונ אויסשפּירונג, אונ איכ— זיינ געהילפ. מיינ הויפּט־אויפגאַבע איז געווענ — אַגענטור־אויס־שפּירונג.

פּאָשעטע מענטשנ

1

שווער אונ געפערלעכ איז די אַרבעט פונ אַנ אויסשפּירער אינ טיפנ הינטערלאַנד באַמ פיינט. גאַנצפרי אונ אינ אָוונט, באַטאָג אונ באַנאַכט — שטענדיק דאַרפ מענ זיינ אַפ דער וואַכ. קיינמאָל טאָר מענ ניט פאַרגעסנ וועגנ דעמ, אַז פונ דיינ וואַכזאַמקייט איז אָפּהענגיק דער גורל פונ אָטריאַד, פּאָלק, בריגאַדע.

— געדענקט, — פלעגט אונדז אָפט דערמאָנענ אונדזער קאָ־

מיסאר גערּאסימ לעאָנטיעוויטש קאָמאר, — איר זײַט אונדזערע אויגנ אונ אויערנ.

פלעגט טאקע דער פײַנט אונדז אָפט לאָזנ רויכ אינ די אויגנ: אָט לאָזט ער זיכ אינ איינ ריכטונג, אונ פלוצעמ פארקערעוועט ער אינ א זײַט אָדער גאָר אינ דער קעגנזעצלעכער ריכטונג; אָט טוט ער זיכ איבער אינ אונדזערע קליידער. דארפ מענ האָבנ א שארפ אויג, א סאכ גערולד אונ גרויס געניטקײַט צו דערזענ דאָס, וואָס דעמ פײַנט ווילט זיכ באהאלטנ. די דײַטשנ פלעגנ פארשפרייטנ פאלשע קלאנגענ: שרעקנ מיט א בלאָקירונג, ווענ זיי זײַנענ געווענ ווייניק אינ צאָל אונ האָבנ מוירע געהאט ארויסשטעקנ די נאָז פונ די דאָטנ; רופנ די פויערימ אינ קלויסטער, קעדיי דאָרט טאקע כאפנ די יוגנט אונ אוועקשיקנ זי אפ קאטאָרגע קיינ דײַטשלאנד; אינגאנצנ זיכ פארטײַענ, ווענ ארומ זײַנענ געשטאנענ ספעציעלע טיילנ, וואָס האָבנ באדארפט אינ שאָענ ארומ ארויסטרעטנ אינ אָנגריפ קעגנ די פארטיזאנער.

מיט אומגעהערטער שנעלקײַט פלעגנ פונ מויל צו מויל, פונ דאָרפ צו דאָרפ איבערגעגעבנ ווערנ פארשיידענע ידיעס. א דײַטש אינ גארניזאָנ האָט געפרעגט דעמ ווענ אינ וועלכנ־ניטראַיז דאָרפ, א דײַטש האָט זיכ אָנגעשיקערט אונ עפעס אויסגעפלוידערט — גלײַכ פלעגט די נײַעס צו אונדז דערגייג, האָט מענ באדארפט סאָרטירנ, אפוואַרפנ דעמ ליגנ, די גוזמע, זיכ אָנשיקויסנ, וואָס איז דאָ עמעס, וואָס האָט א ווערט פאר אונדז.

נאָכ אינעמ ערשטנ טאָג, ווענ איכ בינ אָנגעקומענ צו די פארטיזאנער, האָב איכ עטלעכע מאָל געהערט, ווי איינער פרעגט באמ צווייטנ: „אונ וואָס טיילט מיט „אָ. ב. ס."?" בא מיר האָט זיכ דאנ גערשאפנ אנ אײַנדרוק, אז עס האנדלט זיכ וועגנ עפעס א געהיימער ראַדיאָ־סטאנציע. אינ א קורצער צײַט ארומ, ווענ כ'בינ געוואָרנ אנ אויסשפירער, פלעג איכ שוינ אליינ איבערגעבנ אינ שטאב, אז „אָ.ב.ס." טיילט מיט...

„אָ.ב.ס." האָט באדײַט: „אָדנא באבא סקאזאלא" (א פרוי האָט געזאָגט). אָט דער טערמינ האָט זיכ בא אונדז אזוי אײַנגעפונדעוועט, אז אפילע אינ די מיטיילונגענ, וואָס מע פלעגט שיקנ אינ די העכערע שטאבנ, איז געווענ א פונקט: „אָ.ב.ס."...

געוויינלעכ ווערט די אויסשפירונג אײַנגעטיילט אפ שלאכט־

אויסשפירונג און אגענטור־אויסשפירונג. נאָר אין אונדזערע באַדינ־גונגען האָבן זיך ביידע מינים אויסשפירונג אַזוי איבערגעפּלאָכטן, אַז קימאַט יעדן איז אויסגעקומען זיך פאַרנעמען אי מיט דעם, אי מיט יענעם.

קימאַט שטענדיק פלעגן מיר זײַן ווײַט פון אַטריאַד. וואָס קאָמ־פּליצירטער עס איז געווען די אויפגאַבע, אַלץ ווייניקער מענטשן האָט מען געקענט נעמען מיט זיך.

2

האַרבסט 1942 האָבן מיר עטלעכע מאָל געשיקט אין שטאָט אַרײַן דעם זעלבן מיטיאַ גאָלוביאָוו, וואָס האָט מיך געבראַכט אין אַטריאַד. אַט דאָס יאַטל פלעגט מאָמעש וווּנדער באַווײַזן. אַ קליינינ־קער, האָט ער אין די קורצע הייזלעך, אין די לאַפּטיעס אויף די פיס, אויסגעזען נאָך יינגער, ווי ער איז געווען. זײַן עלטערע שוועסטער קסעניאַ, אַ געוועזענע פּיאָנער־אָנפירערן, איז ספּעציעל אָנגעקומען אויף אַרבעט אין אַ דײַטשישער „סאָלדאַטן־היים" (אַ מין סאָלדאַטן־קלוב). מיט איר אין איינ צימער האָבן געוווינט נאָך צוויי קאָמיוניסט־קעס, אירע כאַווערטעס, וואָס פלעגן איר העלפן באַקומען די ידיעות, וועלכע האָבן אונדז אינטערעסירט. פאַרשפּרייטן אונדזערע פלוג־בלעטלעך, פירן אַ צעליייגונג־אַרבעט צווישן די פּאָליציי־לײַט און אַנדערע פאַררעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט.

איינמאָל האָט זיך אומגעקערט פון שטאָט מיטיאַ, און מיט אים איז געקומען קסעניאַ. זי האָט דערציילט, אַז צו איר איז שוין עט־לעכע מאָל אַרײַנגעקומען אַן אומבאַקאַנטער באָכער און געבעטן, זי זאָל אים העלפן פאַרבינדן זיך מיט אונדז. און כאָטש זי האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט, ווײַזט אויס, אַ טעות און ווענדט זיך ניט לויטן אַדרעס, האָט ער געגומען אַלץ אָפטער איבערכאַזערן זײַנע וויזיטן. אונדז האָט דער באָכער אויסגעזען פאַרדעכטיק, און מיר האָבן זי געוואָרנט, זי זאָל זיך האַלטן וואָס ווײַטער פון אים.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר צו איר געשיקט איר שוועס־טערל מאַניאַ. אין אָוונט איז צו זיי געקומען דער זעלבער באָכער און אַקשאָנעסדיק געפּאָדערט העלפן אים זיך אַריבערקלײַבן צו די פּאַר־טיזאַנער. ער האָט געבעטן מיט גוטן, מיט בייזן, געטײַנעט, אַז אַזאַ קאָמיוניסטקע, ווי זי, האָט ניט קיין רעכט אָפּזאָגן אין הילף אַ סאָווע־

טישנ בירגער, ווײַבאַלד אַז אַנדערע, ווי אימ איז באַוווּסט, האָט זי שוינ יאָ געהאָלפנ. אויכ מיט מאַניענ האָט ער גענומענ רײדנ וועגנ דעמ. נאָר זי האָט געענטפערט, אַז זי איז אַ שכײנע אונ איז צופעליק אַהער אַרײַנ.

עס איז געווענ פאַר נײַ-יאָר. מיטיאַ האָט זיכ געקליבנ אינ שטאָט אַרײַנ. דער קאָמאַנדיר פונ אונדזער אַגענטור־אויספירונג ניקאָלײַ מאַרטשענקאָ האָט ווי געהעריק באַוואָרנט אַלע בריוו, וואָס מע האָט באַדאַרפט קסעניענ איבערגעבנ, אינ אַ וואָגנ האָט מענ אָנגעלײגט היי, קאַרטאָפל, אונ מיטיאַ האָט זיכ געלאָזט אינ וועג אַרײַנ.

נאָכ פונוויטנ האָט ער באַמערקט, אַז לעבנ דער שטוב, ווו קסעניאַ וווינט, שטײענ עטלעכע פּאָליציי־לײַט. באַמ ערשטנ ראָג האָט ער פאַרקערעוועט אינ אַ זײַטיק געסל אונ זיכ געלאָזט צו אַ צווײטער שוועסטער, וואָס האָט אויכ געווױנט אינ שטאָט. דער טויער איז געשטאַנענ אָנ אָפענער, אונ מיטיאַ איז, ניט אַראָפּקריכנדיק פונ וואָגנ, אַרײַנגעפאָרנ אינ הויפ. אויכ דאָ זײַנענ געשטאַנענ פּאָליציי־לײַט. קלאָר, מיט די שוועסטער האָט עפּעס געטראָפנ. מעגלעכ, אַז אַפ אימ טאַקע וואַרט מענ עס. אונ באַ אימ זײַנענ פאַראַנ אונדזערע בריוו, סאָוועטישע פלוגבלעטלעכ. אײנ אויסוועג איז געווענ: לויפנ. אונ מיטיאַ איז אַראָפּגעשפּרונגענ פונ וואָגנ אונ געלאָזט זיכ צוריק אינ גאַס.

— האַלט אימ! — האָבנ זיכ די פּאָליציי־לײַט אַ לאָז געטאָנ נאָכ אימ. — האַלט אימ!

מיטיאַ, אַ קלײנינקער אונ ביז גאָר אַ פלינקער, האָט זיכ געלאָזט פונ אײנ הויפ אינ צווײטנ. פאַרבײַגײענדיקע דײַטשנ האָבנ זיכ, ווי כײַעס, אַ וואָרפ געטאָנ אַפנ יינגל.

אונדזערער אַנ אַגענטור־אויספירער, וואָס איז צופעליק דערבײַ געווענ, האָט אונדז דערנאָכ דערציילט, ווי אַנ אַלטע פרוי האָט געבעטנ אַ זשאַנדאַרמ, וואָס האָט געהאַלטנ מיטיענ פאַרנ קאָלנער, ער זאָל אימ ניט שלאָגנ.

— פאַנ, — האָט זי אימ אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, — איר זײַט דאָכ געווימ אַלײנ אַ פאָטער, איז ווי זשע קענט איר אַזוי שלאָגנ אַ קינד.

— שווײַג! — האָט ער אויכ איר דערלאַנגט אַ פּאַטש.

עמעצער האָט זי גלײַכ אָפּגעפירט אָנ אַ זײַט.

מיטיען האָבן זיי אוועקגעשלעפּט צוריק אין הויף, וווּ דער וואָגן איז געשטאַנען. זיי האָבן אים באַזוכט, נאָר גאָרנישט ניט געפונען.

— דערציייל! — האָבן זיי געפּאָדערט. — ווער האָט דיך גע־שיקט אַהער?

ער איז געשטאַנען אַ פאַרבלוטיקטער, אין צעריסענע קליידער. אַרום האָבן זיך פאַרזאַמלט מענטשן.

— קיינער! — האָט ער געענטפערט. — איך בין געקומען אויסבײַטן קאַרטאָפל אָפּ זאַלץ.

אין הויף איז געשטאַנען אַ גרויסע פאַס, פול מיט וואַסער. פון אויבן איז געווען אַ דיק הײַטל אײַז. זיי האָבן אים אַהין אַרײַנגע־וואָרפן.

— מאַמע! — האָט זיך אַ קינד צוגעדריקט צו אַ מוטער.

— גאָט מײַנער! — האָט אַ זאָקן פאַרמאַכט די אויגן.

— דאָס וועלן מיר ניט פאַרגעסן און ניט מוחל זײַן! — האָט געשעפּטשעט דער צופעליקער באַאָבאַכטער, אונדזער אַגענטור־אויס־שפּירער.

מיטיא האָט זיך ניט געוועהרט, ניט געוויינט און ניט געשריִען. זיי האָבן אים אַרויסגעשלעפּט אַ בלויען, ווי אַ מילץ, און געפרעגט:

— ווער האָט דיך געשיקט?

— די מאַמע.

— נאָך וואָס?

— נאָך זאַלץ, — האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

פון שטוב האָט מען אַרויסגעפירט זײַן שוועסטער, אַ פרוי אין די הויכע באַדאַשים. מיטן קלייד האָט זי אַרומגעווישט מיטיעס פּאָ־נעם און צוגעדריקט אים, אַ פּיטש־נאַסן, צו זיך.

— פּאָרויס! — האָט באַפוילן דער זשאַנדאַרם.

מיטיא און זײַן שוועסטער האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט, און אַזוי זײַנען זיי געגאַנגען ביז פּושקין־גאַס, וווּ עס האָט זיך גע־פונען די געסטאַפּאָ. פאַרבײַגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און באַ־גלייט זיי מיט אַ בליק פול מיט ראַכמאָנעס און אָפּשײַ צום האַלב־פאַרפרוירענעם יינגעלע און צו זײַן שוועסטער.

אין געסטאַפּאָ האָט מען מיטיען ווידער באַזוכט און געפונען אונדזערע בריוו. זיי האָבן שוין אָבער אָן זיי אויך געהאַט צונויפ־געזאַמלט ניט ווייניק ידיעות וועגן דער העלדישער קאָמיוניסטקע

קסעניא אונ איר ברודערל, דעמ פארטיזאנישנ פארבינדלער מיטיא. מע האט ארעסטירט א גרופע יוגנטלעכע פונ שפיטאל, וועלכע האבנ געהאלפנ קסעניענ. זיי האבנ אלצ געלייקנט: — קיינמאל, — האבנ זיי געהאלטנ אינ איינ טיינענ, — האט מיט זיי קסעניא ניט גערעדט וועגנ פארטיזאנער אונ ניט געווענדעט זיכ צו זיי נאכ הילפ. מע האט זיי צוגעזאגט גאלדענע בערג, אונ אז עס האט ניט געהאלפנ, האט מענ געשלאגנ. דערנאכ ווידער געפרווט מיט גוטנ, דערנאכ ווייטער געדראעט, געשלאגנ, געפייניקט. עס האט ניט געהאלפנ. נאר איינ סאניטארקע, וואס האט טאקע בעעמעס מיט גארניט ניט געהאלפנ אונ נאר איינ מאל פארקויפט קסעניענ מעדיקאמענטנ, האט זיכ גלייכ צעוויינט אונ אלצ, וואס זי האט געוווסט, דערציילט. מע האט זי אינ דעמ זעלבנ טאג דערשאסנ. אומגעבראכט האט מענ אויכ קסעניענ מיט מיטיענ. אלע איבעריקע האט מענ אוועקגעשיקט אפ אייביקער, ווי עס האט זיכ דאנ די דייטשנ געדאכט, קאטארגע קיינ דייטשלאנד.

3

וועגנ דעמ אלעמ האב איכ באדארפט אנזאגנ פארפיריכענ, קסעניעס אונ מיטיעס מאמע. א מינוט פינפ איז זי געזעסנ א פארגליווערטע. אויכ איכ בינ געשטאנענ אונ געשוויגנ. וואס האב איכ דענ געקענט זאגנ? אפ טרייסטנ זי האט זיכ אינ יענער מינוט בא מיר קיינ ווערטער ניט געפונענ.

זי האט זיכ מיט ביידע הענט אנגעכאפט פארנ קאפ אונ, ווי אנ אומרו, זיכ גענומענ גלייכמעסיק שאקלענ אפ רעכטס אונ אפ לינקס, אלצ שנעלער אונ שנעלער. ווענ אינ שטוב איז אריינ מאניא, א פארויטלטע פונ פראסט, מיט א שמייכל, וואס איז אבער גלייכ פארגליווערט געווארנ אפ די ליפנ, האט זיכ פארפיריכע האסטיק אופגעשטעלט, זיכ געלאזט אנטקעגנ מאניענ אונ ארויסגעלאזט אזא טיפנ, הארצרייסנדיקנ קרעכצ, אז א שטיינ וואלט צעגאנגענ. זי האט אויסגעשטרעקט ביידע הענט, פונקט ווי פאר איר זאל שטיינ א גאנצער אוילעמ, אונ דורכ טרערנ ארויסגערעדט:

— מענטשנ, זאגט מיר. פארוואס שיק איכ מיינע קינדער צומ טויט, אונ איכ אליינ בלייב לעבנ?

163—6

ניט אין דער מינוט און ניט שפעטער האט זי מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט, אז דאָס האָבן מיר רעקאָמענדירט קסעניען אָנקומען צו די דײַטשן אַף ארבעט און געשטעלט פאר איר איין אופ־גאבע נאָך דער צווייטער; אז דאָס האָבן מיר געשיקט צו איר מי־טיען. ניין, אזעלכע געדאנקען זײַנען איר אפילע אין קאָפּ ניט גע־קומען.

—גוואַלד, — האט זי געריסן אף זיך די האָר, — מײַנע קינדער זײַנען דאָך אזעלכע טײַערע, און געטאָן האָבן זיי נאָר גוטס, איז פארוואָס האָט זיי געקומט דער טויט?

אין א צײַט ארום, ווען זי האָט זיך פון אנדערע דערוווּסט, זוי מע האָט געפּײַניקט און איזדיעקעוועט זיך איבער קסעניען און מי־טיען, האָט זי מיר געזאָגט:

— מאַניען אין שטאָט וועל איך ניט לאָזן מער, נאָר מיך שיקט. אויב ניט, וועל איך פון זינען אראָפּ.

עס זײַנען קיין צוויי כאדאָשים ניט אוועק, און אויך מאַניא האָט ווידער אָנגעהויבן גיין אין שטאָט.

— אָט אזעלכע זײַנען זיי, מײַנע קינדער. מיר קריכן די אויגן פון קאָפּ ארויס, ביז מאַניא קערט זיך אום פון שטאָט, נאָר זאָגן וועל איך גאָרניט. זי איז אזא ווי קסעניא און מיטיא.

ווינטער איז קיין וועליקאיא סטארינא אָנגעקומען א דײַטשי־שער שטראָף־אָטריאַד. זיי האָבן צונויפגעטריבן אלע מענטשן אין איין אָרט און געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן זיך, ווער איז דאָ פּאָר־פּיריכע, גאָלוביאָווא איז איר פאמיליע. דער אָפיצער האָט געדראָעט שיסן יעדן פינפטן, נאָר קיינער האָט ניט ארויסגעגעבן פּאָרפּיריכען, וועלכע איז דאָ צווישן אוילעם געשטאַנען.

— פון זינט מע האָט אירע קינדער דערשאָסן, ווײנט זי ניט בא אונדז. זי קומט זעלטן און ווערט גלײַך ווידער פארפאלן, — האָט נאסטיא סעמיאָנאָווא, איר שכיינע, געענטפערט.

פון יענעם מאָל אָן איז, ווי נאָר ערגעץ א שאָס, פלעגט פּאָרפּי־ריכע די ערשטע זיך לאָזן אין וואַלד. אין אָנהייב מאַרט זײַנען ווי־דער אָנגעקומען דײַטשן, און די ערשטע פראגע זײערע איז געווען:— וווּ איז פּאָרפּיריכע? — זי האָט זיי שפּעט באמערקט. ווען איר און מאַניען איז פארבליבן א מעטער צען צום ברעג פון וואַלד, האָט א

פײַנטלעכע קויל איר געטראָפֿן אין פּוס. מאַניאַ האָט זי אין װאַלד אַרײַנגעשלעפּט. צו נאַכט־צו, װען די דײַטשן האָבן זיך פֿון דאָרף אַרויסגעקליבן, האָבן זי די פּויערים געבראַכט צו טראָגן. אין דער זעלבער נאַכט בין איך געקומען זי געװוירע װערן.

— היילט מיך אויס, — האָט זי זיך געבעטן. — איך האָב זיך נאָך ניט צערעכנט פֿאַר מײַנע קינדער.

איבערלאָזן זי אין דאָרף איז געװען געפֿערלעך, האָב איך איר געקריגן פֿאַלשע דאָקומענטן און אָפּגעשיקט אין שטאָטישן שפּיטאָל. מאַניאַ פֿלעגט אָפֿט גיין צו איר און פֿאַרײנװעגס אָפּטראָגן און ברענגען אונדז פּאָטשט. פֿאַרפֿיריכע האָט זיך איינגיכן צוריק אומגעקערט, זי האָט אָבער שטאַרק געהוסטעט.

— איצט, טאָכטער מײַנע, — האָט זי זיך צו מאַניען געװענדט, — װעסטו מוזן אָפֿטער גיין אין שטאָט — פֿאַר זיך און פֿאַר מיר.

איר טאָכטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זי איז אײַנגעגאַנגען אין דעם.

4

אָפֿט פֿלעגט גיין מיט אונדזערע אופֿגאַבעס אין שטאָט די אַלטיטשקע װײַסרוסישע לערערין פֿון דאָרף קאַבעליאַנקאַ — אַנאַסטאַסיאַ באַבאַריקאַ. באַקאַנט האָב איך זיך מיט איר אָט װיאַזוי:

מיט אַ גרופּע אויסשפּירער האָב איך זיך סאָפּ טאָג דערנענטערט צו אַ דאָרף, װוּ עס איז אײַנגעשטאַנען ס. באַרקאָװסקי מיט אַ ראָטע. באַם ראַנד װאַלד האָט עמעצער פֿונגװיטש באַפֿוילן אונדז אָפּשטעלן זיך. די ניט־רוסישע אויסשפּראַך האָט אונדז פֿאַרכידעשט, דעריבער האָבן מיר, אָנשטאָט צו זאָגן אים דעם פּאַראָל, געפֿאָדערט, ער זאָל אים דער ערשטער אָנרופֿן.

— אײנער צו מיר. די איבעריקע אָפּ די ערטער, — האָט ער אונדז באַפֿוילן. עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג פֿון מעטאַל — ער האָט זיך צוגעגרייט צום שיסן. איך האָב זיך גענאָזט נענטער צו אים. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס איז אַ ניט־געקומענער פֿאַרמיזאַן, אַ גרוזין. זײַן שטרענגקייט האָט ער דערקלערט מיט דעם, װאָס „װוּ נאָר אַ רוען, שלעפּט ער זיך מיט דעם װעג”, ער האָט שוין צװײ שפּיאָנען פֿאַרהאַלטן, אײנעם אַ דײַטש, עמעס אַ ציװילן, אָבער אַ „פּאָן”. די פֿאַמיליע זײַנע געדענקט ער ניט, נאָר דער קאָמאַנדיר

פון זײַן אָפּטײלונג האָט אַלײן איבערגעלײענט אין זײַנע דאָקומענטן, אַז דאָס איז אַ „פּאָן".

— און ווו איז דער צווייטער וואַכמאַן? — שלאָג איך אים איבער.

— דערצײל איך אײַך דאָך, אַז מיר האָבן צווי שפּיאָנען פאַרהאַלטן. דעם דײַטש נאָך באַטאָג, און ניט לאַנג צוריק אַ פרוי, האָט זי מײַן קאָמפּאַניאָן צום קאָמאַנדיר אוועקגעפירט.

באַרקאָווסקין האָב איך אין שטוב ניט געטראָפן. ער איז נאָך גאַנצפרי אוועקגעפאָרן. אין מעשעך פון טאָג האָט ער באַדאַרפט אין עטלעכע דערפער דורכפירן פאַרזאַמלונגען מיט די פויערים. אין שטוב האָבן געוואַרט אַף אים די „שפּיאָנען", וואָס דער גרוזין האָט פאַרהאַלטן. דער מאַנצבל — אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, אַ הערקולעס. מיר האָבן געוווּסט, אַז ער דאַרף קומען. אַ סאָוועטישער מיליטערישער אינזשעניער, איז ער אַ פאַרוווּנדעטער אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די דײַטשן. אים איז געלונגען אַרויסגעבן זיך פאַר אַ פּאָן רענדעל. אין שטאָט האָט ער געאַרבעט אַלס הויפּטאינזשעניער פון אַ זאַוואָד און ווי ווײַט מעגלעך געשעדיקט די דײַטשן. די לעצטע צײַט האָט מען נאָך אים נאָכגעשפּירט, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. אונדזערע אַ פאַרבינדלערן האָט אים געגעבן דעם אַדרעס אַהער.

פון דער טיר לאָז איך זיך גלײַך צו אים.

— אַ גוטן אָוונט אײַך, פּאָן רענדעל.

— אַ גוטן אָוונט, אַ גוטן אָוונט! — דריקן מיר איינע די צווייטע די הענט. די פאַרטיזאַנער, וואָס זיצן בײַם טיש, קוקן זיך פאַרכידעשט איבער.

די פרוי, וואָס מע האָט ניט לאַנג צוריק געבראַכט אַהער, האָט שוין באַוויזן אָפּעסן וועטשערע, זיך פאַרקלײַבן אַפן אויוון און אַנשלאָפן ווערן.

— איר קענט זי? — פרעג איך בײַ רענדעלן.

— ניין.

אינגיכן איז געקומען באַרקאָווסקי. מיט רענדעלן איז בײַ אים דער שמועס געווען אַ קורצער. ער וועט אים אָפּשיקן אין לאַגער, דאָרט וועט פאַר אים קלעקן אַרבעט.

בײַ דער פרוי זיך דערוויסן עפּעס איז געווען ניט פון די לײַכטע

זאכן. זי איז ניט בערויגעז, — האָט זי געטײַטעט. — וואָס מע האָט זי פאַרהאַלטן. אַלצײַנס האָט זי זיך געקליבן דאָ איבערנעכט־קן, נאָר גאַנצפֿרי זאָל מען זי אָפּלאָזן, אין דער היים וואַרטן אַף איר אירע דרײַ קינדער. ווו איז זי געווען? אין שטאָט בײַ אירע פֿרײַנט. באַרקאָווסקין איז, ווײַזט אויס, דערעסן דער געשפּרעך. ער האָט איר געזאָגט, אַז זי קען גיין, נאָר מער זיך ניט באַווײַזן אין די היגע דערפֿער. זי האָט זיך פֿאַרקליבן צוריק אַפֿן אויוון.

ס׳איז אַוועק ניט מער ווי אַ וואָך, און ווידעראַמאָל האָב איך אין דעם זעלבן ראַיאָן באַגעגנט די פֿרוי.

— אין שטאָט צו שוין אַהיים?

— צו אײַער קאָמאַנדיר.

איך האָב זיך דערוווּסט: דאַן, ווען מיר האָבן זי פֿאַרהאַלטן, איז זי געגאַנגען אין אַ שליכעס פֿון איינעם אַ קאָמאַנדיר פֿון אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, וועלכן מיר האָבן געקענט. פֿאַר דער צײַט, וואָס זי איז ניט געווען, איז דער אָטריאַד אַוועק העט ווײַט. דאָס, וואָס מע האָט געדאַרפֿט, האָט זי זיך דערוווּסט. איז עפּשער וועלן מיר איבערגעבן די ידיעות אַהין, וווּהין עס איז נייטיק?

קימאַט רעגולער, צוויי מאָל אַ וואָך, פֿלעגט זי זיך לאָזן אין וועג. איך מיט מײַן גרופּע האָב זיך געפֿונען אַ קילאָמעטער פֿערציק פֿון איר דאָרף, וווּהין זי פֿלעגט זיך פֿון צײַט צו צײַט אַראָפּכאַפּן נע־ווירע ווערן אירע קינדער. מיט פֿאַרפּיריכען האָט זי זיך זייער גיך באַפֿרײַנדעט, און אין די פֿרײַע שעה פֿלעגן זיי ביידע וואַשן און לאַטען אונדזער וועש, באַגלייטן און באַגעגענען אונדז.

באַבאַריקעס גרופּע אַגענטור־אויסשפּירער פֿלעגט אונדז צושטעלן זייער וויכטיקע ידיעות וועגן דעם מיליטער, דער באַוואָפֿענונג און די באַפֿעסטיקונגען אין שטאָט און אין די אַרומיקע גאַרניזאָנען, וועגן דער באַוועגונג אַף דער אײַזנבאַן. זי האָט גענומען אונטער איר קאָנטראָל אַ ריי וויכטיקע גרונט־וועגן, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט די דײַטשן.

איינער פֿון די בעסטע אויסשפּירער פֿון באַבאַריקעס גרופּע איז געווען אַ גרוזינער, מישאַ האָט מען אים גערופֿן. זי פֿלעגט זיך זען מיט אים אין אַ הילצערן בײַדל, וואָס ער האָט ספּעציעל געדונגען. דאָרט פֿלעגט ער זיצן און רעמאָנטירן אַלטע שוכוואַרג.

נעסטאפּאַ האָט געהאט ווארשטאטנ, ווו עס האָבנ געארבעט פּוילישע ייִדנ. פלעגט מישאַ, ריזיקירנדיק מיטנ לעבנ, איבערגעבנ זיי שפּײַז, סאָוועטישע פלוגבלעטלעכ. איינמאָל האָט זיכ אים אײַנגעגעבנ אויכ באַבאַריקענ דורכפירנ אהינ.

5

אינ שטאָט האָבנ זיכ פאַרהיט געציילטע צוויי—דרײַ ייִדישע פרויענ. איינע פונ זיי, א פרוי פונ א סאָוועטישנ פּאַרטפּאַלקאָווניק, פאַנינע סלאַווינע מיט איר טאָכטער, א מיידעלע פונ א יאָר פינפ, האָט זיכ אויסבאַהאַלטנ באַ אירער א כאַווערטע, א ווײַסרוסישער לערערנ פּראַלינאַ יאָסיפאָוונא קיטיקאָווא.

סלאַווינע האָט געשטאַמט פונ א שטעטל ניט ווײַט פונ מינסק. אירע עלטערנ זײַנענ געווענ ייִדישע לערער. צו זיי האָט זי הארט פאַר דער מילכאָמע אוועקגעפירט איר עלטער יינגל. גלײַכ ווי די מילכאָמע האָט זיכ אָנגעהויבנ, האָט זי גענומענ דאָס טעכטערל אונ זיכ גע־לאָזט צו אירע עלטערנ נאָכנ זונ. פונ איר טאַטנס שטוב איז געבליבנ ניט מער ווי א בערגל אש אונ עטלעכע האָלעוועשקעס. קיינער פונ אירע באַקאַנטע האָט ניט געוווסט אָדער ניט געוואָלט איר דערציילנ ווּהינ איר טאַטע־מאַמע מיטנ קינד זײַנענ אהינגעקומענ. זי האָט פאַרשטאַנענ — מער האָט זי ניט וואָס צו טאָנ אינ שטעטל. דער וועג צוריק איז געווענ זייער א שווערער. אומעטום זײַנענ שוינ געווענ דײַטשנ. וואָכנ נאָכאַנאַנד איז סלאַווינע געגאַנגענ פונ דאָרפ צו דאָרפ. פויערטעס פלעגנ זי צו זיכ ארײַנרופנ, אָנהאָדעווענ זי אונ דאָס טעכטערל אונ מיטגעבנ אפנ וועג ווער א שטיקל ברויט, ווער א ביסל גרויפּנ. אינ באָברויסק איז זי אָנגעקומענ ארום האַלבנ טאָג. די ערשטע, וועמענ זי האָט פונ אירע באַקאַנטע באַ־געגנט, איז געווענ פּראַלינאַ קיטיקאָווא, מיט וועלכער זי האָט צו־זאַמענ אינ איינ שול געארבעט.

מיט זײַטיקע געסלעכ האָבנ זיי זיכ דערקליבנ צו קיטיקאָווענ אהיים. פונ דעמלט אָנ האָבנ זיי געלעבט אלע אינאיינעם — קיטיקאָווא מיט איר 17־יאָריקער טאָכטער אינאַ, טאַמאַראַ, איר שוועסטער, וואָס איז א וואָכ פאַר דער מילכאָמע געקומענ מיט איר יינגעלע צוגאַסט, אונ סלאַווינע מיט איר טאָכטער.

אינא און טאמארא זײַנען אָנגעקומען אלס שווארצארבעטערנס אין שפּיטאָל. אלע זונטיק פלעגט מען עפּעס פון די שטוב־זאכנ ארויסטראָגנ אפנ מארק, קעדיי אויסבײַטנ אפ קארטאָפל, אפ זאלצ.

מע האָט נאָכ געשפּאָרט א קאָפּיקע צו א קאָפּיקע אפ אײַנקויפנ עפּעס־וואָס די פּארטיזאנער. סלאווינינע האָט מענ צוויי מאָל ארעסטירט.

א ביסל לײַכטער האָט מענ אָפּגעעטעמט, ווענ אינ שטאָט זײַנענ אָנגעקומענ איטאליענער, רעשטלעכ פונ די איטאליענישע דיוויזיעס, וואָס זײַנענ צעקלאפּט געוואָרנ אונטער סטאלינגראד. געווענ צווישנ זיי אזעלכע, פאר וועלכע מע האָט געקענט ניט לייקענענ, אז מע איז א ייִד. אייניקע פונ זיי האָבנ גאָר ניט געהאט קעגנ, אז זייער געווער אָדער וועלכע־ניט־איז וויכטיקע יעדיִעס זאָלנ דערגיינ צו אונדז, פּארטיזאנער.

אָנהייב זומער 1943 האָט זיכ סלאווינינע אײַנגעגעבנ ארויסרײַסנ זיכ פונ טפיסע, ווו זי איז צו יענער צײַט געזעסנ, און צוזאמענ מיט דער טאָכטער קומענ צו אונדז. זי האָט געבראכט מיט זיכ א רײַ וויכטיקע דאָקומענטנ. נאָר סלאווינינע האָט ניט אָפּגעהאלטנ. עס האָט זיכ גראָד אָנגעהויבנ א גרויסע בלאָקירונג, און אינ עטלעכע טעג ארום איז זי ווידער ארײַנגעפאלנ צו די דײַטשנ אינ די הענט. ביזנ אָנקום פונ דער רויטער ארמיי איז זי געווענ אינ מאָליעווער קאָנצלאגער. איצט וווינט זי מיט איר מאנ אינ מינסק. קיטיקאָווענ מיט איר טאָכטער האָט מענ דערפאר, וואָס זי האָט אויסבאהאלטנ א ייִדישע פרוי, ארעסטירט. זיי זײַנענ אנטלאָפנ פונ צוג און געקומענ צו אונדז.

בלאָקירונג

1

ביים עס פלעגט זיכ אָנהייבנ דער פארזיי, פלעגנ מיר זיכ באמיִענ ווי ווײַט מעגלעכ ווייניקער זיכ נוצנ מיט אונדזערע רײַט־פערד און פלעגנ זיי געבנ די פויערים אפ באארבעטנ די ערד. פונ בעריאָזאָוואָיע באָלאָטאָ איז צו מיר געקומענ א באקאנטע פויערטע, וואָס איר מאנ איז געווענ א סאָוועטישער פליִער, און געבעטנ איר

געבנ א פערד אפ עטלעכע טעג. גלײַכצײַטיק האָט זי מיר דערציילט, אז בא איר איז פאראנ א בריוו, וואָס עמעצער האָט צוגעשיקט פונ שטאָט. אינ דעמ בריוו איז געווענ אָנגעוויזנ, אז די דײַטשנ גרייטנ קעגנ אונדז א גרויסע אָפעראציע, וואָס דארפ זיכ אָנהייבנ אנ ערעכ דעמ 10—15 מײַ. דערבײַ זײַנענ געווענ אָנגערופנ די נומערנ פונ די טיילנ, די צאָל, די באוואָפענונג, דער מארשרוט, מיט איינ וואָרט קימאט דער גאנצער פלאנ פונ דער בלאָקירונג. אונ די יעדיעס וועגנ אונדזערער אונ וועגנ די שכיינעסדיקע בריגאדעס, וואָס זײַנענ געווענ באוווסט די דײַטשנ. נאָכ ביז דעמ האָט מענ אונדז פונ אנדערע קוועלנ געוואָרנט, מיר זאָלנ זײַנ אפ דער וואכ.

איכ האָב באשטימט ניט פאטערנ קיינ צײַט אונ זיכ גלײַכ לאָזנ צו סווירידנ. לויט דער אונטערשריפט האָב איכ זיכ אינ שטאב דערוווסט, ווער עס איז דער מעכאבער פונ דעמ בריוו. מיר האָט מענ באפוילנ זיכ גלײַכ פארבינדנ מיט אימ, נאָר זײַנ ביז גאָר פאָרזיכטיק.

יעדיעס פונ שטאָט האָבנ זיכ איצט געפאָדערט, ווי קיינמאָל. טאָג אונ נאכט פלעג איכ אײַלנ פונ איינ דאָרפ אינ צווייטנ, ווו עס האָבנ געוווינט מײַנע פארבינדלער.

פונ צוויי באזונדערע גרופעס האָט מענ מיר מיטגעטיילט, אז אינ שטאָט זײַנענ אָנגעקומענ בא א פערציק פארעטער, דײַטשישע שפּיאָנענ, וואָס מע וועט פאר דער בלאָקירונג פאנאנדערשיקנ אינ די פארטיזאנישע ראיאָנענ. די ערשטע האָט וועגנ דעמ מיטגעטיילט א רוסישע פרוי, וועלכע האָט געארבעט בא די דײַטשנ אלס אָפיציאַנטקע. צו צוויי—דרײַ מאָל אינ טאָג פלעג איכ שיקנ מיטיילונגענ אינ שטאב, פונ וועלכנ איכ האָב זיכ געפונענ אינ א צוואנציק—פינפ אונ צוואנציק קילאָמעטער. אונ דאָכ פלעג איכ אלעמאָל באקומענ איינ ענטפער: נאָכ, נאָכ מער יעדיעס!

אינ די טעג האָב איכ באקומענ זייער א פריידיקע יעדיע: אונדזער אָטריאַד האָט זיכ אָפּגעשטעלט אינ וואלד ניט ווײַט פונ האָראָדעצער גארניזאָנ, אונ איינמאָל, ווענ די דײַטשנ, פאָליציי־לײַט, צווישנ זיי דער בורגאָמיסטער, האָבנ זיכ געלאָזט קיינ קיראָוו נאָכ פראָדוקטנ, האָבנ אונדזערע אײַנגעאָרדנט א זאסאדע. דרײַ צענדליק היטלעריסטנ זײַנענ געפאלנ, דעמ בורגאָמיסטער האָט מענ געכאפּט א לעבעדיקנ. אויסער ביקסנ, האָבנ אונדזערע גענומענ צוויי קוילנוואַרפער אינ עטלעכע דײַטשישע אווטאָמאטנ.

ווען דער אַטריאַד איז שוין אַרײַן טיף אין וואַלד, האָט אים אָנגעיאָגט אַ באַוואָפנטער דײַטשישער סאָלדאַט. דער ערשטער, וועלכער האָט אים באַמערקט, איז געווען אונדזער דיוועַרסאַנט אַברים לאַהויקאַ. ער האָט קיינעם ניט געוואָרנט. נאָר פאַרטײַעט זיך לעבן אַ בוים, און ווען דער דײַטש האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט אים, האָט ער זיך אַרופגעוואָרפן אויף אים. דערהערט דעם טומל, האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט.

— לאָז אים אָפּ, — האָט באַפוילן סווירידי, — און דו, — האָט ער זיך געווענדט צום דײַטש, — דערצייל, ווי קומסטו אַהער.

דער דײַטש האָט קיין וואָרט רוסיש ניט פאַרשטאַנען, און עס איז אויסגעקומען אַרויסרופן אונדזער אינזשעניער רענדעלן.

—ער זאָגט, — האָט איבערגעזעצט רענדעל, — אַז ער איז אַ דײַטש, נאָר ניט קיין פאַשיסט. זײַן פאַמיליע איז אַוגוסט, און ביז דער מילכאָמע איז ער געווען אַ פּויער.

ער איז געווען דער לעצטער פון דער דײַטשישער קאָלאָנע, אויף וועלכער מיר זײַנען אָנגעפאַלן, און ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ, האָט ער זיך פאַרמאַסקירט ניט ווײַט פון וועג אין אַ גרוב. ווען די שלאַכט האָט זיך פאַרענדיקט, און מיר זײַנען אַוועק, איז ער אַרויסגעקראָכן און אַוועקגעלאָזט זיך ניט קיין האָרעצע, נאָר אין וואַלד צו די פאַרטיזאַנער.

— ער בעט, — האָט פאַרנעזעצט רענדעל, — מע זאָל אים גלייבן, אַז ער איז אַ קעגנער פון די פאַשיסטן און איז גרייט צוזאַמען מיט אונדז קעמפן קעגן זיי.

סווירידי מיט קאָמאַרן האָבן אַ פּאָר מינוט זיך באַראַטן.

— גוט, — האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר, — מיר נעמען דיך מיט זיך, און קיינער וועט דיך ניט טשעפּען. נאָר איך וואָרן דיך, אַז כ'וועל אויסקלאָרן אין דאָרף, ווי דו האָסט זיך באַצויגן צו אונדזערע פּויערים. אויב נאָר דו ביסט געווען אַזאַ באַנדיט, ווי אַלע דײַטשן, זאָלסטו אויף קיין בעסערס ניט וואַרטן. אויב ניט — איז גיב איך דיר די מעגלעכקײַט צו דערווײַזן מיט מײַסים, אַז ביסט גרייט אַקסל צו אַקסל מיט אונדז שלאָגן דעם פײַנט, און דאַן פאַררעכענען מיר דיך פאַר אַ רעכטן פאַרטיזאַנער. פאַרשטאַנען?

אַוגוסט איז געבליבן זייער צופרידן און אָנגערופן עטלעכע פאַמיליעס פון פּרויען פון רויטאַרמייער, וועלכע ער האָט געהאָלפן מיט

פּראָדוקטנ, פֿונ א פּויער, וואָס ער האָט באַפֿרײַט פֿונ טורמע. ער האָט זיי אָבער געבעטנ, זיי זאָלנ קיינעמ ניט דערציילנ, ווײַל ער האָט מוירע געהאַט, זײַנ קאָמאַנדשאַפֿט זאָל זיכ וועגנ דעמ ניט דער־ וויסנ. אינ א פּאָר טעג ארומ איז אויסגעקלאָרט געוואָרנ, אַז דאָס אַלצ איז עמעס. אווגוסט איז פֿאַרבליבנ אינ אָטריאַד.

2

אַפֿ יאָמטעוו פֿונ 1־טנ מײַ האָט זיכ מיר ניט אײַנגעגעבנ קומענ אינ לאַגער. כאָטש מיר האָט זיכ זייער געוואָלט. איכ האָב געוווּסט, אַז אינ דעמ טאָג דאַרפֿנ מיר געבנ די פּאַרטיזאַנישע שווּע. נאָר די לאַגע איז געווענ אַזאַ, אַז איכ האָב בעשומ אויפֿנ ניט געקענט פֿאַרלאָזנ דעמ ראַיאָנ, וווּ איכ האָב זיכ געפֿונענ. דעמ 1־טנ מײַ האָבנ מיר זיכ אָפּגעכאַפּט פּאַרטאָג. געוויינלעכ פֿלעגנ מיר אַלײנ באַוואַכנ דאָס דאָרף, וווּ מיר פֿלעגנ זיכ געפֿינענ. הײַנט, לעקאָוועד יאָמטעוו, האָבנ די פּויערימ פֿאַרגעלייגט, מיר זאָלנ זיכ אַלע אויס־ רוענ, אונ אַפֿ די פּאָסטנס וועלנ זיי אַלײנ שטיינ. עס איז געקומענ דער שעפֿ פֿונ דער דאָרפֿישער זעלבשוץ, א באַוואַקסענער פּויער אינ די מיטעלע יאָרנ, אונ, ווי א מיליטערמאַנ, ראַפּאָרטירט:

— כאַווער קאָמאַנדיר, בא אונדז אונ אינ די שכײנעסדיקע דערפֿער איז אַלצ רויִק.

מיר זײַנענ אַרומ אינ גאַס. מ׳האָט געזעענ: עס וועט זײַנ א וואַרעמער, זוניקער טאָג. אונדזער שאָכנ, א ביסל אַנ אײַנגעהויר־ קערטער אונ קראַנקער, האָט געפֿירט זײַנ פֿערד פֿונ נאַכט־פּאַשע.

— וווּהינ אַזוי פֿרי, וולאַס?

— מיט דער מישפּאָכע צו דער וואַלד־לאָנקע. אויב געיאָמ־ טעווט, זאָל זײַנ געיאָמטעוועט.

צומ וואַלד האָבנ זיכ געלאָזט יונג אונ אַלט. אינ דאָרפֿ זײַנענ פֿאַרבליבנ עטלעכע זקיינימ אונ א פּאָר יונגע לײַט, וואָס האָבנ גע־ טראָגנ וואַכ.

אינ וואַלד איז געווענ פֿײַכט פֿונ פֿרימאָרגנדיקנ טוי. אינ מיזרעכ האָבנ זיכ באַוויזנ צוויי רויטע פּאַסנ, דערנאָכ האָט אָנגעהויבנ אַרויסגיינ די זונ. א ווינטל האָט זיכ דורכגעטראָגנ, א וויג געטאָנ די קרוינענ פֿונ די ביימער. א פֿויגל האָט זיכ אויפֿגעהויבנ, א פּאָר

פּאַל געמאַכט אַ קרײַז אינדערלופטנ אונ זיכ צוגעזעצט אפּ אַ צווײַטנ בוים. אַרום איז געווענ שטיל, נאָר פונווײַטנ האָט, ווי אַנ עכאָ, זיכ דערטראָגנ אַ מײדלש קאָל: — אַ־או!

פונ ערגעצ ניט ווײַט האָט אַ באַסאָווע שטימ איר אָפּגעענטפערט:

— אַ־או, אַ־או! איכ בינ דאָ.

איכ האָב זיכ דערמאָנט אָנ דער מײַ־דעמאָנסטראַציע פונ 1941 יאָר. די יאָמטעוודיקע מאָסקווע. דער רויטער פּלאַצ. אַרום — אַ יאַמ מיט מענטשנ. פּאָרטרעטנ, פאָנענ. עס בלאַנקענ טרומײטנ אַקעגנ דער זונ. מיר האָט זיכ אויכ איצט אויסגעדאַכט, אַז איכ הער שפּילנ אַ באַקאַנטנ מאָטיוו. טשײַקאַ, וואָס גײט לעבנ מיר, שטעלט זיכ אָפּ. ער זאָגט:

— מע שפּילט אָפּ אַ האַרמאָנ. מיסטאַמע גײט אַניסקאַ פונ קאָסטריטשי.

ווײַט צעטראָגנ זיכ די קלאַנגענ פונ אַנצפרי אינ וואַלד. עס ווײַזט זיכ מיר ניט אויס. יאָ, דער מאָטיוו איז מיר באַקאַנט. איכ דערמאָנ זיכ אויכ די ווערטער פונ דער ליד:

...ווי אַ טײַכ אַ זילבער־רײנער,
דורכ די גאַסנ שטראָמט דער מײַ,
איבער מאָסקווע־שטאָט דער שײנער,
קלינגענ לידער הויכ אונ פרײַ.
דו פרעכטיקע,
דו מעכטיקע,
ניטאָ פונ דיר קײנ פרײַערע,
דו הײמלאַנד מײַנ,
דו מאָסקווע מײַנ,
געליבטע מײַנע טײַערע.

דער וועג, וואָס פירט צו דער לאָנקע, איז אַ שמאָלער. מיר זײַנענ צוועלפ מענטשנ.

— שטײט, — שטעל איכ אָפּ מײַנע כעווערע, — צו צווײ אינ אַ רײ! די ביקסנ אפּ די אַקסלענ, אונ דו, יעדאָכינ, פאַרצי אַ ליד. אַלע זאָלנ צוהעלפנ. ווי זאָגט װלאַס: אויב געיאָמטעווט, זאָל זײַנ געיאָמטעווט.

— אַ וועלכע ליד? — פרעגט יעדאָכינ.

— וועגן דער ערשטמאַיִקער מאָסקווע, אַט די, וואָס עמעצער שפּילט דאָרטן.

דער וואַלד ווערט פול מיט געזאַנג. די קלאַנגען פון דער האַר־מאָניק דערנעענטערן זיך. משיקא האָט געטראָפן — דאָס איז אַניסקא פון קאַסטרימשי. מיט אים — אַ גרופּע יאַטן מיט מיידלעך. אַניסקא אַליין איז שוין אַ פּויער בײַ די פּופּציקער.

אונדז דעריאָגט סעמיאָן קאַזעקאַ פון אוסאָב, דער פעטער מישאַ מיט אַ קאָמפּאַניע פון סטאַרי ספּאָר, איוואַן מאַרעלקאַ מיט זײַן פאַמיליע — פון בעריאָזאָוויע באַלאָטאָ.

— שפּיל, אַניסקא, שפּיל, — שרײַען זיי צו אים פונווײַטן. און אַניסקא סטאַרעט זיך. צום ערשטן מאָל פאַר צוויי מילכאָמע־יאָר הערט אים אזא גרויסער עולעם. ער צעציט ביזן סאָף זײַן האַר־מאָן, פאַרבייגט דעם גרויען קאָפּ אָן אַ זײַט און הערט זיך אײַן אין די ריינע קלאַנגען פון זײַן געליבטן אינסטרומענט.

די לאָנקע — אַ מין אינדזל, אַרומגעצוימט מיט ביימער. אַהער האָבן זיך צונויפגענומען בײַ אַ צוויי הונדערט מענטשן. פונווײַטן דאַכט זיך: דאָס איז אַ ציגײַנער־טאַבאָר, וואָס האָט נאָך ניט באַ־וויזן די בײַדלעך צו צעשטעלן. האַלב־נאַקעטע קינדער יאָגן זיך איינס נאָכן צווייטן. איבער דער לאָנקע הענגט אַ רויך. דאָס קאָכן באַלעבאָסטעס פרישטיק. עס דערטראָגט זיך אַ הודזשען פון מאָ־טאָרן. פונקט ווי בײַ אונדז אין לאַגער, גיט איינער איבער דעם צווייטן:

— לעשן די פײַערן!

דער רויך ווערט נאָך געדיכטער, די אַעראָפּלאַנען פליִען אָבער זייער הויך. אַ יונגע פּויערטע זאָגט, ווי זי זאָל אַפּ זיכער וויסן:

— דאָס זײַנען אונדזערע. שוין אַראָפּגעוואָרפן די יאָמטעוודיקע מאַטאָנעס אַפּ בערלין.

מיר האָבן זיך צונויפגענומען אין ענגן קרײַז. איך דער־צייל וועגן דער לאַגע אַפּ די פראָנטן. איך וואָרן אַלעמען וועגן דער בלאָקירונג, וואָס די דײַטשן גרייטן קעגן די פּאַרטיזאַנער און קעגן דער אָרטיקער באַפעלקערונג. מיר לייענען דעם יאָמטעוודיקן נומער פון אונדזער אונטערערדישער צײַטונג און די פלוגבלעטלעך, וואָס דער פאַרבינדלער האָט הײַנט געבראַכט.

א באזונדערן איינדרוק האט געמאכט די וואנדרונג פונעם אונטער־ערדישן געגנטלעכן פארטיי־קאמיטעט צו דער באפעלקערונג.
אין דארף האבן מיר זיך אומגעקערט, ווען עס איז שוין גוט טונקל געווארן.

3

דעם דריטן מיי פון פארטאג אן האבן אין אונדזערע ראיאנען זיך א צי געטאן דייטשישע קאלאנעס — צופוס און אף מאשינעס, מיט ארטילעריע און טאנקען. גאנצע טעג האבן ארומגענישטערט דעם סוינעס עראפלאנען. איך האב צעשטעלט מיינע אויסשפירער בא אלע הויפט־וועגן, קעדיי פארגלייכן און קאנטראלירן די יעדיעס, וואס כ׳פלעג באקומען. דער אויספיר איז געווען איינער: די הויפט־קויכעס פונעם פיינט האבן זיך געצויגן צו די אוסאקינער וועלדער.
פון סווירידן און קאמארן האב איך באקומען בריוו, אז זיי קלייבן זיך דערוויל ניט פארלאזן דעם קאנט, נאר וועלן מאנעווערירן אין קיראווער און קליטשעווער ראיאנען, און דערפאר רעד־כענען זיי איצט מער ווי אלעמאל אויף אף אונדזז אויסשפירער. וועגן אונדזער פאראנטווארטלעכקייט האב איך אזוי אויך קיינמאל ניט פארגעסן.
מער ווי ערגעץ אנדערש פלעג איך זיך געפינען אין וועליקאיא סטארינא. פון פארזיכטיקייט וועגן האב איך זיך אריבערגעקליבן פון פארפיריבען צו אן אנדער פריינט — איגאר יודאוויטש, וואס האט געוווינט אין עק דארף, באם ברעג וואלד. פרישטיק פלעגן מיר אפעסן פארטאג און זיך גלייך לאזן אין וואלד אריין.
דעם 7־טן מיי, מיטן אנקום פון טאג, האט אן עראפלאן געמאכט עטלעכע קרייזן איבערן דארף. מיר איז באוווסט געווען, אז די דייטשן דארפן קומען אין די דערפער ערשט אן ערעב דעם 13—15 מיי. דאך האב איך זיך גלייך אומגעקערט קיין וועלי־קאיא סטארינא ווארענען די באפעלקערונג, מע זאל פארלאזן דאס דארף. מיר איז פארבליבן א מעטער פופציק צו די ערשטע הייזער, ווען דער עראפלאן האט אנגעהויבן שיטן מיט פלוגבלעטלעך. פא־פיר איז געווען א שטארק דעפיציטע זאך, און א סאך פויערים האבן זיך געלאזט איבער די גערטנער אופזאמלען זיי. אין אט דער מינוט

האָבן זיך פֿון די כמאַרעס אַרויסגעריסן דרײַ אעראָפּלאַנען, זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק, קימאַט איבער די הײַזער און גענומען פֿון קוילנוואַרפֿער באַשיסן דעם עולם. איך בין צוגעפֿאַלן צו דער ערד און מיט אַלע קויכעס גענומען שרײַען צו די פֿרויען און קינדער:

— לויפֿט ניט! פֿאַלט, פֿאַלט צו דער ערד!

ווען די אעראָפּלאַנען האָבן גענומען מאַכן דעם צווייטן קרײַז, האָבן מיר זיך אַלע געלאָזט לויפֿן צום וואַלד. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט, איז מען ווידער געפֿאַלן, דערנאָך ווײַטער אויפֿגעשטאַנען און ווידער געלאָפֿן, ביז מע האָט זיך צום וואַלד דערקליבן. איצט האָבן זיי שוין באַשאָסן דעם וואַלד און דאָס דאָרף באָמבאַרדירט.

ווען אַרום איז שטיל געוואָרן, האָב איך צונויפֿגעזאַמלט אַלע בינטן, וואָס זײַנען געווען באַ די אויסשפּירער, און געלאָזט זיך אין דאָרף. פֿיל הײַזער זײַנען געווען אינגאַנצן פֿאַרניכטעט. אומעטום זײַנען געווען אויסגעהאַקט די שויבן.

אפֿן וועג, אינמיטן דאָרף האָב איך דערזען אַ שרעקלעך בילד: אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר פֿינף, פֿאַרגאָסן מיט בלוט, האָט געטראָגן אַף די הענט איר קליין ברודערל, אויך אַ פֿאַרוווּנדעטן. נאָך איר איז געגאַנגען, אָנהאַלטנדיק זיך אין איר, איר מאַמע, וואָס איז געווען פֿאַרוווּנדעט אין די אויגן.

— נאַדיאַ, — האָב איך אויסגעשריִען, — משײַקאַ וועט אײַך אָפּפֿירן אין וואַלד. און איך קום גלײַך, וועל איך אײַך איבערבינדן די וווּנדן.

איך בין אַרײַן אין דער אַנטסעגנדיקער שטוב, ווו עס האָט געוווינט נאַדיעס מאַמע קאַרפּיכע. באַם סאַמע פֿענצטער איז געווען אַ טיפֿע גרוב. אַהער האָט געטראָפֿן אַ באָמבע. אַ האַלבע וואַנט איז געווען אויסגעריסן, אַפֿן דיל אינמיטן שטוב איז געלעגן קאַרפּיכע, אַן איבערגעשניטענע אַף העלפֿט, ווי מיט אַ ספּעציעלן אינסטרומענט. אַלץ אַרום איז געווען פֿאַרגאָסן מיט בלוט. אַ גרויל איז מיך באַפֿאַלן.

— קומט, — האָט מיך גענומען באַ דער האַנט יעראָכין, — איר וועלט מיר שוין מיט גאָרנישט ניט העלפֿן.

מיר זײַנען אַרײַן אין דער שכײנעסדיקער שטוב. אין הויז איז

געלעגן די באַלעבאַסטע סטעפּאַניכע, אַ פאַרווונדעטע אין קאָפּ, לעבן איר האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע אירע זיבן קינדער. איר מאַן סטעפּאַן קוקושקין האָבן די דײַטשן נאָך מיט אַ יאָר צוריק אופגעהאַנגען. איר עלטער מיידל איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געלאַכט. זי איז מעשוגע געוואָרן. מיט ציטערדיקע הענט האָב איך גענומען אַרומבינדן סטעפּאַניכעס וווּנד, ווי מיר האָט געדאַכט, ניט קיין געפערלעכע.

— זאָג מיר, — האָט זי זיך צו מיר געווענדט, — וואָס וועט זײַן מיט די קינדער, ווער וועט אָפּ זיי ראַכמאָנעס האָבן, אויב איך וועל שטאַרבן אָדער אַ קאַליקע בלײַבן?

— וועסט לעבן, — האָב איך זיך באַמיט צו באַרויִקן זי, — און אויב ניט, איז גלייב, אַז מיר אַלע וועלן זיי טאַטעס זײַן.

עס האָט ניט געקלעקט קיין בינטן. גוט, וואָס אין דעם טאָג האָב איך אָנגעטאָן אַ ריין העמד, האָב איך עס צעריסן אָפּ בינטן. אַ שטיקל מאַרליע פלעג איך אוועקלייגן נאָר אָפּ דער וווּנד.

אַ צענבאַדאָשימדיק קינד איז פאַרוווּנדעט געווען מיט אַ שטיקל מעטאַל אין בויך. איך האָב ניט פאַרענדיקט עס איבערבינדן, עס איז געשטאָרבן בײַ דער מאַמען אָפּ די הענט.

פון די אַרומיקע דערפער זײַנען געקומען מענטשן און דערציילט, אַז דאָרט האָבן די דײַטשן אָפּגעטאָן דאָס זעלבע שטיקל אַרבעט.

וועגן דעם אַלעם האָב איך גלײַך מיטגעטיילט אין שטאַב און געבעטן ווי אַמשנעלסטן צושיקן אַהער עמעצן פון סאַניטאַר־טייל און מעדיקאַמענטן.

באַבאַריקע איז אַ טאָג פריִער אוועק אין שטאָט. פאַרפּיריכע האָט זיך געייצעט מיט מיר, וואָס זאָל זי טאָן מיט מאַניען, זאָל זי דאָ פאַרבלײַבן אָדער אין שטאָט אוועקגיין, ביז עס וועט רויִקער ווערן. באַשטימען עפּעס איז געווען שווער. אָפּ מאָרגן איז מאַניא אוועק אין שטאָט.

פארעטער

1

דאָס מאָל האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן אין די קוסטעס לעבן סטאַרי כּפֿר, אַ דאָרף, וואָס געפינט זיך אַ צוויי קילאָמעטער פון וועליקאיאַ סטאַרינאַ.

— קאָמאַנדיר, שטייט אויף, — האָט מיך אויפגעוועקט דער דעזשורנע, — עמעצער גייט.

— פאַראָל?

נאָך דער שטים, וואָס האָט געענטפערט, האָב איך דערקענט אונדזערן אַ פּאַרטיזאַנער איוואַן אָרעשקאָ. מיט אים זײַנען געווען נאָך צוויי פּאַרטיזאַנער און איינער אַ פרעמדער, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן מאַנטל, אַ גוטן אָנצוג, כראָמאָווע שטיוול. עס איז לײַכט געווען זיך אָנצושטויסן, אַז דאָס איז אַ שטאָט־מענטש.

— זעצט זיך, — האָב איך אים אײַנגעלאַדן. — באַלד וועלן מיר אַ גרעסערן שטיק צעלייגן, וועט וואַרעמער ווערן.

איך האָב אָפּגערופן דעם עלטסטן פון דער אָנגעקומענער גרופּע אין אַ זײַט און געפרעגט, וואָס איז עס פאַר אַ מענטש. ער האָט מיר דערציילט, אַז זיי זײַנען געגאַנגען אין גאַרניזאָן מאַרכאָווטשי נאָך זאַלץ. צוריקוועגס זײַנען זיי אַרײַן קיין סערגייעוויטשי צום שמיד, און אָט באַ אים האָבן זיי דעם מענטשן געטראָפן. דער טיפּ האָט געבעטן דעם באַלעבאָס, אויב עמעצער וועט קומען, ניט זאָגן, אַז באַ אים אין הויף נעכטיקט אַ פרעמדער. דעריבער האָבן זיי אים מיט זיך פאַרכאַפּט. ער דערציילט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון אַן עשעלאָן. מע האָט זיי געפירט קיין דײַטשלאַנד. אָרעשקאָ האָט זיך אין אַ פּאָר שאָ אַרום געקליבן ווײַטער אין וועג, דעם פרעמדן האָב איך באַ זיך געלאָזט. מיר איז אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק, צי איז ער ניט פון דער גרופּע שפּיאָנען, וועגן וועלכע מע האָט מיך געוואָרנט.

— פונוואַנען זײַט איר?

— פון דניעפּראָפּעטראָווסק.

איך אַליין בין אַ סטאַלינדאָרפער, דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט, און דערפאַר ווייס איך ניט שלעכט די שטאָט.

— אײַער פֿאַמיליע, נאָמען?

— מאַלקעװיטש, װאָלאָדיאַ מאַלקעװיטש. פֿאַרװאָס אינטערע־סירט עס אײַך אַזױ?

— איך בין אױך אַ דניעפּראָפּעטראָװסקער.

— נו, — האָט ער זיך אַזש פֿון אָרט אױפֿגעהױבן, — זײער פֿײַן. זײַנען מיר, הײסט עס, לאַנדסלײַט. װוּ האָט איר געװױנט?

— נײן, װעגן זיך װעל איך אײַך שפּעטער דערצײלן. און איצט װעל איך אײַך אױסהערן. איר זײַט דאָך צו מיר צוגאַסט געקומען, װעל איך אײַך אָפּגעבן קאָװעד.

ער האָט מיר אָנגערופֿן אַ גאַס, אַ נומער פֿון אַ הױז, איך אים אױך. װײַטער האָט ער מיר דערצײלט, אַז אין דניעפּראָפּעטראָװסק זײַנען פֿאַרבליבן זײַנע עלטערן. אַלײן האָט ער זיך ביז דער מיל־כאָמע געלערנט אין צענטן קלאַס. אַפֿ אַרבעט צו די דײַטשן האָט ער ניט געװאָלט גײן, האָט ער זיך אױסבאַהאַלטן. מיט אַ כױדעש צוריק האָט מען אים אָבער געכאַפּט און צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע געגומען איבערשיקן פֿון אײן לאַגער אין צװײטן, דערנאָך אַרײַנ־געזעצט אין פֿראַכט־װאַגאָנעס אַפֿ צו שיקן קײן דײַטשלאַנד. אין באָברױסק אַפֿ דער סטאַנציע האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַנטלױפֿן. עטלעכע טעג האָט ער אָפּגעלעבט בא אַן אומבאַקאַנטער פֿרױ, און זי טאַקע האָט אים רעקאָמענדירט זיך לאָזן אַהער אין קאַנט, צו די פּאַרטיזאַנער.

— מאָדנע באַקומט זיך, פֿון דניעפּראָפּעטראָװסק קײן דײַטש־לאַנד דורך באָברױסק. צוליב װאָס?

ער האָט זיך אַפֿילע ניט פֿאַרטראַכט און גלײַך דערצײלט אַ לאַנגע מײַסע. אַװדע האָט אַזעלכס אױך געקענט פּאַסירן, דאָך איז עס געװען ניט שטאַרק איבערצײַגנדיק.

װעגן דער לאַגע אין די דײַטשישע לאַגערן און באַזונדערס אין די װאַגאָנעס, אין װעלכע מע פֿלעגט פֿירן אונדזער יוגנט, האָט ער דערצײלט אַזױנס, װאָס אונדז איז געװען באַװוּסט פֿון צענדליקער אַנדערע קװעלן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער פּוצט אַפֿילע אַ ביסעלע צו.

מאַלקעװיטש איז געװען אַ דאַרער, נאָר אַ פֿעסטער, מיט אַ גע־זונטער פֿאַרב אין די באַקן.

— פֿאַרװאָס זשע זעט איר אַזױ גוט אױס?

ווידער האָט ער מיר דערציילט אַ מײַסע װעגן דעם, װי אַזוי איִם האָט אָפּגעגליקט מיט עסן אין װעג.

— אינטערעסאַנט, װי אַזוי זײַט איר קיין סערגייעװיטשי אָנגעקומען, מיט װעלכע װעגן זײַט איר געגאַנגען?

ער האָט מיר אָנגערופן זײַטיקע װעגן, אָנגערופן דערפער, װאָס זײַנען געלעגן רעכטס, לינקס, אַ פּאָר בריקלעך.

— איר האָט באַמערקט דעם שיינעם אַלטן בוים, װאָס ליגט ניט װײַט פון יענעם בריקל? דאָס האָבן מיר מיט מאָל אופגעריסן. איינגאַנצן דרײַ הונדערט גראַם טאָל, און װאָס פּאַר אַ קויעך.

— יאָ, איך האָב באַמערקט. — ער האָט זיך אַפּ אַ װײַלע פאַרטראַכט און דערנאָך פאַרגעזעצט. — עמעס, איך האָב זייער געװאָלט, פונדעסטװעגן האָב איך באַמערקט.

מיט דעם ענטפער האָט ער מיר געהאָלפן אופקניפּן דאָס קניפּל. קיין שום בוים איז אין יענעם אָרט ניט געלעגן.

דאָס מאָל האָב איך מער ניט אויסגעפרעגט. ער אַליין האָט מיר דערציילט װעגן דער לאַגע אַפּ אוקראַינע, אָנגערופן באַקאַנטע ראַיאָנען, דערפער.

פרישטיק האָבן מיר געגעסן אַלע צוזאַמען. איך האָב געבעטן מײַנע אויסשפּירער, זיי זאָלן אונדז איבערלאָזן אויג־אַפּ־אויג.

— װאָלאָדיאַ, װאָס שװײַגט איר?

— זאָגט, װאָס אײַך אינטערעסירט, װעל איך מיט פאַרגעניגן דערציילן.

— אַזוי?

— אַזוי.

— דערציילט נאָר דעם עמעס.

— אויך ביז איצט האָב איך ניט געליגט.

— און אויב איך װעל דערװײַזן, אַז יאָ?

— דאָס איז אומעגלעך. נאָר צוליב װאָס שטעלט איר מיר אַזעלכע פראַגן?

— מאַכט זיך ניט טאַמעװאַטע, הערט. הײַנט איז מיטװאָך. מיט אַ װאָך צוריק זײַט איר שוין געװען אין באָברויסק. אַזוי האָט איר אַליין געזאָגט. איז אָט, איר װייסט, װאָס איר האָט געגעסן צו פרישטיק פאַראַכטאָגן מיטװאָך?

— ניין.

— און איך ווייס.

— איר לאַכט פון מיר.

— בעשום־אויפן ניט. אײַך האָט מען באַדאַרפט געבן דרײַסיק גראַם פּוטער, און געגעבן האָט מען אײַך מאַרגאַרין. איר האָט זיך געקליבן טרינקען קאַווע מיט קאָנפעטן, און באַקומען האָט איר שוואַרצע ציקאָריע מיט סאַכאַרין. דעם באַלעבאָס האָט איר גאָרניט ניט געזאָגט, נאָר מיט דער אָפּיציאַנטקע, מאַרוסיא, דאַכט זיך, הייסט זי, זײַט איר זיך גראָב באַגאַנגען. זעט איר, אַפילו דאָס איז מיר באַוווּסט. איז צוליב וואָס זיך נאַריש מאַכן?

— איך ווייס ניט, וואָס איר ווילט פון מיר.

— איר ווייסט, אַז איצט גייט אַ בלאָקירונג קעגן פּאַרטיזאַנער?

— יאָ.

— איז פאַרוואָס האָט איר ניט געוואַרט, ביז עס וועט רויִקער ווערן, און אין אַזאַ צײַט זיך אַוועקגעלאָזט צו אונדז?

— אַזוי האָט מיר מײַן באַלעבאָסטע געייצעט.

— און עפּשער דער באַלעבאָס? איר שווײַגט? וואָלאָדיאַ, איר זײַט יונג, און גאַנץ מעגלעך, אַז מע וועט אײַך געבן די מעגלעכקײַט צו אָפּוואַשן דעם פלעק. איך וואָרן אײַך דאָס לעצטע מאָל: אויב איר וועט גלײַך אַלץ ניט דערציילן, בלײַבט פאַר אײַך איין וועג — אָפּ יענער וועלט.

— ניט אַזוי באַגייט מען זיך מיט אַ לאַנדסמאַן.

זײַן לעצטע באַמערקונג האָט מיך אויפגעטראָגן, ניט ווײַט פון אונדז זײַנען געזעסן עטלעכע אויסשפּירער.

— טשײַקאַ, — האָב איך צוגערופן איינעם פון זיי, — באַזוך אים, נאָר ניט געײַלט זיך, דאָ דאַרף מען אַ גוטן קוק טאָן.

אין דעם פראַט האָט טשײַקאַ געהאַט שוין גענוג פּראַקטיק.

ניט אין היטל, ניט אין מאַנטל, ניט אין רעקל, ניט אין דעם אויבער־העמד און אונטער־העמד, ניט אין די שטיוול האָבן מיר גאָרניט ניט געפונען. ערשט אין לײַסט פון די הויזן באַם גאַרטל האָט טשײַקאַ עפּעס אָנגעטאַפּט.

— פאַראַן.

— באַווײַז.

אם אַ דין פּאַפּיר איז געווען אָנגעשריבן, אַז וואָלאָדיאַ מאָל־

קעוויטש געפינט זיך אָפּ דינסט באַ דער דײַטשישער מאַכט. די מיליטערישע און ציווילע מאַכט־אָרגאַנען ווערט פאַרגעלייגט העלפֿן אים אויספילן זײַנע ספּעציעלע אויפֿגאַבע. דער פּאַסיר־שײַן איז געווען אַרויסגעגעבן דעם 5־טן מײַ און איז געווען גילטיק נאָר ביז דעם 12־טן מײַ. פֿאַרוואָס?

— הונט! — האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים טשײַקאָ. איך האָב אים אײַנגעהאַלטן.

— איר וועט מיך באַלד שיסן?

זײַן פּנים האָט זיך גלײַך געביטן. ער אַליין איז ווי נידעריקער געוואָרן. איצט האָט ער געמאַכט אַזאַ נישטיקן, עקלדיקן אײַנדרוק, אַז אַפֿילו זידלען איז ניט געווען ווערט.

— מיר זײַנען אויסשפּירער. אונדזער זאַך איז פֿאַרהאַלטן אַזעלכע, ווי דו, און דערוויסן זיך, וואָס אונדז אינטערעסירט. אָפּ העלפֿט האָבן מיר אין דעם פֿאַל אונדזער אויפֿגאַבע אויסגעפֿילט. און איצט, מײַן איך, וועסטו אונדז אַליין העלפֿן. נו, און ווײַטער, דאָס איז ניט אונדזער זאַך. פֿאַראַן אַ קאָמאַנדשאַפֿט. זי וועט באַשטימען. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ סך איז אָפּהענגיק פֿון דעם, ווי־אַזוי דו האָסט זיך באַ אונדז אויפֿגעפֿירט.

2

באַ אים האָב איך זיך דערוווּסט אַט וואָס. ער איז אַן אייניקער זון באַ זײַנע עלטערן. זיי האָבן אים געפּעסטעט, און ביז דער סאַמע מילכאָמע האָט אים אויסגעפּעלט נאָר עפּעס, ווי מע זאָגט, דאָס טעלערל פֿון הימל. ער האָט ניט געוווּסט קיין שום זאָרג, געלעבט אָפּ אַלעם גרייטן. נאָר אָט איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע. איצט האָבן די עלטערן געטראַכט ווי פֿאַרהיטן דעם זון. מע האָט אים שוין אַרויסגערופֿן אָפּ דער בירזשע. נאָר דער פֿאָטער האָט פֿאַר גרויס געלט געקראָגן דאָקומענטן, אַז זײַן זון איז קראַנק אָפּ טובערקוליאָז.

— זעסט, — האָט דער טאַטע אַ צופֿרידענער געזאָגט, — די דײַטשן איז גאָר ניט אַזוי שווער אָפּצונאַרן.

ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט, איז עס אָבער געווען ניט אָפּ לאַנג. אין אַ קורצער צײַט אַרום איז געקומען אַ פּאָליצײַ און

באפוילנ וואָלאָדיענ גיינ מיט אימ אינ קאָמענדאטור. מע האָט דעמ פּאָליצײַ ארײַנגעשטעקט אינ האנט דער מאמעס גאָלדענעמ בראס־לעט, א זייגערל. ער איז אוועקגעגאנגענ, אינ א פּאָר טעג ארומ אָבער ווידער געקומענ אונ איבערגעגעבנ, אז דער דײַטשישער קאָ־מענדאנט פונ בירזשע האָט באפוילנ וואָלאָדיענ קומענ אפ זייער מעדיצינישער קאָמיסיע. נאָכ א פּאָר מאָל האָט זיכ די עלטערנ אײַנגעגעבנ אויסקויפנ דעמ זונ, נאָר עס איז געקומענ א צײַט, ווענ עס איז שוינ ניט געווענ מער מיט וואָס. אינ איינעמ א פרימאָרגנ האָט מענ וואָלאָדיענ צוגענומענ פונ שטוב. אפ קיינ שומ קאָמיסיעס האָט מענ אימ ניט געשיקט, נאָר גלײַכ געבראכט אינ קאָנצענ־טראציע־לאגער, פונוואנענ מע פלעגט אימ אונ די איבעריקע גע־פאנגענע אלע טאָג טרײַבנ אפ די שווערסטע אונ קויטיקסטע ארבעטנ. די עלטערנ פלעגנ אימ טאָג־טעגלעכ ברענגענ שפּײַז, נאָר זעלטנ־ווענ זי פלעגט צו אימ אָנקומענ. דערפאר פלעגט דער אופ־זעער אימ אָפּט פּאטשנ אינ פּלייצע:

— א גוטער אלטיטשקער בא דיר. ער ברענגט מיר געשמאקע אָנבײַסנס.

צופעליק האָט וואָלאָדיא באגעגנט אינ לאגער זײַנעמ א גע-וועזענעמ באקאנטנ קאָליא קאטקאָ. ביידע האָבנ זיי פארענדיקט איינ מיטלשול.

אינ שול זײַנענ וואָלאָדיא מיט קאָליענ ניט געווענ קיינ נאָענטע כאוויירימ. אינ קאָמיוג איז וואָלאָדיא ניט אָנגעקומענ, קאָליענ ווידער האָט מענ אויסגעשלאָסנ פאר שלעכטער אופירונג. געלערנט האָט ער זיכ שלעכט. איצט איז ער ניט ענלעכ געווענ צו די איבע־ריקע ארעסטירטע. אויסגעזעענ האָט ער פריש אונ געזונט. נאָכ דעמ זעלבנ טאָג האָט ער געבראכט וואָלאָדיענ א קעסעלע הייסנ זופּ, א פּײַקע ברויט.

— ווילסטו זײַנ אפ דער פרײַ? — האָט איינמאָל קאָליע גע־פרעגט בא וואָלאָדיענ.

— פארשטייט זיכ.

— אינ עטלעכע טעג ארומ באפרײַט מענ מיכ פונ לאגער. אויב דו ווילסט, קענסטו דאָס אויכ אויספירנ. נאָר פארגעדענק, אז דער דײַטש טוט ניט אומזיסט קיינ טוווּעס. ווילסטו זײַנ אפ דער פרײַ, איז דארפסטו מיט עפּעס באצאָלנ.

— מײַנע עלטערן האָבן מער גאָרניט. ניטאָ מיט וואָס צו צאָלן.
— און דו מיינסט, אַז מיך האָט אויסגעקויפט מײַן טאַטע, וואָס געפינט זיך אַליין אין לאַגער? דאָס מאָל וועט אונדז אויס־קומען אַליין צעצאָלן זיך. מיר מוזן אָנקומען אַף דינסט צו די דײַטשן.

אַפן צווייטן טאָג נאָך דעם שמועס האָט מען קאָליען אַרויס־געלאָזט פון לאַגער. ער פלעגט אָפט באַזוכן וואָלאָדיען. עס איז ניט אַוועק קיין וואָך, און וואָלאָדיא איז אײַנגעגאַנגען אַף זײַן פאָרשלאָג.
— לעבן ווילט זיך. — האָט ער זיך גערעדט צו קאָליען, — און דאָ וועל איך אומקומען.

3

מיט טרערן פון פרייד האָבן אים באַגעגנט זײַנע עלטערן. איינער אַ באַקאַנטער, דעם טאַטנס אַן אַלטער גוטער־פרײַנט, האָט שוין פון לאַנג צוגעזאָגט זיך מישטאַדל זײַן, מע זאָל באַפרײַען וואָלאָדיען. ניט אַנדערש, האָבן באַשטימט די אַלטע, אַז דאָס איז זײַן אַרבעט. עטלעכע טעג איז וואָלאָדיא געזעסן אין שטוב, דער־נאָך איז נאָך אים געקומען קאָליא.
— וווּהין? — האָט זיך נאָכגעפרעגט דער פאָטער. — מע קען דאָך אײַך ווידער כאַפּן.

אַלע טאָג, פון באַטאָג ביז שפּעט אין אָוונט, פלעגט וואָלאָדיא פאַרפאַלן ווערן. עס האָט געטראָפן, אַז אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אומגעקערט נאָך אַכט אַזייגער אין אָוונט, ווען ציווילע איז פאַר־באָטן געווען זיך ווײַזן אַף דער גאַס.
— הער, — האָט אים איינמאָל בײַ דער וועטשערע געוואָרנט דער פאָטער. — אויב נאָר דו ביסט אָנגעקומען אַף דינסט צו די דײַטשן, זאָלסטו זיך הײַנט נאָך פאַרלאָזן מײַן שטוב, אָדער איך אַליין וועל גיין צו וועמען מע דאַרף און בעטן, אַז מע זאָל דיך פון וועגן אָפּראַמען.
— וואָס זשע זאָל איך טאָן?
— דאָס, וואָס טויזנטער טוען, דאָס, וואָס אַ פאָלק טוט. מאָרגן באַנאַכט זאָלסטו זיך לאָזן קיין פּאַוולאָגראַד. אויב דו וועסט וועלן,

וועסטו דעמ וועג צו די פּאַרטיזאַנער געפינעג. נאָר מײנ ניט, אַז אויב זײ קאָנ מענ גאַרנ, ווי דעמ טאַטנ. וועגנ אַלצ זאָלסטו זײ דערציילנ. בא זײ איז אַ גערעכטער מישפּעט.

— שוינ שפּעט. אויב איכ וועל הײַנט אַוועקגיינ, וועט מענ דיכ מאָרגנ אַרעסטירנ.

— שוויַג. האָסטו זיכ פאַרטראַכט וועגנ מיר, ווענ דו האָסט דײַנ פעל צו פאַרהיטנ די נעשאָמע דעמ טײַוול פאַרקויפט? בעסער וואָלטנ מיר בײדע אַפּ איינ שטריק הענגענ, איידער דו זאָלסט אַזעלכעס אָפּטאָנ.

וואָלאָדיאַ איז צו די פּאַרטיזאַנער ניט אַנטלאָפנ און פונ שטוב ניט אַוועק.

סאָפּ אַפּרעל האָט מענ זײ אַלע אינ באָברויסק אָפּגעשיקט, און יעדערער פונ זײ האָט זײַנ באַצירק און זײַנ אויפגאַבע באַקומענ.

פונ אים האָב איכ זיכ דערוווּסט די פאַמיליעס פונ העכער אַ העלפט פונ דער גרופּע פאַרעטער. וועגנ אַ מענטשנ צענ האָט ער מיר מיטגעטיילט, אינ וועלכע ראַיאָנענ זײ האָבנ זיכ געלאָזט. אים און נאָכ פיר האָט מענ געשיקט קיינ קיראָווער און קליטשעווער ראַיאָנענ. זײער עלטערער אַגענט קלימ געפינט זיכ אינ קליטשעוו, און אַלע איבעריקע — אינ די דערפער.

— הײַנ אויפגאַבע?

— זיכ דערווויסנ די שטימונג פונ דער באַפעלקערונג און וועגנ די, וואָס זײַנענ ניט צופרידנ מיט דער דײַטשישער מאַכט, מיטיילנ.

— ווּאַזוי?

— קיינ פאַרבינדלער האָט מענ אונדז ניט אָנגעוויזנ, ווײַל מיר אַלײנ דאַרפנ ניט שפּעטער ווי דעמ 12-טנ מײַ זײַנ אינ קליטשעוו.

— פאַרוואָס אַזוי גיכ?

— איכ האָב אײַכ ניט אַלצ דערציילט. מיר האָבנ זיכ באַדאַרפט דערווויסנ, ווו אײַערע לאַגערנ געפינענ זיכ, און דערנאָכ גײנ מיט די דײַטשישע טײלנ אַלס וועגווײַזער.

— ווענ דאַרפנ קומענ די דײַטשנ?

— פּינקטלעכ ווײס איכ ניט, נאָר איכ מײנ, אַז ניט שפּעטער ווי אינ אַ טאָג אָדער צוויי אַרום נאָכ אונדזער אומקערנ זיכ. אונדז האָט מענ זײער שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלנ ניט פאַרשפּעטיקנ.

די ידיִעס האָבנ געשטימט מיט די, וואָס כ'האָב פריִער באַ-

קומען. גלײַך האָב איך וועגן דעם אַלעם מיטגעטיילט אין שטאַב.

— וואָס האָסטו באַוויזן אויפטאָן?

— דערווײַל בין איך געווען נאָר אין סערגייעוויטשי. דער אוילעם, ווי איך האָב באַמערקט, לאָזט זיך מיט קיין פרעמדן ניט אַרײַן אין קיין געשפּרעך. נאָר צוויי מיידלעך האָבן מיר געראַטן ניט לאָזן זיך פון דאָרף באַטאָג, ווײַל מע קען זיך צו די דײַטשן אַרײַנכאַפּן.

— האָסטו זיך דערוווּסט זייערע פאַמיליעס?

— יאָ.

— און וואָלסט וועגן זיי דײַן שעף מיטגעטיילט? וואָס שווײַגסטו?

ענטפער:

— צוליב דעם האָט מען מיך געשיקט.

מײַן בליק האָט מיך, ווײַזט אויס, אַרויסגעגעבן. ער האָט זיך דערשראָקן און באַשטימט דערציילן נאָך עפּעס.

— ניט ווײַט פון דאַנען געפינט זיך מײַן כאַווער קאָליאַ קאַטקאָ, נאָר ער וועט, מעגלעך, קיין קליטשקעס זיך ניט אומקערן.

— פאַרוואָס?

— די דײַטשן האָבן צוגעזאָגט אַ גרויסע באַלוינונג דעם, וועמען עס וועט זיך אײַנגעבן אָנקומען צו די פּאַרטיזאַנער, פון דאָרט די געהעריקע ידיעות זיי שיקן אָדער נאָך בעסער — דעם קאָמאַנדיר אָדער קאָמיסאַר טייטן. קאָליאַ האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט, מעגלעך, נעמען אָפּ זיך די דאָזיקע אַרבעט.

— ווייסטו זײַן באַצירק?

— באַצעוויטשי.

4

דעם טאָג און אָפּ מאָרגן האָב איך ניט זיך און ניט מײַנע אויסשפּירער קיין מינוט רו ניט געגעבן. איך האָב באַשטימט: קאָליען מוז מען כאַפּן.

אין אָוונט האָב איך באַקומען אַ באַפעל פון סווירידן וואָס גיכער קומען אין שטאַב און מיטנעמען מיט זיך דעם שפּיאָן. מיר האָט זיך זייער ניט געוואָלט פונדאַנען אַוועק, נאָר קיין באַפעל

באהאנדלט מען ניט. איך האָב אויסגעטיילט ספּעציעלע צוויי גרו־פּעס, איינע אָפּ כאַפּן קאָליען, און א צווייטע — אָפּ צו פּאַקן אַן אַנדער שפּיזאַן, וואָס האָט באדאַרפט די טעג אין דאָרף ביאָרדי קומען, און אליין האָב איך זיך געלאָזט אין וועג. די נאַכט איז געווען א שטאָק־פינצטערע, און פון מאַלקעוויטשן האָב איך זיך אָפּ אַלץ געקענט ריכטן. האָט אים טשייקא פּעסט געבונדן און מיט דעם זעלבן שטריק צו זיך צוגעבונדן.

— פויגל טייערער, — האָט ער אים געוואָרנט, — אויב דו וועסט וועלן מאַכן שטיק, וועלן פון דיר בלייבן נאָר די פּעדערן.

ניט ווייט פון וואַלד, ווו אונדזערע האָבן באדאַרפט זיין, האָבן מיר באַגעגנט א גרופּע אויסשפּירער — איזאַכאָוועצעס.

— אומזיסט אַיילט איר זיך, — האָט מיר זייער קאָמאַנדיר געזאָגט. — אייערע זיינען גלייך, ווי עס איז טונקל געוואָרן, פון וואַלד אַוועק. די לאַגע האָט זיך געביטן.

— וווּהין זיינען זיי אַוועק?

— ווער ווייסט עס אונדז גיין דערציילן.

וווּהין זיך לאָזן איז שווער געווען צו באַשטימען. האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, און אַזוי ווי מיר האָט מען גראָד פון שטאָט טאַבאַק געבראַכט, האָבן מיר פאַרייכערט.

— צו אונדז איז נעכטן א נייינקער אָנגעקומען. — האָט מיר זייער עלטסטער דערציילט. — שוואַרץ ווי א ציגיינער. אים האָט זיך איינגעגעבן פון עשעלאָן אַנטלויפן, אין דאָרף טשערוויאַקי לעבן מאַצעוויטשי האָבן אים אונדזערע פאַרהאַלטן.

— אין וועלכן אָטריאַד איז ער?

— בא טאַרעלקען. דער קאָמיסאַר איז דאָרט א דניעפּראָפּעטראָווסקער, און דער נייינקער איז אויך פון דאָרט, האָט זיך דער קאָמיסאַר מיטן לאַנדסמאַן דערפרייט.

דעם קאָמיסאַר פון אָטריאַד איסאַק גערשאָוויטש האָב איך גוט געקענט. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן צוזאַמען מיט איזאַכן אָרגאַניזירט אין קליטשעווער ראַיאָן דעם ערשטן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. ער האָט אויך איינער פון די ערשטע אין זיין בריגאַדע באַקומען דעם אָרדען פון דער רויטער פאָן און געשעמט ווי א דרייסטער און שרעקלאָזער קאָמאַנדיר.

— איר ווייסט, ווו טאַרעלקעס אָטריאַד געפינט זיך איצט?

— אלע אַטריאַדן זײַנען איצט צוזאַמען, נאָר אויך איזאַק האָט הײַנט אין אָוונט געלאָזט זיך אין וועג. פּינקטלעך וווּהין ווייסן מיר ניט. צו האַלבן טאָג וועט מען אונדז מיטײלן.

—שטיי אויף, טשײַקאַ. גענוג צו רוען, מיר לאָזן זיך צו די איזאַקאָווצעס, נאָר שנעלער, ברודערקע, מיר טאָרן קיין מינוט ניט פאַרלירן.

טאַקע אין די מינוטן האָט דאָך קאַטקאַ געקאָנט אָפּטאָן זײַן שוואַרץ שטיקל אַרבעט. איזאַק האָט זיך קײנמאָל ניט געהיט. צופֿוס קען איך פאַרשפּעטיקן. וועל איך אין נאָענטן דאָרף נעמען פֿערד. נאָר וואָס טוט מען מיט מאַלקעוויטשן? צי וועל איך קאַטקאַן כאַפּן, ווייס איך ניט, נאָר דעם קען איך פאַרלירן. אַלץ, וואָס עס איז מעג־לעך געווען, האָב איך זיך דערוווּסט. דער אַקט פון פאַרהער איז גרייט געווען, אים האָבן אונטערגעשריבן צוויי אײדעס און מאַלקע־וויטש אַליין. צו וואָס נאָך שלעפּן אים מיט זיך?

5

אַרום עלף אַזייגער אינדערפֿרי האָבן מיר אָנגעיאָגט די איזאַ־קאָווצעס. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פון דעם אָרט, פון־וואַנען איך בין אין אָוונט אַרויסגעפֿאָרן.

לעבן שטיטער זײַנען געזעסן דער קאָמאַנדיר פון אַטריאַד טאַ־רעלקאַ מיט זײַן קאָמיסאַר און האָבן געגעסן פרישטיק.

— זעץ זיך מיט אונדז עסן, — האָט מיך טאַרעלקאַ אײַנגעלאַדן.

— הונגעריק בין איך, נאָר קיין צײַט האָב איך ניט. לאָזט איבער אַ ביסל. כאַווער קאָמיסאַר, צו אײַך איז אַ נײַנקער אָנגעקומען?

— יאָ.

— איך קען אים זען?

— אָט זיצט ער ניט ווײַט פונדאַנען. אַ פרײַלעכער באָכער, פון אײן שטאָט זײַנען מיר.

— איך ווייס. נאָר דער פרײַלעכער באָכער וואָלט אײַך געקענט טײַער קאָסטן. ער איז געקומען צו אײַך מיט אַ ספּעציעלער אויפגאַבע פון דער דײַטשישער קאָנטר־אויסשפּירונג.

— דו שפּאַסט?

— פאַרשטייט זיך. מיר האָט געלוינט אַ גאַנצע נאַכט יאָגן זיך

נאָך אײַך צוליב מאכן א שפּאס. קומט, וועלן מיר א שמועס טאָן מיט אים.

נאָך ביז דעם האָב איך באַוויזן אָנטאָן מאַלקעוויטשעס רעקל, און כ׳האָב פאַרכאַפּט מיט זיך א פּײַן מעסערל, וואָס קאַטקאָ האָט מאַלקעוויטשן געשענקט. אַלץ, וואָס עס האָט מיר נאָר געקענט צוניץ קומען, האָב איך וועגן אים זיך דערוווּסט און באַמיט זיך געגנוי פאַרגעדענקען.

— דערקענסט מיך?

— ניין.

— דו ביסט קאַליאַ קאַטקאָ. דײַן מאַמע הייסט דאַניעלאַ, און געוווינט האָט איר אין אַזאַ און אַזאַ שטוב אַף אַזאַ און אַזאַ גאַס. און איך — קימאַט אַנטקעגן.

— מײַן פאַמיליע איז קאַטקאָוו און ניט קאַטקאָ. אַף אַזאַ גאַס האָב איך קיינמאָל ניט געוווינט, און מײַן מאַמע הייסט ניט דאַניעלאַ.

— גוט. — ביך איך אַף א מינוט אײַנגעגאַנגען. — אָבער דאָס רעקל, וואָס אַף מיר, איז דיר באַקאַנט. ניין? און אָט דאָס מעסערל, וווּ דו אַליין האָסט אויסגעשניטן — וו. מ. פון ק.ק. — אויך ניט? ניין? נו, און מאַלקעוויטשן קענסטו? ניין?

— כאַוועך קאָמיסאַר, וואָס איז ער צו מיר צוגעשטאַנען? איך ווייס ניט, וואָס ער האָט דאָ אָנגערעדט. וואָס וויל ער פון מיר? — האָט ער מיט א באַליידיקט קאָל געפרעגט.

— קום צו איזאַכן! — האָט דער קאָמאַנדיר פאַרגעלייגט. — און אים, — האָט ער אָנגעוויזן אַפן גנײַנקן, — ברענגט גלײַך צו פירן.

איזאַך איז געשלאָפן. זײַן אַדיוטאַנט האָט אים אויפגעוועקט.

— רופט אים אַהער, — האָט ער באַפוילן. — ער וועט אונדז אַליין דערציילן.

נייטן קאַטקאָען צעבינדן די צונג איז געווען פיל שווערער איידער מאַלקעוויטשן. ער האָט בא זיך קיין שום דײַטשישע דאָקומענטן ניט געהאַט. אַלץ איז בא אים געווען פון פריער דורכגעטראַכט. פאַרלירן האָט ער שוין ניט געהאַט וואָס. און אויב מיר וועט זיך ניט אײַנגעבן דערווײַזן, אַז ער איז א דײַטשישער שפּיאָן, אין וואָס איך האָב, פאַר־

שטייט זיך, ניט געצווייפלט, קאָן ער אמווייניקסטנ אויסשפּילנ צײַט און מיט איר — רעטונג.

איזאַכנ איז, ווײַזט אויס, דערעסנ די מײַסע.

— הער, דו, — האָט ער זיך צו אים געווענדט, — אַז דו ביסט א פּאַרעטער, איז פאַר מיר קלאָר, אַזוי אַז דעם טויט האָסטו פאַר־דינט. נאָר געדענק, באַלד וועל איך ארויסרופנ הײַנ כאַווער מאַל־קעוויטשנ, איז אויב נאָר ער וועט דיר אינ די אויגנ זאָגנ דאָס זעל־בע, וואָס איך האָב דאָ געהערט, איז וואַרט ניט דאָנ אַפּ קיינ נײַנ גראַמ מעטאַל אָדער אַפּ א שטריקל. שטיקער וועל איך פונ דיר שנײַדנ. און איר, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר, — שיקט גלײַך אײַער אויס־שפּירער נאָך מאַלקעוויטשנ.

ער האָט, ווײַזט אויס, פאַרגעסנ, אַז מאַלקעוויטשנ האָב איך שוינ אַפּ יענער וועלט אָפּגעשיקט, אָדער ספּעציעל עס געטאָנ, קעדיי קאַט־קאָענ אָנשרעקנ.

טשײַקאַ איז די גאַנצע צײַט געלעגנ אונטער א בוים ניט ווײַט פונ אונדז.

— לויפ אינ דאָרפ, — האָב איך צו אים א געשריי געטאָנ, — ווו מיר האָבנ דעם שפּיאָנ איבערגעלאָזט, און קום גלײַך צוריק מיט אים. איינ שאָ גיב איך דיר אַפּ אַהינ און צוריק. וואָס שטייסטו, ווי א נעב־טיקער? האָסט באַקומענ א באַפעל, איז מאַרש אינ וועג.

אינ א מינוט פופצנ ארום האָב איך זיי אַלעמענ איבערגעלאָזט און אַליינ אוועק נאָך טשײַקענ. לאַנג האָב איך אים ניט באַדאַרפט זוכנ. א מעטער פופציק פונדאַנענ איז ער געזעסנ בא א שײַטער, ווו עס האָבנ געברוט איזאָכס אויסשפּירער, און מיט גרויס פאַרגעניגנ געגעסנ בולבע מיט פלייש.

— קאָמאַנדיר, — האָט ער זיך אופגעשטעלט, — וואָס איז מיט איזאַכ הײַנט? אָדער עפּשער גיי איך שוינ פונ זינענ אַראָפּ. וווּהינ שיקט איר מיך? מאַכנ א טויטנ לעבעדיק?

— וואַרט, וואַניושאַ, ביסט אַזוי אופגעטראָגנ, אַז דו פאַרגעסט, אַז ניט נאָר דו אַליינ ביסט הונגעריק. האָסט דאָך אויך איזאָכס באַ־פעל געהערט, איז וואָס נאָך האָב איך געקענט טאָנ? זאָגנ פאַר אַלע־מענ, אַז איינ הונט איז שוינ טויט, און מיר קענענ זיי ניט צונויפירנ אויג־אַפּ־אויג? האַ, ווי מיינסטו?

— וואָס וועלנ מיר איצט טאָנ?

— כאפּנ א קנײַ, דערנאָכ וועל איכ זיכ אומקערג צו זיי, אונ אינ א מינוט צענ ארום זאָלסטו קומענ אונ ראַפּאָרטירנ איזאַכנ, אז מאַל־קעוויטש איז דאָ, נאָר דער פּאָסט באַם לאַגער לאָזט אים ניט דורכ. מעגלעכ, אז דאָס אַלײנ וועט שוינ זײַנ גענוג. פאַרשטאַנענ?

— קלאָר. אונ איכ האָב געמיינט... זעצט זיכ, איכ וועל נאָכ באַ־וויזנ אָפּעסנ. נאַט, באַ מיר זײַנענ נאָכ א פּאָר סוכערעס פּאַראַנ.

מיט די אויסשפּירער פונ מײַנ גרופּע האָב איכ געלעבט ווי מיט לײַבלעכע ברידער, נאָר וואַניענ האָב איכ ליב געהאַט מער פאַר אַלע־מענ. ער האָט געהאַלטנ פונ דעמ ביטערנ טראָפּנ, זיכ דערלויבט אמאָל עפּעס איבעריקס, נאָר מיט זײַנ געטרײַשאַפט אונ שרעקלאָזיקײַט האָט ער אַלצ אויסגעקויפט.

ווענ איכ וואָלט אים דרײַ מאָל א טאָג אינ פײַער געשיקט, וואָלט ער קיינ וואָרט ניט געזאָגט, נאָר ווי נאָר אוכ פלעג הייסנ עמעצנ זײַנ פערד נעמענ, פלעגט ער פונ קאָס אזש בלייכ ווערנ.

— איכ אַלײנ וועל אַלצ טאָנ, — פלעגט ער זיכ בעטנ, — נאָר מײַנ פערד גיט ניט קײנעמ.

ווי נאָר ער האָט אָנגעזאָגט איזאַכנ, אז מאַלקעוויטש איז דאָ, איז קאַטקאַ, פּונקט ווי עמעצער וואָלט פונ אים פּלוצעמ די מאַסקע אראָפּגענומענ, גלײַכ אינ אַנדערער געוואָרנ.

— וואַרט, וואַרט, — איז ער אפ דער ערד אומגעפאַלנ. — אַלצ וועל איכ אַלײנ דערציילנ, אונ אויב איר גלייבט מיר ניט, איז פרעגט דערנאָכ באַ מאַלקעוויטשנ.

— שוינ לאַנג צײַט, — האָט איזאַכ מיט זײַנ באַסאָווער שטימ ארויסגערעדט.

אינ גרונט גענומענ, האָט ער אונדז מיטגעטיילט דאָס זעלבע, וואָס מאַלקעוויטש. ער האָט געוווסט עטוואָס מער, זיכ מער אָנגע־שטויסנ.

— וויפל האָסטו באַקומענ פאַר דײַנ דינסט? — האָט איזאַכ געפרעגט.

— פינפ אונ זיבעציק מאַרק. נאָר ווענ איכ זאָל צו אײַכ אריבער, וואָלטנ זיי מײַנע עלטערנ געטייט.

— האָט מענ כאָטש פאַר מײַנ קאָפּ א גרויסע סומע צוגעזאָגט? קאָמיסאַר, רעדט מיט אים אַלײנ, איכ קענ אפ אים א לעבעדיקנ ניט קוקנ. אונ דיר, כאַווער, — האָט ער זיכ געווענדט צו מיר, — א

דאנק. איכ וואָלט דיר פאַרגעלייגט זיכ אָפּרוענ בא אונדז, איז איצט
ניט די צײַט. עס וועט רוּיקער ווערנ, איז קומ צוגאסט, מיסטאמ וועלנ
אויכ מײַנע אויסשפּירער אײַכ עפּעס אינטערעסאנטס דערציילנ. אויכ
בא מיר זײַנענ זיי דאָכ די אויגנ אונ אויערנ, אזוי, דאכט זיכ, האָט
ליב אײַער לעאָנטיעוויטש צו זאָגנ. גיב אימ איבער א גרוס פונ אי־
זאָכנ.

דער קאָמבריג, שטענדיק אנ ערנסטער אונ אָנגעכמורעטער, האָט
מיר פרײַנטלעכ געדריקט די האַנט.

6

אינ פיר יאָר ארומ נאָכ דעמ, ווי די דאָזיקע געשעענישנ זײַנענ
פאָרגעקומענ, האָב איכ אינ פאָיע פונעמ מאָסקווער קינסטלערישנ טעאַ־
טער זיכ באגעגנט מיט א פאָר באקאנטע ברוינע אויגנ. פאַר מיר איז
געשטאנענ א בלייכער, קראנקער מאנ, אָנגעשפּאַרט אפ א שטעקנ.
דער קאָפּ א געגאָלטער, דער שטערנ פול מיט קנייטשנ, אינ די ברע־
מענ — גרויע האָר. איכ האָב אפ א ווײַלע זיכ פאַרטראַכט. פאַר מײַ־
נע אויגנ האָט דורכגעשוועבט א נידעריקער, אָבער פעסט געבויטער,
שלאַנקער רײַטער אפ א גרוי פערד. פונ אונטער דער שווארצער פּאַ־
פּאַכע מיטנ רויטנ סטענגעלע שטעקט ארויס א געדיכטע פּאַטלע האָר.
ער האָט געװיילט אינ דאָרפ, פונוואנענ איכ בינ ערשט ארויסגעפאָרנ.
ווענ מיר האָבנ זיכ אויסגעגלײַכט מיט אימ, האָט ער מיט דער גאַ־
הײַקע א קלאַפּ געטאָנ מײַנ פערד אונ נאָכגעשריִענ:

— לעבסט, ברודערקע, דאָס איז גוט. — דער ווינט האָט דער־
טראָגנ זײַנע לעצטע ווערטער. — מירנ זיכ נאָכ באגעגענענ. אומבאַ־
דינגט וועלנ מיר זיכ באגעגענענ.

אָט אזא האָב איכ אימ פאַרגעדענקט. דערנאָכ האָט מענ מיר
דערציילט, אז איסאַק גערשאָוויטשנ האָט מענ אינ א שלאכט שווער
פאַרוואונדעט. די צײַט איז דאנ געווענ א שווערע — די בלאָקאדע פונ
מײַ 1944. עטלעכע טעג נאָכאנאנד האָט אימ א הײַפעלע פּאַרטיִ־
זאנער געטראָגנ אפ די אקסל. זיי האָבנ אימ געבראכט אינ אונדזערנ
א לאַזארעט, וואָס האָט זיכ דאנ אויסבאהאלטנ אינ א זומפּיק אָרט,
אינ דער סאַמע געדיכטעניש פונ א וואַלד־מאסיוו. אפ אנ אעראָפּלאנ
האָט מענ אימ ארויסגעפירט אפ דער „גרויסער ערד”. קנאַפּע צוויי יאָר

איז ער אָפּגעלעגן אין א מיליטערישן שפּיטאָל, און אָט האָבן מיר ווי־דער זיך באַגעגנט. פאַרגעסן אָן די צענדליקער מענטשן, וואָס האָבן צו אונדז די קעפּ אויסגעקערעוועט, האָבן מיר זיך ארומגענומען און צעקושט.

* * *

אינעם זעלבן טאָג, ווען מיר האָבן געפּאַקט די פּאַרעטער, זיינען אויך אונדזערע אָטריאַדן אהער אָנגעקומען.

— עס איז זייער וויכטיק, אַז דו מיט היינע גרופּע זאָלן ניט פאַר־לאָזן דעם וואַלד, — האָט סווירויד געזאָגט.

ביידע האָבן מיר ארויסגענומען טאָפּאָגראַפישע קאַרטעס און גענומען אויסקלייבן א מער זיכער אָרט, וווּ אויסצובאַהאַלטן זיך, ווען די בלאָקירונג וועט זיך דאָ אָנהייבן.

— אָט אין די זומפּן, צווישן פּאַסאָווער סלאָבאָדקע, וווּ עס געפינט זיך די גאַנצע צייט זייער גאַרניזאָן, און זאַכוואַטאָווקע, מיין איך, וועלן זיי ניט גיין.

מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, וויאַזוי אונדזערע פאַרבינדלער וועלן זיך טרעפן, אויב אין אַלע ארומיקע דערפער וועלן זיך געפי־נען דייטשן. שפּעט בײַנאַכט האָבן אַלע פּאַרטיזאַנער פאַרלאָזט דעם וואַלד.

— בלייבט געזונט, — האָט אונדז לעאָנטיעוויטש געווונטשן.

— גייט געזונט.

פּעטער מישא

1

פיל גוטע־פריינט האָבן מיר פאַרמאָגט אין די דערפער, נאָר אַזא ווי מיכײַלאָ קוקושקין פון דאָרף סטאַרי ספּאָר איז שווער געווען צו געפינען. „פּעטער מישא" האָבן אים גערופן קליין און גרויס. דאָס איז געווען א מיטלוווּקסיקער, ברייטפּלייציקער פויער, מיט א גרוי־סער רויטלעך־געלער באָרד. פּעטער מישא איז שוין געווען אַלט א יאָר זעכציק.

ער האָט געוווּסט די גאַנצע אומגעגנט ווי זיינע צען פינגער. מיט פאַרבונדענע אויגן האָט ער געקענט אָפּזוכן יעדער סטעזשקעלע אין

וואלד. ניט געווענ בא אונדז, פארטיזאנער, קיינ בעסערער אגענטור־אויסשפירער פונ אימ. פלעגט מענ דארפנ א נײַ אָרט פאר א לאגער אויסקלײַבנ אָדער א וועגווײַזער נעמענ, איז דער פעטער מישא אונדזער שטענדיקער קאָנסולטאנט געווענ.

ביז דער מילכאָמע איז קוקושקינ געווענ דער סאמע פאָרמעגלעכער קאָלווירטניק אינ דאָרפ. ער מיט זײַנע פיר עלטערע קינדער האָבנ געארבעט אינ קאָלווירט. דער וואלד איז נאָענט, אונ אלײנ איז ער א גוטער באלמעלאָכע, האָט ער אוועקגעשטעלט ניט קיינ שטוב, נאָר א פאלאצ. ווי נאָר די דײַטשנ זײַנענ דאָס ערשטע מאָל ארײַנ אינ דאָרפ, האָט זיכ טאקע בא אימ אינ שטוב דער שטאב אָפגעשטעלט.

אינ קעלער, וואָס אינ זעלבנ הויפ, האָט זיכ אויסבאהאלטנ א פארווונדעטער סאָוועטישער לייטענאנט. האָט דער באלעבאָס גאָרניט געזשאלעוועט פאר די אומגעבעטענע געסט, אבי נאָר זיי זאָלנ אלײנ ניט קריכנ אונ ניט זוכנ, ווו מע דארפ ניט.

— ביסט א ווײַלער באלעבאָס, — האָט אימ א דײַטשישער אָפיצער געלויבט. — איכ מערק דיכ אָנ אלס סטאראָסטע פונ דאָרפ.

ווי נאָר די דײַטשנ זײַנענ אוועקגעפאָרנ, האָט פעטער מישא גענומענ באלעבאטעווענ. דאָס קאָלווירטישע ברויט, וואָס די דײַטשנ האָבנ באפוילנ אינ שטאָט אָפפירנ, האָט ער גלײַכ די פויערימ אָפגעגעבנ. דאָס זעלבע האָט ער מיט דער קאָלווירטישער מילכ־פערמע געטאָנ. די בעסטע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס האָט ער אינ פארשיידענע ערטער פארבאהאלטנ.

— אונדזערע וועלנ זיכ אומקערנ, וועט אלצ צוניצ קומענ.

אינ שכײנעסדיקנ דאָרפ האָבנ די דײַטשנ ארויסגעשטעלט א וואכמאנ אפ אָפהיטנ די שפײַכלערס מיט טווּע. דער פעטער מישא האָט צונויפגעזאמלט זײַנע שכײנימ. דעמ וואכמאנ האָבנ זיי אנטוואָפנט אונ די טויערנ צעעפנט. ביז פארטאָג איז אינ די שפײַכלערס קיינ קערנדל ניט געבליבנ.

2

ווי נאָר עס איז אויסגעפאלנ דער ערשטער שניי, האָט קוקושקינ זײַנ יעגער־ביקס גענומענ אונ אוועק אפ יאגד. טיפ אינ וואלד האָט ער מענטשישע שפורנ באמערקט אונ זיכ נאָכ זיי געלאָזט. שוינ הע־

כער א שאָ ווי ער גייט נאָך די שפּורן. ער וואָלט דאָס שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן, נאָר אים האָט פאַרינטערעסירט אָט וואָס: דעם שליאַך, וואָס פירט פון רודניע קיין קאָסטריטשי, איז דער מענטש אַ שפּאַן פערציק געגאַנגען מיט דער פלייצע צום וועג, ניט אַנדערש, ווי ער האָט זיך געהיט פאַר עמעצן. אין צוויי ערטער האָט ער אָפּגערוט און, ווי עס ווײַזט אויס, איז בײַ אים אַ קעסטל אָדער אַ טשעמאָדאַן געווען.

פּלוצעם האָט פעטער מישא דערשפּירט — עס שמעקט מיט רויך. ערגעץ נאָענט קער אַ שײַטער זײַן. און ווירקלעך, אינגיכן האָט ער דערזען: אַ מיטלוועקסיקער מענטש, אָנגעטאָן אין אַ קאָמבינעזאָן, זיצט אויף אַ פלאַכע האָלץ און וואַרעמט זיך לעבן פײַער. אַ קנאַק פון אַ טרוקן צווײַגעלע אונטער די פיס האָט דעם פעטער מישען אַרויסגעגעבן. דער פרעמדער האָט זיך שנעל אויפגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט און לעבן בוים זיך אַוועקגעשטעלט, ווי ער זאָל זיך גרייטן אין אַנפאַל אָפּשלאָגן.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט דער פרעמדער געפרעגט.

— איך בין אין אָרטיקער פויער, אַזוי אַז די פראַגע האָב איך אײַך באַדאַרפט שטעלן.

— שטעלט אַוועק אײַער ביקס און קומט אַהער.

נאָך דער שטים האָט דער פעטער מישא דערקענט — ס'איז אַ פרוי.

— איך היים אײַך דאָך ניט וואַרפן דעם פּיסטאָלעט, וואָס איר האַלט אין דער האַנט, איז צוליב וואָס מיך, אַן אַלטן יעגער, אַנטוואָפענען?

ביידע האָבן זיך געלאָזט אײנער אַנטקעגן צווייטן.

פאַר אים איז געשטאַנען אַ יונג מיידל און, אַן אָנגעשטרענגטע, קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פון אים. זיי האָבן זיך צוגעזעצט בײַם שײַטער.

— איך וועל בײַ אײַך גאָרניט פרעגן, — האָט דער פעטער מישא געזאָגט. — מיט וואָס קען איך אײַך באַהילפיק זײַן?

— אַ דאַנק. דערציילט, וואָס הערט זיך אַרום.

לאַנג זײַנען זיי געזעסן און געשמועסט.

— איז קומט, וועט איר בײַ מיר איבערנעכטיקן. בײַ אונדז אין

דאַרף זײַנען קיין דײַטשן ניט פאַראַן, כ׳וועל אײַך דורכפירן אַזוי, אַז אַפילו די שכיינים וועלן אײַך ניט באַמערקן.

— פאַרוואָס מיינט איר, אַז איך היט זיך פאַר דײַטשן און ביכלאַל פאַר מענטשן? איך דאַנק אײַך פאַר דער אײַנלאַדונג, נאָר איך קלײַב זיך ווײַטער אין וועג, און צו אײַך אַהער האָב איך צופעליק פאַרבלאָנדזשעט.

— מיידל, בײַ מיר זײַנען שוין טעכטער אַזוינע, ווי דו, פאַראַן. האָסט ניט וואָס מוירע צו האָבן. איך בעט בײַ דיר ניט דעם עמעס דערציילן, נאָר אָפּנאַרן מיך איז ניט לײַכט. ניט קענען מיר האָסטו מיט זיך אַ פּיסטאָלעט פאַרכאַפּט, און ניט פאַר מיר דאַרפסטו מוירע האָבן. אַלע זײַנען מיר איצט סאָלדאַטן, און איין סאָלדאַט אַ צווייטן איז אַ ברודער, און איך בין נאָך דערצו אַ פאָטער.

דאָך האָט זי זיך אָפּגעזאָגט מיט אים צו גיין. ער האָט איר פאַר־געלייגט אַ בײַדל מאַכן, האָלץ אָנהאַקן אָדער באַטש זײַן האַק, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט מיט זיך, איר איבערלאָזן. זי האָט זיך פון אַלץ אָפּגעזאָגט. זיי האָבן אָפּגערעדט אויף מאָרגן ניט ווײַט פון־דאַנען זיך באַגעגענען.

ווען ער איז אין דער אָנגעמערקטער שעה געקומען, האָט ער זי ניט געטראָפן. „אַ מאָדנע זאַך, האָט ער געטראַכט, ניט אַנדערש ווי איך האָב בײַ איר קיין צוטרוי ניט געוווּנען". אונטערן זעלבן בוים, וווּ ער איז מיט איר נעכטן געזעסן, האָט ער איר אַ פלאַש געזאָטענע מילך איבערגעלאָזט, אַ לעבל ברויט און אַ שטיקל פּוטער, אין אַן אַלטער צײַטונג אײַנגעוויקלט. מעגלעך, זי וועט זיך אומקערן, וועט זי כאָטש עסן געפינען. ווײַט איז ער ניט אָפּגעגאַנגען. זי האָט אים דעריאָגט.

—איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איך...

— גאָרניט, גאָרניט, פאָרזיכטיקײַט שטערט ניט. לאָמיר זיך אומ־קערן, וועט איר איבערקײַען.

נאָכן עסן האָט זי פון מאַכאָרקע אַ ציגײַער פאַרייכערט און אים אַ פּאַפּיראָס פאַרגעלייגט.

— איך רייכער ניט, נאָר אַ בעסערע מאַטאָנע איז איצט צו־טראַכטן שווער.

ער האָט דעם פּאַפּיראָס פון איין האַנט אויף דער צווייטער איבער־

געלייגט און געקוקט אף אים, פונקט ווי ער וואָלט אין זײַן לעבן קיין טײַערערע זאַך ניט געזען.

— ז־וויאַ־ז־ד־אָ־טש־ק־א! — האָט ער צעצויגן און שטיל איבערגעלייענט, — זוויאַזדאָטשקאַ... זאָגט, איר האָט די פּאַפּיראָסן מיט זיך געבראַכט אָדער ערגעץ דאָ געקריגן? אונדזער גוטס איז דאָך דאָ א סאַך פאַרבליבן.

— איר האָט דאָך צוגעזאָגט גאָרניט פרעגן, איז האַלט וואָרט.

ער האָט זיך אין איר אײַנגעקוקט און ווי צו זיך אַליין א זאָג געטאָן:

— מיט זיך האָט איר אים געבראַכט. דאָס האָב איך א גרוס פון דער „גרויסער ערד" באַקומען. כ'וועל גאָרניט ניט פרעגן, נאָר אַזוי איז עס. גיט, וועל איך צורייכערן, ווײַל כ'וויל דעם רויך דערפילן. זאָגט, אײַך האָט באַדאַרפט זײַן שווערער, ווי אַנדערע, זיך אַהער לאָזן.

— פאַרוואָס?

— איר זײַט א ייִדישע.

— ווײַטער שטעלט איר פראַגן.

— איר פאַרשטייט, אויב צוליב אײַער אַרבעט דאַרפט איר זיך אין אונדזער קאַנט פאַרהאַלטן, קענט איר דאָך אַליין אין וואַלד ניט בלײַבן. דאַרפט איר קומען אין דאָרף ווי עמעצנס א קרויווע. איז דאָס, וואָס איר זײַט א ייִדישקע, אָדער, לאָמיר אפילו זאָגן, איר זעט נאָר אויס אַזוי, — ניט גאָר גוט. נאָר מיילע, ניט יעדער וועט זיך צו אײַך צוקוקן אַזוי, ווי איך. און, — האָט ער זיך אַף א ווײַלע פאַרטראַכט, — קרויווים רעקאָמענדיר איך אײַך ווײַט ניט קיין שלעכטע. בײַ מיר אין סמאָלענסק איז א שוועסטער פאַראַן אָדער, ריכטיקער געווען, געוועזן. ווײַל ווער ווייסט, צי לעבט זי נאָך. און בײַ איר איז א טאָכטער אין אײַערע יאָרן. דערצו האָט עס נאָך א מײַלע. בײַ מיר זײַנען דאָ שוועסטער, ברידער און א סאַך פרײַנט, וועט איר קאָנען אָפּטער אײַער קוואַרטיר בײַטן. איינס, ווײַל איך, זאָלט איר מיר גלייבן, אַז די קוקושקינס זײַנען אַלע אַלציינע, און ניט נאָר אין מײַן מישפּאָכע, נאָר אין גאַנצן דאָרף אונדזערן וועט איר קיין פאַררעטער ניט געפינען.

איך עטלעכע טעג אַרום איז זי אין אָוונט צוזאַמען מיטן פעטער מישאַ צו אים אַהיים געקומען.

— ווערא הייסט זי, — האָט ער די קינדער געוואָרנט, — און

זי איז אײַער שוועסטערקינד פונ סמאָלענסק, נאָר דערוויַיל זאָלט איר קיינעמ גאָרניט זאָגנ אונ צו איר אינ צימער קיינעמ ניט אריַינלאָזנ.

ערשט אינ א פּאָר וואָכנ ארומ האָבנ זיכ די שכיינימ דערוווּסט, אז צו די קוקושקינס איז געקומענ א קרויווע פונ שטאָט, וווינענ איז זי פארבליבנ בא דעמ פעטער מישעמ שוועסטער נאסטיא סעמיאָנאָווא. דאָ אינעמ קליינעמ שטיבעלע, וואָס אינ עק דאָרפ, האָט זי צווישנ צוויי ווענטלעכ אײַנגעשטעלט איר ראדיאָ־אפּאראטור. שפּעט באַנאכט פלעגט זי זיכ פארבינדנ מיט דער „גרויסער ערד" אונ דערציילנ וועגנ נײַ־אָנגעקומענע היטלערישע טיילנ, וועגנ צעקלאפּטע דײַטשישע דיוויזיעס, וואָס ציִענ זיכ פונ פראָנט, וועגנ געהיימע דײַטשישע דאָקומענטנ, צירקוליארנ, באפעלנ, וועגנ דעמ, ווי די אָקופּאנטנ רויבנ דעמ קאנט, טייטנ אומשולדיקע מענטשנ, וועגנ דעמ, ווי עס רײַסנ זיכ אופ עשעלאָנענ, ווי עס פליִענ בריקנ אינ דער לופט, ווי עס ברענענ דײַטשישע קאזארמעס, ווי עס וואקסט דער ווידערשטאנד אינ קאנט.

אזוי האָט דאָס „שוועסטערקינד", וועלכע מע האָט ליב געקריגנ מער ווי אנ אייגענע שוועסטער, אָפּגעלעבט בא די קוקושקינס ביז סאָפ 1942.

ווידער האָט אונדזער אָטריאד פארנומענ די לאגערנ ניט ווײַט פונ דאָרפ, ווו די קוקושקינס האָבנ געוווינט. פארטיזאנער פלעגנ זיכ בידעשנ: סווירידּ אָדער קאָמאר פארלאָזנ דעמ לאגער אפ א וועלכעניט־איז אָנדערהאלבנ—צוויי שאָ צײַט אונ קערנ זיכ אומ מיט די סאמע לעצטע נײַעס פונ די פראָנטנ. דאכט זיכ, אינ ערגעצ זײַנענ דאָ נאָענט ניט פאראנ קיינ פארטיזאנער, וואָס זאָלנ פארמאָגנ א ראדיאָאופנעמער, אונ אָט הײַנט פארטאָג האָט געראסימ לעאָנטיעוויטש געלייענט אונדז די נעכטיקע סוואָדקע פונ סאָווינפאָרמביוראָ. אינ עטלעכע שאָ ארומ האָט מענ זי שוינ באוויזנ אָפּדרוקנ אונ אינ צענדליקער עקזעמפּליארנ פארשפּרייטנ אינ די ארומיקע דערפער.

דער סאָד האָט זיכ אינגיכנ אנטפּלעקט. צו אונדז אינ אָטריאד איז אָנגעקומענ קוקושקינס „שוועסטערקינד", ווערא. איצט פלעגט מענ שוינ אלע אפּדערנאכט זיכ צונויפזאמלענ לעבנ שטאב. ווערא, א הויכע, א געזונטע, מיט שטענדיק רויטע באקנ, פלעגט ארופציִענ די אויערנ-רעדלעכ אונ אינ דער הייכ אפ א קאָל איבערכאזערנ וואָרט בא וואָרט, וואָס עס האָט מיטגעטיילט דער דיקטאָר פונ מאָסקווע.

בא אונדז איז זי אָפּגעווען א קנאַפּן כווידעש. דערנאָך האָט זי זיך אוועקגעלאָזט אין אן אנדער ראיאָן.

עטלעכע טעג, איידער מיר האָבן זיך פאַרייניקט מיט דער רויטער ארמיי, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין א דאָרף ניט ווייט פון שקלאָוו. מיר האָט מען דערציילט וועגן א דעסאַנטלערן אַן אָרדענ־טרעגערן, א ייִדיש מיידל, וואָס איז ניט לאַנג דאָ העלדיש אומגעקו־מען.

— ווי האָט מען זי גערופן?

— ווערא.

מע האָט זי מיר אויסגעמאָלט. דאָס איז געווען דאָס זעלבע מיידל, קוקושקינס „שוועסטערקינד".

3

פאַרטאָג, נאָך דעם, ווי איזאַכס בריגאַדע און דערנאָך אונדזערע אָטריאַדן האָבן פאַרלאָזט דעם וואַלד, בין איך אוועק צו דעם פע־טער מישא אים וואָרענען וועגן דער אָנקומענדיקער געפאַר און זיך מעיאַשעוו זיין, וווּ זיך אויסצובאַהאַלטן.

— אָט א קליינע אינדזעלע, לעבן זאַרעטשע איז בא מיר צוגעגרייט א בונקער... דאָס איז ניט ווייט פון גאַרניזאָן, און דערפאַר וועט זיי אין קאָפּ ניט קומען, אז מיר קאָנען זיין דאָרטן. איך קלער אַהין מיט מיינע מיידלעך זיך אריבערקלייבן. אויב דו האָסט ניט קענגן, קענען מיר צוזאַמען גיין.

איך האָב דאָרט איבערגענעכטיקט סאַבאָקל איין נאַכט. דאָס אָרט איז מיר ניט געפעלן: ארום — זומפּן, טאָמער באַמערקט מען אונדז, איז ניטאָ וווּהין צו אַנטלויפן. מיר האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג, וועלכע מיר האָט רעקאָמענדירט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש.

צו ענדע טאָג, זונטיק דעם 15־טן מײַ, זיינען אין די ארומיקע דערפער קאָסטריטשי און דובראָווע אָנגעקומען דייטשן.

ווידעראַמאָל האָב איך זיך ארייַנגעכאַפּט צום פעטער מישא און געוואָרנט, אז אים איז שוין צייט פאַרלאָזן דאָס דאָרף.

— איך גייט, — האָט ער מיך באַרויקט, — און מיר האָבן ניט וואָס זיך צו אייַלן. פריער ווי מאָרגן באַטאָג וועלן זיי ניט קומען אַהער.

מיר זײַנען אוועק.

פארטאָג האָבן מיר דערהערט א ווײַטע שיסערײַ, דערנאָך א הודזשערײַ פון מאשינעס. „פרי, — האָב איך א טראכט געטאָן, — האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג. האָט כאָטש דער פעטער מישא באַוויזן צו אנטלויפן?"

מיר זײַנען געווען צוועלף מאַן.

— קאָמאנדיר, — האָט זיך צו מיר געווענדט ליודוויג גושטשא, אליין פון סטארי ספּאָר, — דערלויבט, וועל איך גיין מיט עמעצן געוווירע ווערן, וואָס ארום הערט זיך?

אויך אפ מיר האָט די אומבאוווּסטקײַט געדריקט. אויסשפּירער זײַנען געווונט שטענדיק די ערשטע דערוויסן זיך אלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך.

ניט מער ווי אין א האלבער שאָ ארום נאָך דעם, ווי ליודוויג מיט נאָך איינעם האָבן זיך אוועקגעלאָזט צום דאָרף, האָט זיך אין וואלד דערהערט א שיסערײַ.

אונדזערע יאטן האָבן זיך אומגעקערט פארסאָפּעטע.

— דער וואלד איז פול מיט דײַטשן. מיר האָבן געמאכט א גרויסן קרײַז, זיי זאָלן ניט באמערקן, וווהין מיר האָבן זיך געלאָזט.

אין א מעטער צען פון אונדז, רעכטס, איז געלעגן לעסקאָוויטש.

— שטיל, — האָט ער אונדז געגעבן א צייכן. — זיי גייען.

מיר האָבן זיך פארמאסקירט הינטער אן אומגעפאלענעם אלטן בוים. זיי זײַנען געווען א מאַן פופצן. א מעטער צוואנציק פון זיי האָבן מיר דערזען נאָך א קייט. מיר האָבן פארטײַעט דעם אָטעם.

— באמערקן זיי אונדז, — האָב איך אלעמען געוואָרנט, — וועלן מיר די ערשטע זיי באשיסן, צווינגען זיי צו דער ערד צופאלן, און דערנאָך וועלן מיר אנטלויפן.

ווי לײַכט וואלט געווען די דאָזיקע גרופּע פארניכטן אין אן אנדער צײַט! זיי זײַנען ניט מער, ווי אין א צען—פופצן מעטער פון אונדז. נאָר דאָס מאָל איז אונדזער ציל אליין פארהיטן זיך.

זיי זײַנען דורכגעגאנגען. וואָס וועט אָבער זײַן, אויב זיי וועלן זיך דערנאָך אומקערן צוריק און פארכאַפּן דאָס אָרט, וווּ מיר ליגן?

— פאָרויס! — האָב איך באפוילן, — לאָמיר זיך אריבערקלײַבן אהין, ווו זיי זײַנען שוין דורכגעגאנגען.

מיר האָבן זיך פאַרקליבן צווישן געדיכטע קוסטעס ניט ווײַט פון וועג.

ווי עס ציט זיך די צײַט אין אַזאַ פאַל.

עמעצער גייט מיטן וועג. דרײַ פרויען.

— פרעגט בײַ זיי גאַרניט און שטעלט זיי ניט אָפּ, — האָב איך שטיל געוואָרנט אַלעמען.

און ווירקלעך, דאָס איז געווען אַ דײַטשיש שפּיצל. זיי האָבן פאַרכאַפּט די פרויען אין וואַלד און געצוווּנגען זיי גיין פאָרויס. דער ציל איז געווען קלאָר: פאַר די דײַטשן באַהאַלטן זיך אַלע. צו די פרויען וועט עפּשער עמעצער אַרויסגיין.

4

דרײַ טעג זײַנען מיר געלעגן אין באַהעלטעניש. די דײַטשן האָבן אַלץ געניטשטערט איבערן וואַלד. וואָס צו עסן האָבן מיר ניט געהאַט. אָנגעטאָן זײַנען מיר געווען לײַכט. קיין שטײַטער האָבן מיר ניט גע־טאָרט צעליינגן. אין אַלע אַרומיקע דערפער זײַנען געווען דײַטשן. גענוג, — האָבן מיר באַשטימט, — קיין יעדיעס קענען מיר אַליינס אין שטאָב ניט שיקן, און אַזאַ גרופּע וועט זיך אומעטום דורכ־קלײַבן.

— ווי נאָר עס וועט טונקל ווערן, — האָב איך געמאָלדן מײַנע באַווײַרים, — לאָזן מיר זיך אין וועג. גיין וועלן מיר צו דער שטאָט. דאָרט מוז זײַן רויקער. איצט קערן זיי מאַכן זאַסאַדעס. וועלן מיר זיך נעענטער צו די גאַרניזאָנען האַלטן, וווּ זיי ריכטן זיך ווייניקער אויף אונדז. דאָס שווערסטע איז פון דעם וואַלד אין צווייטן אַריבער.

דער טאָג האָט אונדז פאַרכאַפּט ניט ווײַט פון דאָרף הוטאַ. פאַר־זיכטיק האָבן מיר זיך גענאַנווועט צום בעסוילעם. לאַנג האָב איך זיך אײַנגעהערט, געקוקט אין בינאָקל. איך האָב באַמערקט אַ פּאָר באַ־וואָפנטע מענטשן, נאָר אין דאָרף איז, ווי שטענדיק, טומלדיק, דער פאַסטעך טרײַבט די סטאַדע, פון אַלע קוימענס זעצט אַ רויך, קינדער האָבן זיך באַוויזן אין גאַס.

— טשײַקאַ, מיט די גערטנער לאָז זיך צום דאָרף. טאָמער וואָס,

וועלן מיר אופהייבן א פייער, זאָלסט באַווייזן צום וואַלד זיך צו דערקלייבן.

פון דאָרף האָט ער זיך אומגעקערט מיט נאָך עמעצן. מיר האָבן זיך געלאָזט זיי אַנטקעגן.

— סעניא וולאַסיוק, — האָב איך דעם צווייטן נאָך פון דער ווייט דערקענט. דאָס איז געווען אונדזערער א פּאַרטיזאַן, א קאָמאַנדיר פון א וווזוואָד, וואָס האָט זיך דאָ געפונען מיט זיינע קעמפער.

— פון זינט עס האָט זיך די בלאָקירונג אָנגעהויבן, — האָט ער דערציילט, — לעבן מיר דאָ, ווי אַף קוראָרט. זיי אַהין, און מיר אַהער. און איר—וויי, ווי איר זייט עס פאַרוואַקסן און קויטיק. בא לעסקאָוויטשן שטעקט אַרויס נאָר די נאָז, מער קיין פּאָנעם זעט מען שוין קימאַט ניט. גוט, וואָס מיר האָבן נאָך קיין פרישטיק ניט געגעסן. קומט גיכער, ווייל ס'איז שוין צייט דאָס דאָרף פאַרלאָזן.

— וולאַסיוק, — האָב איך אים געפרעגט, — האָסט געזען, כּאַרא סרייפּעס באַנאַכט זיינען געווען? וועלכע, מיינסטו, דערפער האָבן געברענט?

— דאָס איז אין דער ריכטונג פון קאָסטריטשי, סטאַרי ספּאָר, וועליקאַיא סטאַרינאַ. איר גייט דאָך פון דאָרט, אַזוי אַז איר דאַרפט בעסער וויסן.

— מיר גייען פון דאָרט, נאָר מיר ווייסן אַזויפיל, וויפל דו. איך מיין אויך, אַז דאָס איז אין יענער ריכטונג. אויב אַזוי, איז ניט אַנדערש, ווי די דייטשן האָבן זיך אַרויסגעקליבן. מיט אַזעלכע זאַכן פאַרנעמען זיי זיך שטענדיק צום סאָף. דעם טאָג וועלן מיר אָפּרוען, און אין אָוונט וועסטו מיר געבן דיינע פערד, וועל איך שיקן א פּאָר אויסשפּירער. מעגלעך, אַז ביז טאָג וועלן זיי צוריקקומען.

אפן צווייטן טאָג האָט זיך איינער פון מיינע אויסשפּירער אומגעקערט. ער האָט זיך דערקליבן ביז סטאַרי ספּאָר. אָט וואָס איך האָב זיך דערוווּסט:

דעם 16-טן מיי גאַנצפרי האָבן די דייטשן גלייכצייטיק אַרומגערינגלט די דערפער סטאַרי ספּאָר, וועליקאַיא סטאַרינאַ און בעריאָזאָוואָיע באָלאָטאָ. דעם פעטער מישא און זיין זון האָבן זיי פאַרכאַפּט אין פעלד. צוויי טעג האָבן זיי אים געמוטשעט, און דערנאָך אים,

זײַנ זונ, די פרוי אונ די קלענערע צוויי טעכטער (די עלטערע צוויי האָבנ זיכ אויסבאהאלטנ אינ שכײנעסדיקנ דאָרפ) דערשאָסנ. אינעמ דאָרפ האָט מענ דערשאָסנ נאָכ פינפ מענער אונ פארברענט עטלעכע הײַזער. ווי נאָר די דײַטשנ זײַנענ ארויס, האָט מענ די דערהארגעטע צו קווורע געבראכט, נאָר דעמ פעטער מישעס טויטנ קערפער האָט מענ אינ ערגעצ ניט געפונענ. א שכײנע האָט דערציילט, אז זי האָט אליינ געזענ אימ א טויטנ אונ אז די דײַטשנ האָבנ זײַנ קערפער ניט מיטגענומענ מיט זיכ.

אויכ פאָרפיריכענ האָבנ זיי פארכאפט אונ געשאָסנ. איר שטוב האָבנ זיי פארברענט. איגאָר יודאָוויטשנ, בא וועלכנ מיר האָבנ די לעצטע טעג געוווינט, האָבנ זיי אויכ דערהארגעט אונ זײַנ איינציקע טאָכטער מיט זיכ פארכאפט. אינ דאָרפ האָבנ זיי דערשאָסנ נאָכ עטלעכע פרויענ אונ מיידלעכ. איינע א פרוי האָבנ זיי דערהארגעט נאָר דערפאר, וואָס זי האָט זיכ אזוי פאר שרעק פארלוירנ, אז זי האָט אנ אָפיצער אָנגערופנ ניט „הער", נאָר „כאווער". אויכ אינ בעריאָזאָוואָיע באָלאָטאָ האָבנ זיי צענ מענטשנ געשאָסנ אונ עטלעכע מיט זיכ פארכאפט. פונ אוסאָכ האָבנ זיי צוגענומענ צוויי אונ צוואנציק מאנ אונ אינ באצעוויטשי זיי דערהארגעט. צווישנ זיי איז געווענ אונדזער אלטער באקאנטער, דער באלעבאָס פונ סטראזשא סעמיאָנ קאזעקא.

5

א גאנצנ טאָג בינ איכ ארומגעגאנגענ ווי מעשוגע. אזויפיל ליבע, טײַערע מענטשנ האָבנ מיר פארלוירנ! אינ דעמ טאָג האָב איכ באקומענ נאָכ א שרעקלעכע יעדיִע. א סאכ אונדזערע אגענטור־אויסשפירער אינ שטאָט האָט מענ ארעסטירט, צווישנ זיי באבאריקענ אונ מאניעטשקענ. וויפל צאָרעס ס'האָבנ זיכ עס מיטאמאָל א שאָט געכאָנ אפ אונדז!

— פרײַנט מײַנע, — האָב איכ זיכ געווענדעט צו מײַנע אויסשפירער, — איכ האָב געמיינט, מיר וועלנ דאָ אָפרוענ א פאָר טעג, נאָר איר האָט אלע געהערט די נײַעס. איכ מיינ זיכ לאָזנ הײַנט צוריק אינ אונדזער ראיאָנ. נאָכ אזעלכע אומגליקנ מוזנ מיר זײַנ צוזאמענ מיט אונדזערע פויערימ.

— מיר מיינען אויך אזוי, — זײַנען אלע מאסקים געווען.
מיר האָבן אָנגעקלאַפּט צו ליודוויג גושטשעס שוועסטער.
— ווער? — האָט זי אַ איבערגעשראָקענע געפרעגט.
— מיר. — האָט איר ברודער געענטפערט.
— ווארעמט זיך אָן און גייט אוועק פונדאנען. געננוג קאָרבאָ־נעס.
אויך איר מאַן האָבן די דײַטשן דערשאָסן.
גאנצפרי אין וואלד האָב איך באגעגנט דעם פעטער מישעס עלטסטע טאָכטער.
— רײַע, וווּהין גייסטו?
— צום טאַטן.
„זי איז, ווײַזט אויס — האָב איך באַשטימט, — ניט בײַ די געדאנקען".
— ווו זשע ווערסטו אים זוכן?
— איך דאַרף אים ניט זוכן, איך ווייס, ווו ער איז.
— ווו?
— אין יענעם בײַדל, וווּהין ער האָט אײַך פאַרגעלייגט זיך אי־בערקלײַבן.
— ווער האָט אים אהער געבראַכט?
— קיינער ניט. ביזן ברעג וואלד איז ער אליין דערקראָכן, און פון דאָרט האָט אים אונדזער פאסטעך געהאָלפן זיך דערקלײַבן.
— רײַע, טײַערע, טראַכט זיך אײַן אין דעם, וואָס דו רעדסט. דײַן טאַטן האָבן די דײַטשן דערשאָסן. הערסט? דערשאָסן! נאָר זײַן טויטן קערפּער האָט נאָך קיינער ניט געפונען. אזוי?
— ניין. זיי האָבן אין אים געשאָסן, נאָר ניט געטייט. פינף קוילן האָבן אין אים געטראָפן, נאָר ער לעבט. דאָס טראָג איך אים פריש־טיק פון דאָרף. עפשער האָט איר ריינע מאַרליע? ניטאָ מיט וואָס די וווּנדן איבערבינדן.
איך בין געשטאַנען אין פאַרלעגנהײַט. זי איז פון זינען אראָפּ אָדער דאָס, וואָס זי דערציילט, איז טאַקע עמעס? זי האָט זיך געלאָזט ווײַטער, מיר נאָך איר. לעבן בײַדל איז געשטאַנען רײַעס שוועסטער.
— וואָס מאַכט דער טאַטע?
— בעסער.
— עמעס! — האָב איך א געשריי געטאָן און זיך געלאָזט לויפן.

אפֿנ דיל איז געווענ אויסגעשפּרייט פּרישע שטרוי. פּעטער מישא איז געלעגנ אײַנגאנצנ אנ ארומגעבאנדאזשירטער, נאָר די באָרד זײַנע האָט ארויסגעשטעקט פֿונ די בינטנ, אונ אויכ זי איז געווענ נִיט אזא, ווי שטענדיק. פֿונ רויטלעכ־געל איז זי גראָ געוואָרנ.

— פּעטער מישא, לעבסטו? אײַ, ווי גוט דאָס איז. רייד אויס כאָטש איינ וואָרט!

— זעצ זיכ לעבנ מיר, זונ מײַנער. נאָר ריר מיכ־ניט אָנ, מיר טוענ אלע איִיוורימ וויי. איכ לעב, זעסט דאָכ, אז איכ לעב. דאָס האָט גאָט מיר דאָס לעבנ געשענקט, איכ זאָל קענענ נעקאָמע נעמענ. זאָג, וועסט מיכ נעמענ צו זיכ? מיכ אונ מײַנע מיידלעכ, האַ? מײַנע סאָנימ ווייסנ נאָכ, ווײַזט אויס, ווייניק די קוקושקינס, איז היט זיכ, צוזאמענ אפֿ איינ ערד וועלנ מיר ניט טרעטנ. דאָס זאָג איכ, מיכײַלאָ, אזוי זאָגנ מײַנע קינדער, אזוי וועט זײַנ.

ער האָט זיכ געפּרוווט אופֿהייבנ, נאָר איכ האָב אימ ניט גע־לאָזט.

— וואניא, — האָב איכ, ווי שטענדיק אינ אזא פֿאל, געוועִנדט זיכ צו טשײַקענ, — זעצ זיכ רײַטנדיק אונ זוכ אָפּ אונדזער שטאב. שרײַבנ וועל איכ זיי גאָרניט, וועסט אליינ די לעצטע נײַעס דערציילנ, נאָר אָנ קיינ דאָקטער זאָלסטו זיכ ניט אומקערנ. פֿאָר.

איכ האָב באקוקט אונ איבערגעבונדנ זײַנע וווּנדנ אפֿנ קאָפּ, אפֿנ אויער, אפֿנ אקסל, אתּ די פֿינגער פֿונ דער רעכטער האנט אונ לינקנ פֿוס. דרײַ ציינ האָט אימ א פּאָליצײַ מיט דער האנט אויסגעהאקט.

— געשאָסנ האָט מענ אינ אונדז פֿונ פּיסטאָלעטנ. די ערשטע קויל האָט אינ דער אכטיאָריקער טאָכטער געטראָפֿנ אונ גלײַכ אפֿ טויט זי אוועקגעלייגט. דערנאָכ האָבנ זיי אינ סעניענ, מײַנ יינגל, געטראָפֿנ. ער האָט נאָר באוויזנ „טאטע!” אויסשרײַענ אונ זיכ אינ מיר אָנכאפּנ. ביידע זײַנענ מיר אומגעפֿאלנ. איכ אונטנ, ער אויבנ. זיי האָבנ זיכ, ווײַזט אויס, געײַלט, ווײַל זייער אָבאָז האָט נאָכ פֿריִער אינ וועג זיכ געלאָזט. מעגלעכ, וועג ניט די אָוונטיקע קיל־קײַט, וואָלט איכ נאָכ לאנג צו זיכ ניט געקומענ. אונדז האָבנ זיי פֿונ שטוב אינ איינע העמדער ארויסגעפֿירט, דערפֿאר וועל איכ פֿונ זיי ניט נאָר די העמדער, נאָר די הויט שינדנ. אָ, איינס בעט איכ — פֿויעכ! וואָס גיכער זיכ אפֿ די פֿיס שטעלנ, איכ ווייס שוינ, וואָס איכ האָב צו טאָנ.

אין דרײַ באַדאַשים אַרום איז ער שוין געווען געזונט. ער און זײַנע עלטערע טאָכטער רײַזע זײַנען פאַרבליבן אין מײַן גרופּע. די צווייטע טאָכטער, פאַלינע, האָט מען אין אַטריאַד גענומען. רײַזע פלעגט אַלע פינף—זעקס טעג זיך לאָזן אין שטאָט. אַהין פלעגט זי אופּרײַס־שטאַפּ דורכטראָגן, פון דאָרט — נייטיקע ידיעות ברענגען.

מאַניאַ גאָלוביאָווא

פון שטאָט האָט מען מיר מיטגעטיילט, אַז אַלע מײַנע אַגענטור־אויסשפּירער פון באַבאַריקעס גרופּע, וואָס געסטאַפּאָ האָט אַרעס־טירט, האָט מען דערשאָסן. באַפרײַט האָט מען איינעם, זײַן פאַמי־ליע איז באַגדאַן, און מאַניאַ גאָלוביאָווא. „דאָ איז עפּעס ניט גלאַ־טיק", — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. ווען, ווען, מאַניען וועלן זיי ניט שאַנעווען. עמעצן שיקן צו איר האָב איך ניט געקענט, ווײַל מע קער נאָך יעדן טריט אירן נאָכשפּירן.

אונדזערע אַטריאַדן האָבן זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פון אונדז. איך מיט מײַנע אויסשפּירער האָבן זיך אופגעהאַלטן אין דאָרף. עס איז אַרײַנגעקומען לעסקאָוויטש און מיטגעטיילט: מיט אַ שאָ צוריק איז צו איר קומען קיין אוסאָך געקומען מאַניאַ. איך האָב זייער געוואָלט וואָס גיכער זיך זעצן אַפן פערד און זיך לאָזן אַהין. נאָר, ניין, דאָס טאָר מען ניט טאָן.

— עמעצער פון אונדזערע האָט גערעדט מיט איר?

— ניין.

— זאָל קיינער זיך איר פאַר די אויגן ניט וואַרפן. אינגיכן וועט זי אַליין אַהער קומען.

לאַנג וואַרטן איז ניט אויסגעקומען. מאַניאַ — אַ דאַרע און אַ בלייכע, נאָר די זעלבע מאַניאַ — איז געקומען.

— זעץ זיך לעבן מיר. — האָב איך זי צו זיך צוגעדריקט.

— איך קען דאָ ניט זײַן. מיר איז דאָ שווער. קום אין וואַלד.

מיר האָבן זיך פאַרקליבן אַפּ אַ לאַנקע, ניט ווײַט פון דאָרף, און זיך צוגעלייגט אַפן גראָז. אין אַ קאַפּיטל איז בײַ איר עפּעס געווען

איינגעבונדן. זי האָט עס צעבונדן און אַרויסגענומען: דײַטשישע ווורשט, קאָנפֿעטן, קאָנסערוון, פֿאַרשיידענע קאָנצענטראַטן.

— פֿאַרוואָס פֿרעגסטו ניט, ווו איך האָב עס אַלץ גענומען?

— וועסט אַליין דערציילן.

— דאָס האָב איך אַלס אוואַנס פֿאַר דײַן קאָפּ באַקומען.

— און דאָס איבעריקע וועט?

— קיינמאָל ניט.

— פֿאַרוואָס?

צוריק קיין וואָרשע קאָנען מיר ניט, נאָר איך האָב געלייב פֿאַר־שטאַנען: די לעצטע פֿראַגע האָב איך איר ניט געטאָרט שטעלן. מער האָט זי זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און זיך צעוויינט.

— אַפֿילו איך געסטאַפּאָ ווייסט מען, אַז מײַן מאַמע האָט דיך פֿאַר א זון פֿאַררעכנט, און א שוועסטער א ברודער הארגעט ניט.

זי האָט מיר אָפּגעגעבן איר פֿאַסיר־שײַן, ענלעך אַפֿ אַזאַ, ווי איך האָב געפֿונען בא מאַלקעוויטשן.

— און די שוועסטער דײַנע, נינאַ, ווייסט, וווהין מע האָט דיך געשיקט?

— יאָ, אויב זי איז געווען אַרעסטירט. ווען איך האָב געגעבן מײַן האַסקאָמע זיך לאָזן אַהער, האָט מען זי באַפֿרײַט, נאָר גע־וואָרנט, אַז אויב איך וועל זיך ניט אומקערן, וועט מען זי טייטן.

— וואָס זשע וועסטו איצט טאָן?

— וואָס דו וועסט הייסן.

— יאָ. דאָס דאַרף מען באַטראַכטן, דערבײַ דאַרף איך געלייב אין שטאַב מיטיילן וועגן אַלץ. אַליין קען איך גאָרניט באַשטימען. איך מיין, אַז מיר וועלן מוזן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מיר האָבן דיך אַליין דעמאַסקירט און געטייט. אַפֿילו נינאַ טאָר דאָן דעם עמעס ניט וויסן. רו אָפּ, איך וועל גיך צוריק קומען.

— וואַרט, איך האָב נאָך ניט אַלץ דערציילט.

— איך פֿאַרשטיי, נאָך וועגן דעם שפּעטער. איך מיין, אַז מיט דיר וועט אונדזער קאָמאַנדשאַפֿט שמועסן, וועסטו אַלץ נאָכאַנאַנד דערציילן.

— ניין. שפּעטער קען זײַן שפּעט. אַהער איז נאָך א פֿרוי גע־קומען, און מיר דאַכט זיך, אַז אויב זי האָט אַזאַ אויפֿגאַבע, ווי איך. איר זון איז אַרעסטירט, נאָר מע האָט איר צוגעזאָגט אים באַפֿרײַען.

אויב זי וועט א געוויסע זאך אָפּטאָן, דערבײַ האָב איך באמערקט, ווי זי איז אַרײַן אין קאַבינעט צום שעף פֿון דער דײַטשישער אויס־שפּירונג.

— ווייסט ניט זײַן פֿאַמיליע?

— ניין.

— ער איז א הויכער, א דיקער, אין ברילן?

— יאָ.

„נו, — האָב איך א קלער געטאָן, — מיט דעם איינעם פֿאַר־נעמט זיך ניט אבי ווער".

דאָס איז געווען איינער פֿון די הויפּט־שפּיאָנען אין ווײַסרוסלאַנד, דער שעף פֿון פֿינפֿטן אָפּטייל, שמיטלײַן.

— וויפֿל מאָל האָסטו אים געזען?

— צוויי מאָל. די פֿרוי, וואָס האָט מיך באַפֿרײַט, האָט מיך גע־בראַכט צו אים. צוערשט האָט זי מיט אים לאַנג אײַנגעטײַנעט, ער זאָל מיך פֿרײַ לאָזן. ער האָט אויסגעזען ערנסט און בייז. ווען איך בין צום צווייטן מאָל מיט איר צו אים געקומען, איז ער שוין גאָר אַן אַנדערער געווען, גערעדט מיט מיר אף רוסיש, מיך מעכאַבעד געווען מיט קאָנפֿעטן, קאַווע און אַליין מיך אינסטרוקטירט, וויאַזוי זיך אויפֿירן.

— וואָס קאָנקרעט האָבן זיי דיר פֿאַרגעלייגט?

— זיי האָבן מיר אַליין געהייסן צוטראַכטן א מיטל, וויאַזוי דיך צו זיי פֿאַרנאַרן. האָב איך זיי פֿאַרגעלייגט, אז איך וועל קומען צו דיר און דערציילן, אז איינער א מענטש פֿון שטאָט האָט א סך גע־ווער און, קעדיי דאָס ארויסבאַקומען, מוזטו זיך טרעפֿן מיט אים אין א באַשטימטער צײַט ניט ווײַט פֿון שטאָט. ווען איך וועל קלוי־מערשט גיין צום מענטשן, איבערגעבן ווען און וווּ זיך באַגעגענען, וועל איך אָנזאָגן וועגן דעם אין דער דײַטשישער קאָנטר־אויסשפּי־רונג. נו, אַלדאָס איבעריקע דאַרפֿן זיי אַליין אײַנאָרדענען. זייער שעף איז אַזוי דער פּלאַן געפֿעלן, אז ער האָט מיר צוגעזאָגט א וועלט מיט מאַטאָנעס, ווי נאָר דאָס אַלץ וועט זיך אײַנגעבן

אין א פּאָר טעג ארום איז מאַניא פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן אף פֿלעק־טיפֿוס. איך האָב זי אָפּגעשיקט צו א באַקאַנטן פּויער א קילאָ־מעטער זעכציק פֿונדאַנען. פֿון שטאָט האָט מען מיטגעטיילט, אז די פֿרוי, וועגן וועלכער מאַניא האָט מיך געוואָרנט, האָט באַקומען אַן

אופגאבע צוגרייטנ סאמאָהאָנ אונ ארײַנשיטנ אהינ סאם, וואָס די דײַטשנ האָבנ איר געגעבנ. מיט דעמ בראָנפנ האָט זי באדארפט מעכאבער זײַנ מײַנע אויסשפירער.

קאָסטריטשער יוגנט

1

איבערנ טײַכ בעריאָזע, לעבנ דאָרפ טשאטקאָווא, האָבנ די דײַטשנ באשטימט אויסבויענ א בריק. די פּאָליציי פונ די ארומיקע גארניזאָנענ האָט גענומענ טרײַבנ די יוגנט אינ וואלד אפ ארבעט. צוויי מאָל זײַנענ מיר מיט סילקינס דיווערסאנטנ־גרופּע אָנגעפאלנ אפ דער וואכ. דאָס ערשטע מאָל האָט זיכ אונדז אײַנגעגעבנ פארכאפּנ די דײַטשישע פערד. דאָס צווייטע מאָל — אופרײַסנ זייער טראקטאָר אונ טייטנ עטלעכע דײַטשנ. זייער געווער האָבנ מיר פארכאפּט מיט זיכ. דאָס האָט זיי אָבער ניט געקענט אָפּשטעלנ. זיי האָבנ פארשטארקט די וואכ אונ דעמ בריק געבויט ווײַטער.

די יוגנט פונ די דערפער, וואָס לעבנ די וועלדער, פלעגט זיכ אויסבאהאלטנ, מע זאָל זי ניט טרײַבנ אפ ארבעט.

— הער, וואניא, — האָב איכ זיכ איינמאָל געווענדט צו א באָכער פונ קאָסטריטשי, וואניא דראָזד, וואָס האָט מיר שוינ ניט איינ מאָל געהאָלפנ אינ מײַנ ארבעט. — ביסט נישט קיינ שלעכטער בויער, איז עפּשער וואָלט געווענ א פּלאנ, זאָלסט גיינ די דײַטשנ העלפנ בויענ דעמ בריק.

— אינ איינ שיינעמ טאָג קענענ זיי אונדז פארשפּארנ אפ שטענדיק אינ לאגער אָדער קיינ דײַטשלאנד אוועקפירנ. נאָר מיילע, אויב מע דארפ, בינ איכ גרייט.

צומ קומענדיקנ מאָל, ווענ די פּאָליציײַענ זײַנענ פארטאָג געקומענ קיינ קאָסטריטשי, האָט זיכ וואניא דראָזד אזוי „פארבאהאלטנ”, אז זיי האָבנ אימ גלײַכ געפונענ.

— דער, — האָט איינ פּאָליציײַ צומ צווייטנ געזאָגט, — איז געזונט, ווי א לייב. ער וועט בא אונדז זענג ביימער אינ וואלד. אויב דו וועסט גוט ארבעטנ, וועלנ מיר דיכ אפ באנאכט אָפּלאָזנ אהיימ,

ווײַל קיינ קעסט־קינדער דארפנ מיר ניט. נאָר פרוו זיכ נאָכאמאָל באהאלטנ, דאנ וועסטו זיכ מיט אונדזער קאָמענדאנט באקענענ. וועסט מעגנ דאנקענ גאָט, אויב דו וועסט זיכ אָפּאטערנ מיט דרײַביק שמיצ. ס׳קאָנ זייער טרעפנ, אז דו זאָלסט מיטנ קאָפּ אָנלייגנ.

וואניא האָט פארשפרייט צווישנ דער יוגנט אונדזער פארטיזאנישע צײַטונג, פלוגבלעטלעכ. די דײַטשנ האָבנ באשטימט, אז דאָס טוענ מיר באַנאכט, אונ געמאכט עטלעכע זאסאדעס. עס האָט ניט געהאָלפנ, דאנ האָבנ זיי באפוילנ, אז ווער עס וועט געפינענ א פלוגבלעטל, זאָל עס ניט לייענענ, נאָר אָפּגעבנ די וואכמענער. פלעגט זיי וואניא ברענגענ בלעטלעכ, וואָס זײַנענ געווענדט געווענ ספעציעל צו זיי. אלע טאָג האָבנ אָנגעהויבנ צענ—פופצנ מאנ אנטלויפנ פונ דער ארבעט.

— איר ווייסט? — האָט מיר איינמאָל געזאָגט וואניא דראָזד,— איכ מיינ בא אונדז אינ קאָסטריטשי אָרגאניזירנ אנ אונטערערדישע קאָמיוג־אָרגאניזאציע. איר זעט דאָכ, וואָס פאר א יוגנט בא אונדז איז.

אינ עטלעכע טעג ארומ האָב איכ אוועקגעשיקט אונדזער קאָמיסאר דעמ פראָטאָקאָל פונ דער זיצונג פונ דער ערשטער אונטערערדישער קאָמיוג־אָרגאניזאציע אינ אונדזער ראיאָנ. אלס קאָמסאָרג איז אויסגעווײלט געוואָרנ וואניא. מיט א יאָר שפעטער איז ער העלדיש אומגעקומענ אינ שלאכט. אינ ביוראָ זײַנענ ארײַנ זײַנ שוועסטער מאניא אונ נאסטיא אודייעווע, ביידע געוועזענע סטודענטקעס, אונ דער טראקטאָריסט מישא קאזועקא. נאסטיענ פלעג איכ אָפט שיקנ אינ שטאָט. ווענ מיר האָבנ אינ דאָרף אָנגעמערקט א פארטיזאנישנ קאָמענדאנט, איז זי געוואָרנ זײַנ געהילפ.

אינ קאָסטריטשי האָבנ די דײַטשנ קיינ איינ יאט, קיינ איינ מיידל ניט פארכאפט אינ זייערע לאגערנ. דאָ איז געווענ אנ אייגענע וואכ, אנ אויסשפירונג, יעדנ מעסלעס פלעגט דעזשורענ עמעצ פונ די ביוראָ־מיטגלידער. זיי האָבנ ארומ זיכ פאריייניקט די בעסטע יוגנט פונ די ארומיקע דערפער.

דאָ אינ קאָסטריטשי איז פּאַרלאָפנ אזא געשיכטע. די ערד איז דאָ געווענ א בעסערע, ווי אינ די ארומיקע דערפער, האָבנ עטלעכע פּאָליציי־לײַט פונ שכייבעסדיקנ גאַרניזאָנ פּאַרזייט אינ קאָסטריטשי טווע.

— פונדאַנענ, — האָט מיר וואַניא געזאָגט, — וועלנ זיי קיינ איינ זאַנג ניט ארויספירנ. מיר האָבנ שוינ באַהאַנדלט די פראַגע אונ באַשטימט, אז אונטערצינדנ טאָר מענ ניט, ווײַל דאָס פײַער קענ זיך פּאַרשפּרייטנ. אונ צוליב וואָס טאַקע פּאַרניכטנ דאָס ברויט, וואָס קענ אײַך צוניצ קומענ. ווענ די פּאָליציי־לײַט וועלנ אונדז באַפוילנ ארויסגיינ שנײַדנ די טווע, וועלנ מיר גיינ. איר זעט נאָר, אז זיי זאָלנ עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד די סנאָפּעס ניט קענענ ארויספירנ פונדאַנענ. אונ ווו צו באַהאַלטנ די טווע וועלנ מיר שוינ געפינענ.

צומ ערשטנ מאָל זײַנענ געקומענ עטלעכע באַוואָפנטע פּאָליציי־לײַט אונ מיט זיי פויערימ, וואָס האָבנ באַדאַרפט פאַרכאַפּנ מיט זיך אפּ די וועגענער די סנאָפּעס. באַ וואַניענ איז געווענ מײַנע א ראַדקעטניצע, האָט ער איינ מאָל אויסגעשאָסנ. דאָס איז געווענ גענוג, די פּאָליציײַענ האָבנ זיך אָפּגעטראָגנ.

— מאָרגנ, — האָב איך אימ געוואָרנט, — וועסטו זיי שוינ מיט קיינ ראַקעטניצע ניט איבערשרעקנ. איר זעט נאָר, זיי זאָלנ ניט צווינגענ קיינ ציווילע אריבערטראָגנ דאָס ברויט, אונ זיי אלייג, מיינ איך, וועל איך קענענ מיט מײַנ גרופּע דורכטרײַבנ.

באַ מיר זײַנענ געווענ ווייניק מענטשנ, דערצו האָט זיך דאָס דאָרפ געפונענ אינ פעלד, ווײַט פונ וואַלד. אָרגאַניזירנ א זאַסאַדע אָדער ארײַנגטרעטנ אינ א שלאַכט איז אומעגלעך געווענ, האָב איך באַשטימט כאָטש אָנשרעקנ זיי.

— זיי פאָרנ, — האָט מיר אָנגעזאָגט מישאַ קאַזוקאַ.

מיר זײַנענ געווענ פאַרמאַסקירט אפנ בעסוילעמ, אונ ווי נאָר מיר האָבנ זיי דערזענ, האָבנ מיר זיי באַשאָסנ. די פויערימ, וועלכע זיי האָבנ געבראַכט מיט זיך, זײַנענ זיך צעלאָפנ. די פּאָליציײַענ האָבנ פונ זייער קוילנוואַרפער געשיקט אינ אונדזער ריכטונג עטלעכע רייענ.

אונדזער אויסשפּירער יעראָכינענ האָט ווי געטאָן א פּוס, איז ער געבליבן אין בײדל, ניט ווײט פון ברעג וואלד. די ראקעטניצע האָב איך דאָס מאָל אים איבערגעלאָזט און זיך צונויפגערעדט, אז אין עטלעכע מינוט ארום נאָך דעם, ווי מיר וועלן עפענען פײער, זאָל ער א פּאָר מאָל אויסשיסן, דערנאָך צוויי מאָל אופרײסן צו פּופּציק גראַם טאָל. דער ערשטער אופרײס האָט באדאַרפט מאכן אן אײַנדרוק פון א שאָס, דער צווייטער — פון אן אופרײס. דאָס איז א מינענוואַרפער — וועט אומבאדינגט זאָגן יעדער איינער, ווער עס ווייסט ניט פונעם שפּיצל.

טאָל איז דאָך געווען בא אונדז א סאָד. מיר פלעגן אים ארויס־באקומען פון די דײַטשישע באַמבעס, וואָס פלעגן זיך ניט אופרײסן.

יעראָכין האָט, ווײַזט אויס, באשטימט ניט קארגן און האָט אופּ־געריסן צוויי מאָל צו הונדערט פּופּציק גראַם.

— פײַן, — האָבן מיר אלע באשטימט.

וואָלט איר עס געווען זען, ווי די פּאָליציי־לײַט האָבן געמאכט פּלייטע. עס איז געווען א פארגעניגן צו קוקן. לאָזט זיך אויס, אז יעראָכינס „קאטיושע" קאָן אויך אמאָל זײַן א טרופּע קעגן די פּריצן.

— הײַנט וועלן זיי מער ניט קומען. און ביז מאָרגן וועט ווייניק ברויט בלײַבן.

מיר האָבן זיך געלאָזט אין וואלד.

— שטייט, — האָט זיך אָנגערופן לעסקאָוויטש, — דאָ האָבן מיר צען ביקסן. שטעלט זיך אלע אין א ריי. ווי נאָר דער ערשטער שיסט אויס, זאָגט דער צווייטער גלײַך „איינס" און שיסט אויך אויס. דאָס זעלבע דער דריטער און אזוי ווײַטער. מיר הייבן אָן.

— פײַער!

— דאָס וועט זײַן א האַנט־קוילנוואַרפער, — האָבן מיר גלײַך געטראָפן.

— נאָכאמאָל, נאָר איצט שיסט דער צווייטער גלײַך נאָכן ערשטן.

— דאָס איז רעכטיאַראָווס מאשינדל.

מיט אזעלכע קאָמבינאציעס קען מען נאָכמאכן א רוסישן און דײַטשישן קוילנוואַרפער. און „האַרמאַטן" האָבן מיר שוין אויך,

איז װער קען זיך צו אונדז גלײַכן. דאָס אַלץ װעט נאָך אונדז װענ־ניט־איז צוניץ קומען.

מיר זײַנען צוגעגאַנגען צום בײַדל. װי גרױס איז געװען אונ־דזער פאַרװוּנדערונג, װען מיר האָבן דאָרט קײנעם ניט געטראָפן. אין די עמער האָט זיך נעקאָכט אונדזער פרישטיק. מיר האָבן פאַר־שטאַנען, אַז דאָס האָבן מיר יעראָכינען אָנגעשראָקן, און האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

אַזוי האָט זיך די פּאָליצײַען ניט אײַנגעגעבן אַרויספירן קײן אײן קילאָגראַם טװוּע.

מאַקסים דראָזד און די „קלײנע" אָליאַ

1

מיטן שעף פון אונדזער אױסשפּירונג מאַקסים דראָזד זײַנען מיר געװען גרױסע גוטע־פרײַנט. ביז דער מילכאָמע האָט דראָזד געדינט אַלס קאָמאַנדיר אין אַ באַרג־קאַװאַלעריסטישן טײל. געװען איז ער אַ װײַסרוס, נאָר ענלעך אַף אַן אוזבעק. אַ מיטלװוּק־סיקער מיט אַן אָפּגעברענט פּאָנעם, מיט װײַסע ברײטע צײן און אַ גרױסן שװאַרצן טשוב, אַ ביסל אַף אַ זײַט פאַרקעמט. מיר זײַנען געװען פון אײן עלטער.

— װעמען—װעמען, — פלעגט סוװריד האַלב אין שפּאַס, האַלב אַף ערנסט זאָגן, — נאָר די פּאָר איז שװער צו קאָנטראָלירן: דער געהילף װעט זײַן קאָמאַנדיר ניט אונטערפירן, און אויב אַפילו יאָ, װעט אים זײַן שעף ניט אַרויסגעבן.

אינדערעמעסן איז דראָזד געװען אַ ביז גאָר שטרענגער קאָ־מאַנדיר. אַלײן אײנער פון די ערשטע אויסשפּירער אין אָטריאַד, האָט ער זײער גוט געװוּסט זײַן פאַך. פלעגט עמעצער אָפּטאָן זײַן שטיקל אַרבעט פאַרטאַטשיש, פלעגט ער אים ביזן זיבעטן שװײס דערפירן, נאָר דערפאַר אין שטאַב פלעגט ער שטענדיק פאַרטײדיקן זײַנע אויסשפּירער.

— פון װעמען מע פאָדערט און מע באַקומט אַ סאַך, דעם מעג מען אַמאָל עפּעס מוחל זײַן אויך, — איז געװען זײַן קלאָל.

אים איז געווען שווער איינהאלטן אין לאגער. ס'פלעגט אים ציען צו די אויסשפירער אף די באצירקן, אהין, ווו די געפאר איז גרעסער. טאמער פלעגט ער קומען צו מיר, פלעג איך האבן צארעס. ווו נאר א שווערע אופגאבע, פלעגט ער זיך אליין שטעלן אין דער שפיץ.

— רו אף א טאג, וועסט האבן גענוג ארבעט, ווען איך וועל אוועקפארן, — פלעגט ער טענען.

— אמאל פלעגט זיך מיר איינגעבן אים איינבעטן, מיר זאלן גיין צוזאמען. דערפאר צו זיין מוטער אדער צו עמעצ אנדערש צוגאסט פלעגט ער זיך אן מיר ניט לאזן. זיינע שוועסטער האבן די פאשיסטן דערשאסן, דעם פאטער ביז טויט פארשמיסן, די מאמע און דאס ברודערל פלעגן גיין פון שטוב צו שטוב. היינט געבעטיקט מען בא איין שאכן, מארגן — בא א צווייטן. ווו גע־טאגט, דארט ניט גענעכטיקט. איז דען א בידעש, וואס דער מענטש האט פארמאגט א יאם מיט סינע צום פיינט און צו זיינע אונ־טערלעקער.

איינמאל באטאג זיינען מיר געזעסן בא אים אין דארף אין א שטוב, מיט אונדז זיינען געווען זיין אדיוטאנט זארעצקי און בארים פינטשוק. א יאטל האט אנגעקלאפט אין פענצטער און אויסגעשריען:

— מאקסים, פאליציינען!

קיינמאל וועל איך ניט פארגעסן זיין רויקייט און געלאסנקייט.

— ווו? — האט ער א פרעג געטאן.

— שוין אין דארף, מיט ביקסן...

— נו, — האט ער באוויזן אף אונדזער געווער, — און בא אונדז זיינען דען גראגערס?

שוין אין הויף האט ער אונדז געווארנט:

— ווארט, איך וועל אויסקלארן, וויפל זיינען זיי.

איך האב אים ניט געלאזט. מיר דאכט, דאס איז געווען דאס איינציקע מאל, ווען איך האב זיך געשטעלט קעגן מיין קאמאנדיר. מיר האבן זיך אופגעזעצט אף אונדזערע פערד. א פרוי איז ארויס אין הויף און גענומען בעטן, מיר זאלן וואס גיכער פארלאזן דאס דארף.

— זיי זיינען א סאך, א סאך, — האט זי אונדז נאכגעשריען.

— און וויפל מיר זיינען דא, ווייסט איר? באלד וועט איר זען.

בארים פינטשוק האט ניט אופגעהערט צו טײַנען:

— לאָמיר אנטלויפן, גיכער...

— זעסט, — האט מיר דראָזד געזאָגט, — מע זעט גלײַך, אז דאָס איז ניט קיין אויסשפּירער, געווינט צו זיצן אין לאַגער און נייען שטיוול. פינטשוק, — האט ער הויך אָפּ א קאָל אויסגעשריִען, — אפּגיב זאָג דעם קאָמאנדיר פון דער ערשטער ראָטע, ער זאָל ארומרינגלען דאָס דאָרף פון רעכטס, און דעם קאָמאנדיר פון דער דריטער ראָטע — פון לינקס.

יענער האט א שמיץ געטאָן זײַן פערד, זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו אונדז, א קנייטש געטאָן מיט די אקסלען, ווי אײַנער רעדט: וועלכע ראָטעס, וואָס פאַרא קאָמאנדירן?

— איך זעט? קלוג, קלוג, און עס קומט צו עפּעס, איז ער נאַרישער פון א קינד. מער וועט ער זיך בא מיר ניט פארנעמען מיט דערציילן מײַסעלעך און זינגען לידלעך. אין פּײַער דאָרף מען אים אָפּטער שיקן.

און אליין האט ער פון זײַן אווטאָמאט געגעבן עטלעכע לאַנגע רייען. פּאָליציײַען צוזאמען מיט דײַטשן איז געווען א מענטשן פופצן. מעגלעך, אז צו זיי איז דערגאַנגען זײַן באפעל. זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן. מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין שטוב און פארענדיקט אונדזער אָנבײַסן.

אגעוו, וועגן פינטשוקן. מאקסים דראָזד האט געהאלטן וואָרט, גענומען אָפּטער שיקן אים אין שלאכט. די רעפּוע האט געהאָלפן. עס איז גענוג צו זאָגן, אז ער איז אין א צײַט ארום געוואָרן דער אדיוטאנט פונעם קאָמבריג בארקאָווסקי, וואָס וועגן זײַן שרעקלאָזיקײַט האט מען געקענט לעגענדעס שאפן.

2

ווי נאָר די בלאָקירונג האט זיך פארענדיקט, איז דראָזד מיט א גרופּע פארטיזאַנער געקומען מיך אופזוכן. עס האט זיך באקומען אזוי, אז איך בין אײַנער אליין געלעגן אונטער א בוים, ניט ווײַט פון דאָרף סטארי ספּאָר. עס האט זיך אָנגערוקט א פינצטערע, א שטילע נאכט. אין דאָרף האָבן זיך די הינט צעהאווקעט. אהער האָבן זיך דערטראָגן מאנצבלשע שטימען. אט אונדזערע האָב איך

זיך נאָך ניט געריכט. איך האָב זיך גענומען אײַנהערן. א גרופּע מענטשן גייט אהער. איך בין אָפּגעגאנגען ווײַטער פון דער סטעזש־קע און זיך אוועקגעשטעלט לעבן א בוים.

— ערשט ניט לאנג, פארנאכט, האָט מען אים ניט ווײַט פון־דאנען געזען. ערגעץ דארף ער דאָ זײַן, — הער איך, ווי עמעצער זאָגט.

מינאסטאָם האָט מיט איטלעכן אמאָל געטראָפן, ווען, אין גרונט גענומען אָן קיין שום סיבע, פאלט אָפּ דיר אָן א שרעק, און פארקערט — קוילן פײַפן ארום און ארום, און דו פארגעסט אין אלץ. איך הער, ווי מע רעדט וועגן מיר, און ס'פאלט מיר אײַן, אז דאָס זײַנען פּאָליצײַען. עמעצער האָט זיי דערציילט, אז איך געפין זיך דאָ, און זיי זוכן מיך. אײַ, ווי וועלן זיי עס באנאכט אין וואלד, אין דער פינצטער מיך כאַפּן? וועגן דעם טראכט איך ניט. עפּשער איז עס געשען דערפאר, ווײַל עס איז געווען ערשט נאָך דער בלאָקירונג. טעג זײַנען געווען אָנגעשטרענגטע, די נערוון — ניט ווייניקער. און עפּשער דערפאר, ווײַל איך האָב געדרעמלט.

אוועקגיין שטילערהייט טיפער אין וואלד? גיין, אזוי טוט נאָך א פאכדן. ווען זיי זײַנען פארבײַגעגאנגען, שרײַ איך אויס: „פּאַ־ראָל!"

— לוינט אים זוכן, אז ער לאָזט צו זיך ניט צו אָן קיין פּאַ־ראָל? — דערקען איך חראָזדם שטים. — מיר האָבן דיך איבער־געשראָקן?

— יאָ.

— עס טרעפט. — דריקט ער מיך צו זיך. — מיך האָט אנומלטן באנאכט א סאָווע אָנגעשראָקן. פאַרוואָס ביסטו אליין?

איך דערצייל אים.

— ווען דו האָסט ניט בײַ מיר קיין להאָטע אלס כאווער און ווען ניט דאָס, וואָס איך האָב געמיינט, אז איך וועל דיך מער ניט טרעפן, כאפּסטו בײַ מיר א פּאָר טעג ארעסט פאר אזא זאך. און אזוי וועלן מיר עס אָפּזיצן צוזאמען אין א רעסטאָראן, ווען מיר וועלן זיך פארייניקן מיט דער רויטער ארמיי.

צום גרויסן באדויערן, איז דער טרוים ניט פארווירקלעכט גע־וואָרן. ער האָט ניט דערלעבט די גליקלעכע מינוט.

3

שוין דער צווייטער טאָג, אַז איך בין אין לאַגער. דראַוד לאָזט מיך פון זיך אָפּ קיין טריט ניט אָפּ. מיר שלאָפן צוזאַמען אין איין בעדל.

— אַנגיל זיך ניט. אַלציינס וועסטו צוריק אַזוי גיך ניט פאָרן. די לאַגע איז אַזאַ, אַז דו וועסט מינימום אַ וואָך דאָ שטעקן. מיר איז דער לאַגער שוין דערעסן, און דו קענסט גאָר ניט צוגעווינט ווערן צו אים. פאַראַן דאָך אַ סאַך נייע, וואָס דו קענסט זיי אינ־גאַנצן ניט, איז באַקען זיך מיט זיי. איין רענדעל, דער אינזשעניער, וואָס האָט די ווערט. אים קענסטו, אָבער וואָלסט זען, וואָס פאַר אַ „געשעפטלעכן" קלוב ער האָט אָרגאַניזירט. ער אַליין טאַקע איז דער פּרעזידענט פון קלוב. יעדער אָוונט קלייבט זיך צונויף אַן אַנדער סעקציע. די אָוונטן קומען פאָר בא אים אין קוזניע. פאַראַן אַפּ וואָס אַ קוק צו טאָן.

— הער, — זאָג איך אים, — איך בין דאָך דיין געהילף, און ניט בא אַלע אויסשפּירער ביז איך גשוואָנען, דערלויב, וועל איך זיך דורכפאָרן צו זיי.

—עס לוינט ניט. מאָרגן שטייט אונדז פאָר אַ שטיקל אַרבעט, וועסטו בעסער גיין מיט מיר.

אַפּ מאָרגן נאָכן פרישטיק האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. אונדז האָט מען מיטגעטיילט, אַז די דייטשן פון קאַפּוסטינאָ און באַרטשיצאַ קלייבן זיך אין די דערפער כאַפּן די יוגנט אַפּ אָפּשיקן קיין דייטשלאַנד אַפּ אַרבעט.

ווי קען מען דורכלאָזן אַזאַ מעגלעכקייט געבן זיי פעפער צו שמעקן?

סוויריד אָרגאַניזירט צוויי זאַסאַדעס. אָנפאַלן אַפּ די דייטשן דאַרף מען, איידער זיי וועלן באַווייזן עמעצן פאַרכאַפּן. נאָר גיי טו עפּעס, אַז מע זעט זיי ניט. די שטימונג פאַלט בא אַלעמען. מער פון אַלעמען נערווירן זיך די אויסשפּירער פון דעם באַצירק. דאַכט זיך, באַקומען יעדעס פון זיכערע קוועלן...

— היצט זיך ניט. — ריידן זיי אַיין אַלעמען. — היינט איז שאַבעס, פאָרן זיי נאָך פּראָדוקטן, עפשער וועלן זיי נאָך קומען.

— עפשער, עפשער, — קרימט עמעץ איבער. — פרוער דער־

וויסט מען זיך ווי נעהעריק, און דערנאָך טיילט מען מיט, אָדער מע זאָגט גלייך, אַז דאָס זיינען יעדיעס פון „אָ.ב.ס.״.

— שווייגט, — באַפוילט דראָזד. אליין איז ער אין קאָם ניט וויניקער ווי אלע. דער אָוונט דערנענטערט זיך. איצט איז שוין ניטאָ אַף וועמען צו וואַרטן. די דייטשן פאַרקלייבן זיך אין זייערע נאַרעס. נעכטיקן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין די דער־פער בודא און כוואָיניצי. אַרום האַלבער נאַכט איז אין הויף, ווו מיר האָבן גענעכטיקט, אַריינגעקומען אונדזער קאָמיסאַר.

— וואָס איז אייך באַוווּסט וועגן באַרטשיצער גאַרניזאָן, אַכוץ זייער צאָל, באַוואָפענונג, באַפעסטיקונגען? — האָט ער זיך גע־ווענדט צו דראָזדן.

— פּונקט ווי פון אלע דערפער, ווו עס שטייען גאַרניזאָנען, איז בא מיר פאַראַן א גענויע סכעמע אויך פון דעם דאָרף. דער־לויבט, וועל איך אייך ווייזן.

— מע דאַרף ניט. וואָס פאַרמאָגן זיי?

— דאָרט איז פאַראַן א גרופּע ווירטשאַפטלער, האָבן זיי סטאַ־דעס בעהיימעס.

— באַטאָג וועלן מיר זיי קענען צונעמען?

— יאָ.

— און דאָס, וואָס מאָרגן איז זונטיק, שטערט ניט?

— פאַרקערט. א סאך פון זיי וועלן הוליען און שיקערן.

— איך מיין אויך אַזוי. דאַרף מען אַן אַרבעט טאָן, אַלץ אויס־קלאָרן, מיר זאָלן ניט פאַרכאַפּן קיין סטאַדע, וואָס געהער צו די פּויערים. מיר וועלן זיך לאָזן אין וועג פאַרטאָג, איר — אין א שאָ אַרום. מיט דעם מאַרשרוט, — ווייזט ער אָן אַף דער קאַרטע, — וועט איר אונדז שיקן א מיטיילונג, אַניט קענען מיר זיך אויסמיידן. זעט, זיכערט די אָפּעראַציע, ווייל עס קומט אויס, אַז מיר זיינען גע־קומען אהער אומזיסט. א גליקלעכן וועג.

4

אָלגאַ קאַליינווואַ, אָדער די קליינע אָליאַ, ווי מיר פלעגן זי רופן, איז אַן אויסשפּירערן מיט א היפּשן סטאַזש. איר איז אינגאַנצן זיבעצן יאָר, נאָר וויפל צאָרעס איז זי שוין אויסגעשטאַנען.

אינעמ באשולדיקונגס־אקט קעגנ די דײַטשישע הויפּט־פאר־ברעכער ווערט דערמאָנט וועגנ דעמ דאָרפ בארקי, ווו די פאשיסטנ האָבנ לעבעדיקערהייט פארברענט די באפעלקערונג.

טאקע פונ אָט דעמ דאָרפ בארקי שטאמט זי. דאָרט האָבנ די דײַטשנ פארניכטעט אירע עלטערנ, שוועסטער, ברידער, פרײַנט, כאווייריմ. זי האָט זיכ געראטעוועט אלפּי צופאל. איינע אליינ האָט זי ארומגעבלאָנקעט פונ דאָרפ צו דאָרפ, ווי א לעבעדיקער איידעס פונ דעמ גרויסנ פארברעכנ, וואָס די דײַטשנ זײַנענ באגאנגענ. זי האָט איר יונגנ נעפינענ. א ביקס האָט זי זיכ אליינ אינ שלאכט געקראָגנ. פלעגט זי זיכ ארופכאפּנ רײַטנדיק אפ א פערד, האָט נאָר איינ מעשײַקא זי געקענט דעריאָגנ. אָפט פלעגט זי פארפאלנ ווערנ אפ וואָכנ גאנצע. דאָס האָט זי זיכ געלאָזט איבערפילנ א ספּעציעלע אופגאבע. א דארינקע אונ א פלינקע, אינעמ קורצנ קליידעלע מיט די דינע צעפּלעכ, האָט זי אויסגעזענ ווי א שילערנ. שאָענ נאָכאנאנד האָט אָליא געקענט ליגנ אינ ביידל באמ שײַטער, פארריסנ דעמ קאָפּ צומ הימל, אונ שווײַגנ. נאָר קוימ האָט זי זיכ שוינ צערעדט, איז שווער געוועזנ זי אײַנהאלטנ. גערעדט האָט זי גיכ, ווי זי זאָל מוירע האָבנ, אז עמעצער וועט זי ניט לאָזנ דעמ געדאנק פארענדיקנ. א געלעכטער איז בא איר געוועזנ א פריילע־כער אונ אָנשטעקנדיקער.

דראָזד האָט זי ליב געהאט. איכ האָב עס באמערקט. ער האָט עס מיר אליינ בעסאָד איינמאָל דערציילט:

— אָט וועט זיכ ענדיקנ די מילכאָמע, וועל איכ זיכ באמיִענ אינ א מיליטערישער אקאדעמיע אָנקומענ. אָליא וועט זיכ אינ א מיטלשול לערנענ, דו וועסט אפ אונדזער כאסענע קומענ.

— האָסט ניט מוירע פאר קיינ קאָנקורענטנ?

— ניינ. דאָס איז בא אונדז שוינ אנ אָפגערעדטע זאכ.

— איז מאזלטאָוו.

— דערווײַל שווײַג.

— פאראנ — שווײַגנ.

מיר — קאליײַעווא, יעראָכינ אונ איכ — ליגנ באמ ברעג וואלד אונ קוקנ זיכ אײַנ, וואָס אינ בארטשיצע קומט פאָר. אינ בינאָקל זעט מענ אלצ ווי אפ דער דלאָניע. אנטקעגנ אונדז איז א ווינט־מיל, באמ סאמע דאכ — א מינ גאנעקל. דאָרט שטייט א דײַטש אונ

האלט אין איין אויסקוקן, וואָס ארום טוט זיך. אָט האָט זיך עמעצ צו אים אופגעהויבן. ער לאָזט זיך אראָפּ.

— קאָמאנדיר, עמעס, ער קען אונדז שטערן?

— דארף מען זיך פירן אזוי, ער זאָל ניט קענען.

— אָבער בעסער וועט זיין, ער זאָל ניט סטארטשען ווי א לאמטערן? — פרעגט אָליא.

פון איר נאַוווקייט האָב איך זיך צעשמייכלט.

— פארשטייט זיך.

— איז דערלויבט, וועל איך נעמען בא זארעצקין זיין אָפּטישן אָנצילער, און כ'וועל דעם דייטש פון דאָרט אראָפּנעמען.

— און אויב ניט?

— איז זאָל זארעצקי שיסן, ער איז דאָך א סנייפּער. נאָר איך וואָלט אים אויך אראָפּגענומען, און טאקע פונדאנען.

זי האָט פארזשמורעט דאָס לינקע אויג, צוגעדריקט די ביקס צום אקסל. זי האָט שוין אויסגעשטרעקט דעם פינגער אָנצוקוועטשן דאָס אראָפּלאָז־צינגל.

— שטיי, — האָב איך זי פאר דער האנט אָנגעכאפּט, — קענסט נאָך אפּנעמען אויסשיסן.

— איז דערלויבט איר מיר?

— נאָר ניט איצט. אָט ווען די סטאדעס וועלן שוין זיין אין וואלד, בא אונדז אין די הענט, דאן פּרוּוו, נאָר בייט דיין ביקס אף א סנייפּערשער.

דאָס איז איר געפעלן.

— און איצט ווייסט איר, וואָס איך מיין? זאָל יעראָכין נעמען מיין ביקס, און איך וועל זיך צוכאפּן אין דאָרפ. איר זעט, אפילע א פּאטשיילע א יאָמטעוודיקע האָב איך מיט זיך מיטגענומען. אלצ וועל איך אויסקלאָרן, און דערצו וועל איך אויסקוקן, וואזוי בעסער צו שיסן.

— וואַרט. איצט איז נאָך פרי. צונאכט גייט מען שפּעטער. און ווי וועט עס יעראָכין מיט צוויי ביקסן בלייבן? ער איז דאָך ניט אין לאגער.

עס איז צוגעקומען דראָזד מיט זארעצקין.

— אָליא וויל גיין אין דאָרף.

— און דו ווי מיינסט?

— זי שיקן.

— איז שיק.

— און איר ביקס?

— ווײַז אהער, איך האָב בא זיך נאָר דעם פּיסטאָלעט.

ער לייגט זיך לעבן מיר, נעמט מײַן בינאָקל, זײַנס איז אַנ־ערגעדם — און קוקט איר נאָך.

— פאַרוואָס גייט זי אַזוי לאַנגזאַם? — פרעג איך.

— זי קלײַבט צונויף פעלד־בלומען. זעסט, — ווײַזט ער מיר אָן, — נאָך א פּרוּוו גייט ניט ווײַט פון איר צום דאָרף צו. דאָס איז בעסער.

דראָזד, ווען ער נערווירט זיך, נעמט ער קײַען, וואָס עס מאַכט זיך אונטער דער האַנט: א שוועבעלע, א שטיקל פּאַפּיר, פּאַר א נויט גאָר א נאָגל. גוט, וואָס עס איז זומער און גראָזן שמעקנדיקע און צאַרטע קריכן דיר אַליין אין מויל, איז בײַסט ער זיך אַרײַן אין א שטענגל מיט די פּערל־ווײַסע ציינער און פאַרהאַלט פון אָנ־שטרענגונג יעדעס מאָל דעם אָטעם. פאַרויס אונדז איז א ברייטע לאָנקע. זי שפּרייט זיך ביז צו די סאַמע גערטנער. עס איז שוין נאָך נײַן. עטלעכע סטאַדעס פּאַשען זיך. זיי זײַנען נאָר ווײַט פון אונדז, זיי שטייען אָבער מיט די קעפּ צום וואַלד. מעגלעך, אַז שפּעטער וועלן זיי זיך דערנענטערן. צוויי יאַטעלעך פּאַשען גענדז. אויב דו קוקסט ניט אין בינאָקל, זעט אויס די טשאַטע גענדז, ווי א ווײַסער לײַלעך. דורכן פאַרגרעסער־גלאָז זעען אויס זייערע שנאָב־לען, ווי רויטער מאָן.

יעראָכין האָט זיך פאַרקליבן אַף א הויכן בוים.

— זי גייט, — זאָגט ער אונדז דער ערשטער אָן.

— זאָג, — ווענד איך זיך שטילערהייט צו דראָזדן. — ווען מיט איר טרעפט עפּעס, וואָלסטו געוווּנ אַף מיר אין קאַס?

ער האָט זי באַמערקט און נעמט פון איר קיין אויג ניט אַראָפּ. פּונקט אַזוי שטיל טוט ער א זאָג:

— ניין.

דראָזד וועט קיין ליגן ניט זאָגן.

זי גייט מיטן וועג, וואָס פירט אין וואַלד, וועלכער איז א מעטער הונדערט רעכטס פון אונדז. יעראָכין פון בוים ראַפּאָרטירט:

— דער דײַטש, וואָס אַפֿ דער ווינטמיל, קוקט איר, דאַכט זיך, נאָך.

— מילע. איצט איז עס ניט געפערלעך. זאָל ער קוקן, ביז זײַנע אויגן זײַנען אַפּן. זע בעסער, ער זאָל דיך, קוקו, ניט באַמערקן, ווײַל דאַן קענ ערגער זײַן.

אָליא איז צוגעגאַנגען, אָפגעטראָטן איין שפאַן אַפֿ לינקס און מיט אַלע פּישטשעווקעס, ווי אַ מיליטערמאַן, געווענדט זיך צו דראָזדן:

— באַוועג קאָמאַנדיר, דערלויבט זיך ווענדן צו אײַער געהילפֿ.

בײַ אַלע אומשטענדן פּלעגט הראָזד פֿאַרלאַנגען, מע זאָל זיך ווענדן צו אים, ראַפּאָרטירן, צוגיין און אָוועקגיין, ווי עס פאָדערט דער מיליטער־סטאַטוט.

— ווענדעט זיך, — האָט ער מיט אַ קוים מערקבאַרן שמייכל געענטפערט.

אָליא האָט אונדז מיטגעטיילט:

דער גרעסטער טייל דײַטשן זײַנען זיך צעגאַנגען איבער די הײַזער. מע שיקערט, אַז עס גייט אַ רויך. די דאָרפֿישע סטאַדע איז די, וואָס איז נעענטער צום וואַלד. די פּויערים ווייסן, אַז זיי האָבן ניט פֿאַר וועמען מוירע צו האָבן. יעדע סטאַדע פּאַשען צוויי מענטשן, ציווילע.

וועגן דעם אַלעם האָבן מיר גלײַך צו וויסן געגעבן אין שטאַב.

5

דער שעף פֿון שטאַב קאַפּיטאַן איגנאַטענקאָ ליינט דעם באַפעל: די ערשטע ראָטע פֿאַרמאַסקירט זיך באַם ברעג וואַלד. די דײַטשן וועלן זיך פּרוּוון אונדז נאָכיאָגן, איז ווײַטער ווי ביזן וואַלד זיי ניט לאָזן, אונדזערע זאָלן באַווײַזן אָפּגיין עטלעכע קילאָמעטער. טרײַבן וועלן די סטאַדעס די ווירטשאַפֿטלער, אָפּהיטן זיי וועט די צווייטע ראָטע. ער באַפֿעלט זיך אופֿירן אַזוי, אַז פֿון דאָרף זאָל אונדז קיינער ניט באַמערקן.

די בעהיימעס זײַנען שוין גאָר נאָענט צום וואַלד. ערגער איז מיט די באַזיירים. עטלעכע הונדערט שטיק געפֿינען זיך אַן ערעב אַפֿ האַלב וועג צווישן וואַלד און דאָרף. אהין מיט קיין ביקס

טאָר מען זיכ ניט לאָזנ, ווײַל דער פּריץ, וואָס אפ דער ווינטמיל, וועט אומבאַדינגט באַמערקנ.

— מיידלעכ, — ווענדט זיכ דער שעפ פונ שטאַב, — ווער פונ אײַכ וויל פרײַוויליק צוגיינ אַהינ אונ א „בעט טאָג" די פּאַס־טעכער, זיי זאָלנ די כאַזיירים אינ וואַלד פאַרטרײַבנ?

— איכ.

— איכ.

— מיר אײַדרײַען.

— אַזויפיל דאַרפ מענ ניט.

— כאַווער נאַטשאַלניק, — ווענדט זיכ צו אים וואַניא אָרעש־קאָ, דער זעלבער, וואָס האָט אָנשטאָט זאַלצ געבראַכט פונ מאָר־כאָוויטשער גאַרניזאָנ דעמ שפּיאָנ מאַלקעוויטשנ, — פונדערווײַטנ וועלנ זיי ניט דערקענענ, צי איכ בינ א פרוי צי ניט. דערלויבט מיר אָנטאָנ א קלײדל, א פאַטשײלע אונ גיט מיר נאָכ עמעצנ. זאָרגט ניט, אַלצ וועט זײַנ אינ בעסטער אָרדענונג.

— גוט, מיט דיר וועט גיינ אַניא סאָלטאַנ. זי האָט די ערשטע זיכ געבעטנ.

— אָט, איר זעט, איינס, צוויי אונ פאַרטיק. יאָ. גיט אַהער א פּאָר גראַנאַטעס. מעגלעכ, אַז עס וועט אויסקומענ ווערנ אויס פרוי אונ ווידער מאַנצבל, קענענ זיי צוניץ קומענ.

ביידע פּאַרוקנ אינ די קלײדלעכ פּיסטאָלעטנ.

וואַניא אונ אַניא גייענ פּאַמעלעכ, ניט געײַלט, צומ דאָרפ. זיי האַלטנ זיכ בא די הענט, קנאַקנ קערלעכ, לאַכנ. אַניא איז א בלאָנ־דע, א פולע פרוי. שוינ העכער א יאָר, ווי זי פּאַרטיזאַנעוועט. אירע קינדער זײַנענ בא ווײַטע קרוויים. די צוויי צעפּ זײַנענ בא איר מיידלש אַראָפּגעלאָזט. וואַניא אינ דער פאַטשײלע זעט אויס מער דאָרפיש.

— זיי זײַנענ גרויסאַרטיק, — רײַבט עמעצער א האַנט אינ א האַנט.

עטלעכע מיידלעכ וואַרטנ. ווענ די סטאַרע וועט זיכ דערנעענ־טערנ, וועלנ זיי אַרויסלויפנ פאַרטרײַבנ די בעהיימעס.

יעראָכינע אפנ בוימ האָט פאַרביטנ קאַלײַעוואַ. בא איר איז שוינ זאַרעצקיס ביקס. זי זאָגט אונדז אָנ:

— זיי ריידנ מיט די פּאַסטעכער. אַכטונג. זיי טרײַבנ.

דראָזד שפּאסט:

— זייער דיפּלאָמאטישע מיסיע האָבנ זיי אויסגעפירט.

ווענ צומ וואלד בלײַבט ניט מער ווי א מעטער אכציק, שיסט עטלעכע מאָל אוים דער דײַטש, וואָס אפ דער ווינט־מיל. א רויטע ראקעטע רײַסט זיכ אופ איגדערלופטנ אונ צעשיט זיכ אינ א קראנצ פונקענ.

סוויריד באפּעלט:

— ווירטשאפטלער, פאָרויס! טרײַבט גיכער די בעהיימעס.

אָליא פרעגט זיכ נאָכ:

— איצט מעג איכ אימ אראָפּנעמענ? ער קענ נאָכ אראָפּגייג.

— ניינ.

אינ דאָרפ איז א טומל, א יאָגערײַ. א פּאָר צענדליק דײַטשנ אײַלנ אהער צופוס. עטלעכע וועלאָסיפּעדיסטנ יאָגנ זיי איבער. ווענ זיי דערנענטערנ זיכ, באגעגענענ זיי אונדזערע קוילנוואָרפער. די דײַטשנ פאלנ אינ איינ זײַט, די מאשינעס — אינ א צווייטער. די פוסגייער מאכנ פליטע.

עס דערהערט זיכ אנ איינציקער שאָס. דאָס האָט זיכ קאלײַעווא דערוואָרט.

— קריכ אראָפּ! — שרײַט איר דראָזד.

די דײַטשנ באשיסנ דעמ וואלד. מינעס רײַסנ זיכ, קוילנ פײַפנ.

— אינ וועג ארײַנ! — איז דער באפעל. די ערשטע ראָטע באוועגט זיכ לאנגזאמ. זי איז די פאָרהיטונג פונעמ טיל.

איינער פונ א סאכ

1

צי ווייסט איר, ווי מע צעלייגט א פײַער אינ וואלד, ווענ מע האָט ניט קיינ שוועבעלעכ? געווים וועט איר זיכ דערמאָנענ אינ דעמ, וואָס איר האָט געלייענט אָדער געהערט וועגנ מענטשנ פונ די אוראלטע צײַטנ, אונ איר וועט זאָגנ: מע רײַבט אזוי לאנג א שטיינ אינ א שטיינ, ביז מע באקומט א פונק. פרײַנט מײַנע, אויב מיט אײַכ וועט אמאָל טרעפנ עפּעס ענלעכס, ווי מיט מיר, ווענ איכ האָב איינער אלייג

באנאכט, נאָכ א שלאָקסרעגנ, פארבלאָנדזשעט אינ וואלד, — קאלט איז מיר געוועג, אז ס'האָט מיר געקלאפט א צאָנ אָנ א צאָנ, נאָענט האָט א וואָלפ זיכ צעוואָיעט, אז א גרויל איז אָנגעפאלנ, — אויב מיט אייכ וועט אזוינס טרעפנ, זאָלט איר ניט לייגנ קיינ גרויסע האָפענונגענ אפ קיינ שטיינער. פונ מיינ פראקטיק ווייס איכ, אז גיכער וועט דער טאָג אָנקומענ, איידער איר וועט אפ אזא מינ אויפנ ליכט אונ ווארעמקייט ארויסבאקומענ. דערצו פארגעסט ניט, אז אינ די ווייסרוסישע וועלדער איז גאָר ניט אזוי לייכט צו געפינענ א שטיינ.

איכ האָב געאיילט זיכ דערקלייבנ אינ א דאָרפ, ווו מיינע אויסשפירער האָבנ געווארט אפ מיר. מיט פארבונדענע אויגנ וואָלט איכ דאָ, דאכט זיכ, דעם וועג געפונענ. ניט נאָר איכ, אפילע מיינ פערד האָט דאָ יעדער סטעזשקעלע געוווּסט. אונ אָט שלעפ איכ זיכ שוינ מער ווי א שאָ, ווענ דער גאנצער מעהאלעכ איז אָנדערהאלבנ קילאָמעטער. וואָס איז געשענ?

ווענ איכ לאָז מיינ פערד גיינ, ווי אים ווילט זיכ, וואָלט איכ שוינ זיכער געווענ אינ דאָרפ. ביינ אויכ אָבער אפ אים אינ קאס גערוואָרנ דערפאר, וואָס א נאכט-פויגל האָט אים איבערגעשראָקנ, אונ ער האָט זיכ א ריס געטאָנ אינ א זייט. איכ האָב אים דערלאנגט א שמיצ אונ גענומענ קערעווענ דאָס אפ רעכטס, דאָס אפ לינקס.

ווענ איכ האָב דערנאָכ מיינ שטומענ פרײנט פרייהייט געגעבנ, האָט ער זיכ שוינ נאָכ מער פונ מיר פארפלאָנטערט.

וואָס געדיכטער דער וואלד איז, אלצ פינצטערער ווערט. פארטשעפע איכ מיטנ קאָפ אָדער מיטנ אקסל פאר א צווייג, איז ווייניק וואָס איכ פיל א וווייטעק, הייבנ נאָכ אָנ צו טריפנ אפ מיר קאלטע טראָפנס.

איכ שטעל אָפ מיינ פערד. אלציינס וועל איכ אינ דער פינצטער דעם וועג ניט געפינענ, אונ מע קאָנ זיכ פארקלייבנ דער רועכ ווייסט וווהינ.

זיצנדיק אפנ זאָטל, בייג איכ אָנ דעם קאָפ צו דער גריווע פונעם פערד, אזוי טוט אָבער ווי דער רוקנ אונ ס'איז קאלט. איכ גיי אראָפ, מאכ עטלעכע טריט הינ אונ צוריק אונ שפאר זיכ אָנ אינעם פערד. אינ פלייצע ווערט ווארעם. נאָר אינ אלע איבעריקע אייוורים איז מיר קאלט. אינ די פיס איז נאס.

איכ שנייד אָנ מיט מיינ מעסערל קאָרע פונ דער בערעזע, לעבנ

וועלכער איכ שטײ, ברעכ אָנ אונ קלײַב צונויפ צווײַגנ. אײנס פעלט מיר: א שוועבעלע. שוינ צום וויפלטנ מאָל רוק איכ די האנט אינ דער זעלבער קעשענע. ניטאָ קײנ שוועבעלע. וואָס טוט מענ?

מײַנ פערד הייבט אופ דעמ קאָפ. עס איז מיט עפּעס באומרויקט. איכ בינד עס צו צומ בוימ. צוויי פײַערלעכ טוענ א פינקל אינ דער נאכט־פינצטערקײַט. באלד גיסנ זײ זיכ צונויפ אונ מע זעט נאָר אײנס, דערנאָכ פארשווינדנ זײ אינגאנצנ. דאָס איז א וואָלפ. איכ שיס אויס. מער באווײַזנ זײ זיכ ניט, די פײַערלעכ. דער וואָלפ צעוואָיעט זיכ אָבער אזוי קלאָגעדיק, הילכיק אונ צעצויגנ, פונקט ער זאָל סײַ בעטנ, סײַ דראָענ: „נו, לאָזט, וועל איכ אָנפאלנ אפ אײַכ. איכ בינ הונגעריק. איכ וועל ניט אָפּטרעטנ פונדאנענ"... אזוי האָבנ וועלפ אמאָל אינ א ווינטערדיקער נאכט אונדזער לאגער אינ אוסאקינער וואלד ארומגערינגלט, אונ וויפל מיר האָבנ ניט געשאָסנ, האָבנ זײ דאָכ בײַזנ אָנקומ פונ טאָג געוואָיעט.

איז ווי צעלײגט מענ דאָכ א שײַטער?

אינ קעשענע בא מיר ליגט א צינד־מאשינקע. נאָר שוינ לאנג ווי דאָס שטײנדעלע איז אויסגעריבנ אונ די וואטע איז טרוקנ, אָנ א טראָפּנ בענזינ. איכ שלעפּ ארויס די וואטע אונ לײג זי אפ דער קאָ־רע. איכ גיב צו א פויל שטיקל האָלצ, וואָס איכ קאלופּע ארויס פונ אַנ אלטנ פניאָק. דאָס פוילע האָלצ לויכט אונ ווײַזט אָנ דאָס אָרט, ווו מײַנ קלײנער שײַטער געפינט זיכ. פונ עטלעכע פאטראָנענ שלעפּ איכ ארויס די קוילנ אונ שיט אויס דעמ פולווער אפ דער וואטע. מיט אײנ האנט האלט איכ צו דאָס פערד באמ צײַמל, עס זאָל זיכ ניט שרעקנ, אינ דער צווייטער איז דער פיסטאָלעט. איכ ציל אהינ, ווו עס ליגט דאָס שטיקל האָלצ אונ לײַכט ווי פאָספאָר.

דאָס פײַער, וואָס גיט א זעצ פונ דער פיסטאָלעטנ־רער, צווינגט מיכ אפ א ווײַלע פארזשמורענ די אויגנ. עס דערהערנ זיכ קלאַנגענ, ווי פונ קערלעכ, ווענ מע בראָט זײ. עס צינדט זיכ אָנ אײנ קערנדל פולווער, דערנאָכ — א צווייטס, גאָר פונ אנ אנדער זײַט — א דריטס, דערנאָכ אלע מיטאמאָל, ווײַטער — די וואטע, פונ וועלכער ניט דער גאנצער בענזינ האָט זיכ, אפּאָנעמ, אויסגעוועפּט. דערנאָכ — די קאָרע. זי ברענט אונ דרייט זיכ צונויפ, קאָרטשעט זיכ, ווי אינ קאָנ־ווולסיע. אָט האָט זיכ אָנגעכאפּט א צווײַגעלע, אפ א ווײַלע אפילע זיכ צעברענט, נאָר באלד ווידער פארלאָשנ געוואָרנ. מײלע, א פארטי־

זאגער דארף מען ניט לערנען, ווי א שטעטער צו צעליגן. האָב איך נאָר א פונק באַקומען, וועט שוין א פײַער זײַן.

עס איז ליכטיק און ווארעם געוואָרן. ערשט איצט זעט מען, ווי פינצטער עס איז ארום. פון פערד זעצט א פארע, אָבער נאָר פון איין זײַט, פון דער, וואָס איז נעענטער צום שטעטער.

דער וואָלד איז אָפּגעטראָטן. ער האָט נאָך געוואָיעט, אפילע, דאכט זיך, מער קלאָגעוודיק, ווי פריער, אָבער שוין גאנץ ווײַט, ענדלעך, איז ער שטיל געוואָרן.

נאָר אין אזעלכע מינוטן דערוויסט מען זיך דעם עמעסן ווערט פון פײַער.

איידער עס האָט אָנגעהויבן שארוען, אָפ טאָג, איז קעלטער גע-וואָרן. איך בין אופגעשטאנען פון מײַן געלעגער. מער וועל איך זיך ניט לייגן. איך קלײַב צונויף צווײַגן און ווארף זיי אין שטעטער. „נא, — טראכט איך, — דאָס איז דײַן לעצטע שפּײַז". עס טאָגט. איצט דארף איך זיך נאָר צו דער ערשטער ליגייקע דערקלײַבן. וועל איך דעמלט פעסטשטעלן, אָפ וועלכן קוואדראט איך געפין זיך. און דאָס איז פאר מיר דאָס זעלבע, ווי געפינען דעם נייטיקן וועג.

מײַן פערד איז אויסגעהונגערט. אים איז קאלט, רײַסט עס זיך פאָרויס.

איך בין געקומען צו דער צײַט. מײַנע באוויירים זעצן זיך צום טיש פרישטיק עסן.

— מער וועט איר בא מיר אליין ניט פאָרן, — וואָרנט מיך טשײַקא, — איר זײַט זיך רויק געשלאָפן, און איך בין באנאכט אײַך געפאָרן זוכן.

2

באטאָג איז געקומען וולאסיוק מיט זײַן גרופּע.

— ווּהין? — פרעג איך בא אים.

— קיין זעליאָנקע, וואָס לעבן דער שטאָט.

איך דארף אויך אין יענער ריכטונג, ריידן מיר זיך צונויף אין אוונט גיין צוזאמען.

וולאסיוקס פארטרעטער, וואָלאָדיא וואשוקעוויטש, איז פון א דאָרף, דורך וועלכן מיר דארפן דורכגיין. בעט ער בא אונדז, מיר

זאָלן אָפּ א ווײַלע צו אים אהיים זיך אָרײַנכאַפּן. מיר וואָלטן אָן איבעריקע רייד אײַנגעזאָגט, נאָר בײַ וואָלאָדיען איז א היים ניט ווי בײַ אַנדערע פּאַרטיזאַנער. זײַן שטיף־פאָטער איז א פּאָליצײַ אין שכיינעסדיקן גאַרניזאָן. מײַנט אָבער ניט, אַז ווען זיי זאָלן זיך באַגעגענען, וואָלטן זיי זיך געוואָרפן שלאָגן איינער דעם אַנדערן. ניין, זיי האָבן זיך שוין ניט איין מאָל באַגעגנט און, ווי די בעסטע גוטע־פרײַנט, זיך צעגאַנגען. קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר א „פּאָליצײַ" זײַן שטיף־פאָטער איז. פאָרמעל איז ער אין דינסט בײַ די דײַטשן, ווײַל אַזוי פאָדערט אונדזער זאַך. קלאָר, אַז וועגן דעם ווייסן נאָר געציילטע מענטשן.

אין פענצטער קלאַפּט אָן וואָלאָסיוק. וואָלאָדיעס מאַמע עפנט. אַרײַנגייען מיר אַרײַן אין שטוב: וואָלאָסיוק, וואָלאָדיא און איך. זי האָט אונדז געוויס דערקענט. נאָר זי באַגריסט זיך ניט מיט אונדז. ביז וואַנען זי געפינט א שוועבעלע אָן אָנצינדן פײַער, שטופּ איך וואָלאָדיען צוריק צו דער טיר, און שעפּטשע אים:

— גיי אַרויס. אויב מע וועט מעגן, וועסטו דערנאָך אַרײַנקומען.

ער פאָלגט ניט.

א פּאָר פעב־שפּענער אָפּן אייוועלע באַלײַכטן די שטוב. וואָלאָסיוק פרעגט שטרענג:

— בײַ אײַך זײַנען קיין פרעמדע ניטאָ?

די מוטער שווײַגט.

— ענטפער, — שרײַט ער אויף איר, — מיסטאָמע האָסטו ערגעץ דײַן מאַן באַהאַלטן.

— טײַערינקע, — בעט זי זיך בײַ אונדז. — דער מאַן קומט ניט אַהער. עס געפינען זיך בײַ מיר צוויי פרעמדע פרויען. איך אַליין קען זיי ניט. זיי האָבן געבעטן, האָב איך זיי אויף באַנאַכט אַרײַנגעלאָזט.

ווידער שרײַט אויף איר וואָלאָסיוק.

— גאָט מײַנער, — ברעכט זי די הענט, — ווי נאָר די דײַטשן קומען אין דאָרף, מוטשען זיי מיך. „דײַן זון, — שרײַען זיי, — איז א פּאַרטיזאַן". איר זײַט געקומען, שרײַט איר אויך אויף מיר, ווײַל מײַן מאַן איז א פּאָליצײַ. איז וואָס קען איך, אַן אָרעמע פרוי מיט קליינע קינדער, טאָן? הערן זיי דען מיך? פרעגן זיי דען בײַ מיר, מיט וועלכן וועג צו גיין?

אויב פריער האָט מיך געשטיקט דער געלעכטער, האָב איך איצט זיך ערנסט פאַרטראַכט, ווי שווער עס איז דער מוטער. וולאַסיוק איז אַנשווינג געוואָרן, האָט וואָלאָדיא פאַרגעזעצט:

— נאָר ניט געוויינט. אַז דו האָסט אַ מאַן אַ פּאָליצײַ, ווייסן אַלע. נאָר אַז הײַנג זון איז אַ פּאַרטיזאַן, ווייסן מיר ניט. עפּעס האָבן מיר וועגן אַזעלכן ניט געהערט. נעמ פּײַער, — האָט ער איר גע־הייסן, — וועלן מיר אײַנ פּאַדערהויז און נאָך ערגעץ־ווו אַ קוק טאָן. אונדז איז באַוווּסט, אַז דײַן מאַן געבטיקט דאָ.

וואָלאָדיא, זײַן מוטער און וולאַסיוק זײַנען פון שטוב אַרויס. איך בין געבליבן. אַזוי וועט זיכערער זײַן. לאַנג „זוכן" זיי, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. ווידער האָט זיך אַ טומל דערהערט. עס האָט זיך דערהערט אַ טראַסק, מיסטאָמע האָבן זיי עפּעס צעבראָכן. איך האָב אופגעעפנט די טיר און אָנגעשריגן אַף זיי:

— געננוג, לאָזט זי צורו. אָט וועט איר מאַן וועט זיך צו אונדז אַרײַנכאַפּן, וועלן מיר זיך מיט אים „צערעכענען"...

זי האָט זיך מיר גענומען קלאָגן:

—אַ טעפּל צעבראָכן, אַ שויב אויסגעזעצט.

— גוט האָבן זיי געטאָן, — האָב איך געענטפערט. — קענסט זיך מאָרגן דעם הײַטשישן קאָמענדאַנט קלאָגן אַף אונדז. זאָל ער ווייסן, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס ער האָט אַזא געטרײַען „קנעכט" ווי דײַן מאַן.

זי האָט געשוויגן. דער קאָמענדאַנט איזדיעקעוועט זיך ניט ווייניק איבער איר מאַן. אויב אים איז באַוווּסט, אַז וואָלאָדיא איז אַ פּאַרטיזאַן.

— קומט, — האָט וולאַסיוק פאַרגעלייגט.

מיר זײַנען אַוועקגעגאַנגען. אונדזערע וועגן האָבן זיך צעשיידט. מיר האָבן אָפּגערעדט אַף מאָרגן באַנאַכט זיך ווידער טרעפן און צוזאַמען זיך אומקערן.

וולאַסיוק מיט זײַן גרופּע זײַנען געקומען אופגערודערטע. עס איז געשען אַן אומגליק. אַף צוריקוועגס פון זעליאַנקע האָט מען זיי באַשאָסן און געהאַרגעט איינעם פון די פּאַרטיזאַנער — דעם קוילן־וואַרפער וואַניאַ פּעטרושאַ.

וולאסיוק מיט זײַנע יאַטן האָבן זיך אָפּ אַ צײַט פֿאַרהאַלטן אײ־נעם ראַיאָן, ווו איך האָב זיך געפֿונען. איך האָב זיך נעענטער צו־געקוקט צו זײַנע מענטשן און באַזונדערס צום סאַמע שטילן, צום קליינוווּקסיקן און דאַרן פּוקסיק.

3

זײַן פֿאַמיליע איז געווען פּוקס, נאָר געוואָרפֿן האָבן אים אַלע פּוק־סיק. כּלל־כּלל ניט דערפֿאַר, ווײַל אין זײַן אויפֿירונג איז געווען עפּעס ענלעכס צו אַ פּיקסל. אַ קליינינקער, שוואַרצינקער און דאַרער, האָט ער געקענט שאָענווײַז זיצן און מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויס־ריידן. אין דער פֿרײַער צײַט פֿלעגט ער רייניקן זײַן ביקס.

— אונדזער פּוקסיק, — פֿלעגן כאַווירים לאַכן פֿון אים, — וועט אײַנגיכן אויסרײַבן אַ לעכל אין ביקס, און מײַנט איר ווו? דאַפֿקע אין אונטערשטיק פֿון רער, ווו דאָס אײַזן איז גרעבער ווי אומעטום. קוקט נאָר, ווי ער האַלט עס אין איין רײַבן.

וואָס מע האָט אים ניט געזאָגט, וויאַזוי מע איז זיך מיט אים ניט באַגאַנגען, האָט מען אים פֿון געדולד אַרויספֿירן ניט געקענט.

— וואָס בייגסטו עס אַזוי דעם קאָפּ פֿאַר אַלעמען? — האָב איך אים איינמאָל געזאָגט. — שוין באַלד צוויי יאָר, ווי דו ביסט אין אָטריאַד געקומען, און האַלטסט זיך, ווי אַ נײַינקער אָדער גאָר אַ פֿרעמדער.

— מיך באַליידיקט דען עמעצער? — האָט ער געענטפֿערט רויק.

די קאָמאַנדירן זײַנען געווען צופֿרידן מיט פּוקסיקן. עמעס, אַליין וועט ער קיינמאָל גאָרניט צוטראַכטן. נאָר פֿאַרלאָזן זיך אָפּ אים קאָן מען. באַפֿוילט מען אים עפּעס, וועט ער עס אומבאַדינגט אויס־פֿילן, ווי שווער עס זאָל ניט זײַן. ניט געווען קיין פֿאַל, ער זאָל זיך פֿון אַ וועלכער־ניט־איז אַרבעט אָדער אויפֿגאַבע אָפּזאָגן. זײַן זאַך איז אויסהערן, איבערכאַזערן — און אויספֿילן.

עס איז שוין לײַכט זיך פֿאָרשטעלן, אַז קיין איבערקלײַבער אָפּ שפּײַז און קליידער איז ער ניט געווען. אַגעוו, איז עס אין אונדזערע באַדינגונגען ביכלאַל געווען אומעגלעך. ער איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרץ־געפֿאַרבטע הויזן און אַ גרוי אויבערהעמדל, וואָס איז זיך

שוין אף שטיקלעך צעקראָכן, נאָר א בושלאָט האָט ער געהאַט א גוטן, א מיליטערישן.

— זע, — האָב איך אים איינמאָל געזאָגט, — קימאַט קיינער גייט דאָך ניט אַזוי אָפּגעריסן, ווי דו. צי דען קענסטו זיך קיין העמדל אָדער קיין דייטשיש רעקל ניט קריגן?

— בא ציווילע ווילט זיך ניט נעמען, און קיין פריציש וועל איך ניט אָנטאָן.

— נאַרישקייטן.

—איך ווייס, נאָר איך וועל ניט אָנטאָן.

איך האָב זיך איבערצייגט, אַז אים איבערשפאַרן איז אומעגלעך. האָב איך אים געהייסן זיינע זאַכן פארלאָטען. אַזוי האָט ער געטאָן, פונקט מיט דער זעלבער גרייטקייט, ווי ער האָט אויסגעפילט יעדן באַפעל פון א קאָמאַנדיר.

איינמאָל האָבן מיר פאַנאַנדערגעטיילט פאַרשיידענע זאַכן — טראָפייען, וואָס מיר האָבן פאַרכאַפּט.

— און דו, אין וואָס נייטיקסטו זיך? — האָב איך בא אים געפרעגט.

— אָט ליגן באַוועלעך, גיט מיר, אויב איר קענט. א נאָדל האָב איך, און קיין באַוול — ניט.

„אַן עכטער באַנציע שווייגן" — האָב איך פאַר זיך א טראַכט געטאָן, א וואונדער נאָר, ווי קומט אין אונדזער צייט א יונגער באָכער— אַזא מין טיפּ. כאָטש אויב זיך בעסער אריינטראַכטן, איז דער וואונדער שוין גאָר ניט אַזוי גרויס.

אַלייך איז ער פון קרים. ערגעץ אין א ייִדישער קאָלאָניע האָבן דאָרט זיינע עלטערן געוווינט. נאָענט איז א טאָטעריש דאָרף געווען, האָט ער זיך בא זיינע כאַווייריִם די טאָטערן פאַרשטיין און אפילע א ביסל ריידן טאָטעריש אויסגעלערנט. ער האָט דעמלט ניט געוווסט, אַז דאָס וועט אים אין א צייט אַרום ראַטעווען דאָס לעבן.

נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט די זיבניאָריקע שול, איז ער אָנגעקומען אין סימפעראָפּאָליער לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום. פאַרענדיקט אים און גלייך אין אַרמיי אוועק. פון דער צייט האָט זיך בא אים א פּאָטאָ פאַרהיט. ער האָט זי מיר באַוויזן. דער כאַקי־קאָסטיום האָט אים געפּאַסט, דער קאָפּ — אַן אָפּגעשאָרענער, די אויגן א ביסעלע פאַרזשמורעט, אף די אויערן — הער־טרייבלעך.

— אין ארמיי בין איך א ראדיסט געווען, — דערקלערט ער מיר. — די פּאָטאָ האָב איך געוואָלט אָפּשיקן די עלטערן, נאָר איך האָב ניט באַוויזן, די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן.

ער האָט געדינט אין א טייל ניט ווײַט פון דער סאָוועטיש־דײַטשישער גרענעץ. גיך דורך ראַדיאָ האָט ער זיך דערוווּסט וועגן אָנהייב פון דער מילכאָמע, — דעם סוינעס באָמבעס האָבן די נײַעם געבראַכט. זײַן וועג — דער וועג פון פיל אַנדערע: פון איין ארומ־רינגלונג ארויסגעקליבן זיך, אין א צווייטער אַרײַנגעפאַלן. די ראָטע רויטאַרמייער, אין באַשטאַנד פון וועלכער ער איז געגאַנגען, פאַר־ניכטעט דעם סוינעס א באַטאַליאָן. עס גרײַפט אָן א נײַער באַ־טאַליאָן. טאַנקען פויזען, אַעראָפּלאַנען באַשיטן מיט א האָגל בלײַ, נאָר הונדערט קעמפּער מיט א קאָמאַנדיר און א קאָמיסאַר, וואָס אַליין טשאַפּען וואָלט זיי צעקוועטשט, זײַנען אומבאַזיגבאַר.

זײַנער א כאַווער, וואָס האָט מיט אים אין איין טייל געדינט, האָט דאָן בײַ אים געפרעגט:

— פאַרוואָס זשע זײַנען מיר, א וווּאַד רויטאַרמייער, מיט א וואָך צוריק פון עטלעכע פײַנטלעכע אווטאָמאַטלער אַנטלאָפן?

דער זעלבער, וואָס האָט געפרעגט, האָט אַליין געענטפערט:

— מיר האָבן דאָן ניט געוווּסט, פונוואַנען און וויפל זיי גייען, און איצט, אַז איך זע זיי, די דײַטשן, אַז איך ווייס, אַז פון רעכטס און פון לינקס זײַנען בײַ מיר כאַווייירים פאַראַן, זײַנען זיי, די פריצן, מיר גאָר ניט אַזוי שרעקלעך.

ביז אָוונט האָבן זיי דאָס דאָרף אײַנגעהאַלטן. עס איז שטיל גע־וואָרן. פוקסיק האָט זיך מיטן פּאָנעם צו דער ערד אָוועקגעלייגט, די פיס אין די זײַטן צעוואָרפן, פונקט ווי ער וואָלט זײַן גאַנצע מיד־קײַט, וואָס האָט זיך פאַר דער צײַט אָנגעזאַמלט, דער מוטער ערד וועלן איבערגעבן. צו האַלבער נאַכט — א באַפעל: פאַרלאָזן דאָס דאָרף און דעם קורס אָפּ מיזרעך האַלטן. אונטערוועגס איז פוקסיק פאַרווונדעט געוואָרן און איז אָפּגעשטאַנען פון זײַן טייל. ניט איין מאָל האָט ער זיך געפרווּט אונדזערע דעריאָגן. אומזיסט. פון די צענטראַלע וועגן, ווו דער דײַטש האָט זיך צוערשט באַוועגט, האָט ער פאַרקערעוועט אָפּ זײַטיקע, פון שטעט — אין דערפער, כוטאָרן.

— ווער ביסטו? — האָט אים אין א דאָרף א פויערטע גע־פרעגט.

— א רויטארמייער.

— אבער ווער ביסטו לויט דער נאציאנאליטעט?

— א סאוועטישער בירגער, א פארוואונדעטער רויטארמייער.

— איכ פארשטיי, — האט זי אימ שוינ בייז געענטפערט. — מיר איז עס אלצײנס. וואלסט בא מיר אפ א צײַט פארבליבנ, אינ דער ווירטשאפט געהאלפנ און אליינ זיכ פאריכט א ביסל, האט זיכ אבער פונ טפיסע מײַנ שאכנ אומגעקערט. אויב דו ביסט א יײד, וועט ער דיכ גלײַכ די דײַטשנ ארויסגעבנ.

— יא, א ײיד, — האט ער געענטפערט און איז אוועק ווײַטער.

איינ ארט איז נאר פארבליבנ, ווו די הײַטשנ האבנ מוירע ארײַנ־שטעקנ זייערע נעזער — דאס איז די געדיכטעניש פונ די וועלדער. איינ וועג איז אימ פארבליבנ — אינ וואלד ארײַנ. וויפל קענ מענ אבער דארט א פארוואונדעטער אפזײַנ אנ שפײַז, אנ דערפארונג? און דערצו איז די האפענונג נאכ ניט אינגאנצנ פארלארנ — עפשער וועט זיכ פארט אײַנגעבנ דעמ פראנט דורכגיינ. עס קענ דאכ ניט דויערנ לאנג אזוי. עס וועט דאכ נעמענ א סאפ צומ אפטרעטנ.

אנ עלטערער רויטארמייער, וועלכנ ער האט בײם זײַנע וואגלע־נישנ באגעגנט, האט אימ א בלעטל באוויזנ.

— דא ניט ווײַט, לעבנ טײַכ, האב איכ עס געפונענ. האסט דאכ מיסטאמע ניט וויניק זייערע קויטיקע רעכילעס געלייענט, איז נא טו א קוק דעמ עמעס אינ די אויגנ.

דאס איז געווענ דעמ כאווער סטאלינס ארויסטרעטונג דורכ ראַ־דיא דעמ 3־טנ יול 1941:

„כאוויירימ! בירגער!

ברידער און שוועסטער!

שלאכטלײַט פונ אונדזער ארמיי און פלאט!

צו אײַכ ווענד איכ זיכ, פרײַנט מײַנע!

... אינ די ראיאנענ, וואס זײַנענ פארנומענ דורכנ סוינע, דארפ מענ שאפנ פארטיזאנישע אטריאדנ פונ רײַטער און פוסגייער, שאפנ דיווערסיאנעלע גרופעס צו פירנ א קאמפ קעגנ די טיילנ פונעמ סוי־נעס ארמיי, צו צעצינדנ א פארטיזאנישנ קריג אומעטומ און אי־בעראל, צו אופרײַסנ די בריקנ, די וועגנ, קאליע מאכנ די טעלעפאנ־און טעלעגראפ־פארבינדונג, אונטערצינדנ די וועלדער, די סקלאדנ,

די אָבאָזן. אין די פאַרכאַפּטע ראַיאָנען שאַפן אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען פאַרן סוינע און פאַר אַלע זיינע מיטהעלפער, פאַרפאָלגן און פאַרניכטן זיי אויף יעדן שריט און טריט, ארונטערייסן אַלע זייערע מאָסמיטלען"...

— פאַרשטאַנען?

— יאָ.

— איז גיב אַהער דאָס פּאַפּיר. דו גיי דיר דיין וועג, און איך מיינעם. איך דאַרף נאָך פיל אַזוינע, ווי דו, העלפן דעם עמעס געפינען.

פוקסיק איז א קאָמיוגיסט. זיין כוויו ווייסט ער. אָבער פאַר קיין אָרגאַניזאַטאָר טויג ער ניט. ווער וועט אים דאָ, אין פרעמדן קאַנט, העלפן און ווער וועט צו אים צושטיין?

וואָלט ערגעץ־וווּ שוין אַן אָטריאַד אָדער א גרופּע געווען, וואָלט ער זיי געפונען און צו זיי צוגעשטאַנען. וואָס פון אים פאָדערט זיך, ווייסט ער שוין.

איז ווו זשע געפינט מען אַזעלכע מענטשן? ווער וועט אים גיין דערציילן, וווּ זיי האַלטן זיך אויף? צוזוואַרטן דאַרף מען, די ציַיט וועט דעם וועג ווייזן. אָבער וויאַזוי פאַרהיט מען זיך, אַז אַרום און אַרום זיינען דייטשן? גוט, וואָס הונדערטער מענטשן פילן מיט, שאַנעווען, העלפן. טרעפט זיך אָבער איינער אַן אויסוואורף, און אַלץ איז פאַרפאַלן.

דער סטאַראָסטע האָט אין אָוונט געבראַכט צו פירן דייטשן און אָנגעוויזן זיי אויף פוקסיקן.

— אָט בא דער באַלעבאָסטע אַרבעט א פרעמדער. ער זאָגט, אַז ער איז א טאָטער, און בא אונדז זיינען קיינמאָל קיין טאָטערן ניט געווען.

צענדליקער אַזוינע האָט מען צונויפגעכאַפּט און אויף מאַשינעס געטריבן אין שטאָט אין דער קאָמענדאַטור. פרויען פון שטאָט און פון דאָרף האָבן זיך געצויגן אַהער, עפשער וועט מען דאָ א זון אָדער א מאַן באַגעגענען, אָדער כאָטש א באַקאַנטן, וואָס זאָל קענען וועגן דעם טרייען עפעס דערציילן. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אויף קיינעם ניט געוואַרט און דאָך געקומען: עפשער וועט זיך איינגעבן עמעצן אַרויסשלעפן.

— איך, — האָט איינע געקלאָגט זיך, — בין איינע אַליין מיט

קינדער פארבליבנ. דער מאנ — ווער ווייסט, צי ער לעבט נאָכ? אונ אויב יאָ — איז ווענ וועט ער זיכ אומקערנ, אונ די ווירטשאפט גייט צו גרונט. ווענ איכ קריג א רוזקנ, ארבעטזאמע מענטשנ, וואָלט איכ אימ מיט זיכ גענומענ.

— מומע, מומע, — שרייט א יונגער באָכער, — האָסט מיט וואָס, איז קויפ מיכ אויס. טאָג אונ נאכט וועל איכ ארבעטנ.

זי שאָקלט מיטנ קאָפ, נאָר דרייט זיכ אָפ אינ א זייט.

— דער טויג ניט, ער וועט קוקנ אינ אנ אנדער זייט.

פאָליציי-לייט טרייבנ די פרויענ פונ פארקנ, נאָר קיינ שטעקנס אינ גאנג לאָזט מענ ניט. זיי האָבנ שוינ פונ די באזוכער היינט ניט ווייניק גוטס באקומענ.

— טשאוסי, טשאוסי, — שרייט אנ אלטע פויערטע, — ווער איז דאָ פונ טשאוסי?

— ווער ביסטו? — פרעגט א יונגע דאָרפישע פרוי בא פוקסיקנ. ער ווייסט שוינ ניט, וואָס צו זאָגנ.

— איכ בינ פונ טפיסע, — ענטפערט ער.

אונ ווייל אימ האָט זיכ אויסגעדאכט, אז אינ טומל וועט זי ניט דערהערנ, האָט ער מיט צוויי פינגער פונ דער רעכטער האנט איבער-געקרייצט צוויי פינגער פונ דער לינקער, וואָס האָט געדארפט בא-ווייזנ — פונ הינטער גראטעס, — אונ צוגעגעבנ:

— פונ בארנאָוויטשער טפיסע.

— גיי שוינ גיי, דריי ניט קיינ קאָפ, אפילע די דייטש איז שוינ מיט אזא מינ מייסע שווער אָפצונארנ. האָסט עפשער וועלכע-ניט-איז דאָקומענטנ בא זיכ, אָבער פרעמדע, ניט קיינ אייגענע, איז גיב, וועל איכ דיכ פרווונ ארויסשלעפנ פונדאנענ.

זי האָט א קוק געטאָנ אָפ די דאָקומענטנ, וואָס ער האָט איר דערלאנגט.

— ביסט א טאָטער, זייער פיינ.

ניט נאָר א דייטשישנ סאָלדאט, נאָר אייכ ניט ווייניק פונ די אָפיצערנ האָט מענ געקענט פאר א געוויסער סומע קויפנ. דעמ סאָל-דאט — פאר כאזער, אייער, בראָנפנ, האָניק אָדער אנ אָנצוג. אנ אָפיצער — פאר גאָלד. די פרוי האָט געקריגנ פאר פוקסיקנ א צייגע-ניש פונעמ דייטשישנ קאָמענדאנט אונ אימ באפרייט. בא איר האָט

ער געווינט, ביז ער האָט דעם וועג אין אָטריאַד געפונענ טאַקע מיט איר הילפ.

אַזוי איז פוקסיק געקומענ צו די פּאַרטיזאַנער. איז ער איצט געגאַנגענ אַנ אָפּגעריסענער, נאָר קיינ דײַטשישנ אָנצוג ניט געוואָלט אָנטאָנ.

4

שוינ אינ פרילינג 1944 האָט מיט פוקסיקנ פּאַסירט אַזאַ פּאַל. אונדזער פּאָלק איז באַנאַכט אָנגעפאַלנ אַפ אַ דײַטשישנ טייל, וואָס איז געשטאַנענ אינ דאָרפ סטאָלפּישטשי, גאָר נאָענט לעבנ אַ גרויסער שטאָט. אינ דער שלאַכט האָט מענ שווער פאַרווונדעט אינ ביידע פיס דעמ קאָמאַנדיר פונ פוקסיקס ראָטע, אַ לענינגראַדער מעטאַליסט לעגזינ. די שלאַכט איז געווענ איינע פונ די געלונגענסטע פאַר אונדז, נאָר אַרויסקלײַבנ זיכ פונ דעמ ראַיאָנ איז אונדז געווענ שווער, ווײַל די דײַטשנ פונ די אַרומיקע גאַרניזאָנענ האָבנ אונדז אַלע וועגנ איבערגעשניטנ. מיר זײַנענ געווענ געצווונגענ זיכ צעטיילנ אַפ גרופּעס. פוקסיק מיט נאָכ אַנדערע האָבנ באַדאַרפט ראַטעווענ לעגזינענ. אינ עטלעכע טעג אַרומ, ווענ זיי זײַנענ שוינ געווענ ניט ווײַט פונ אונדזער לאַגער, האָט אימ דער עלטסטער פונ דער גרופּע געשיקט פאָרויס קיינ רודניע אויספאָרשנ, צי קענ מענ פרײַ דורכגיינ. ניט ווײַט פונ אַ שמאָל טײַכל, וואָס האָט געפלאָסנ צווישנ רודניע אונ זאַכוואַטאָווקע, זײַנענ נאָכ פונ פאַר דער מילכאָמע געלעגנ צוגעגרייט צומ אַרויספירנ עטלעכע טויזנט קובאָמעטער געהילצ. דאָרט האָט זיכ אַ גרופּע דײַטשנ פאַרמאַסקירט.

— האַלט! — האָבנ זיי אויסגעשריענ.

ער האָט זיכ געלאָזט לויפנ. געשאָסנ האָבנ זיי אינ אימ ניט, ווײַל זיי האָבנ באַשטימט אימ אַ לעבעדיקנ פאַרכאַפּנ. עס איז געשענ נאָכ ערגער, ווי ווענ אַ קויל וואָלט אינ אימ געטראָפנ. אַ הונט, די גרייס ווי אַ לייב, האָט זיכ געלאָזט נאָכ אימ. בא פוקסיקנ איז געווענ אַ דײַטשישע גראַנאַטע, האָט ער זי אינ אימ געוואָרפנ, איז, ווי אַפ צו־לאָכעס, האַרפ זי זיכ ניט אופגעריסנ. עס איז אַוועק אַ געראַנגל. ער האָט געוואָלט דעמ הונט פאַרנ האַלדז אָנכאַפּנ, איז אָבער דער קעלעוו געווענ ניט קיינ קלענערער באַנדיט, ווי זײַנע באַלעבאַטימ.

פוקסיקס קלײדער האָט ער אָפּ שטיקלעך צעריסן און אים אַלײן צו דער ערד צוגעקוועטשט. עס זײַנען צוגעלאָפֿן דײַטשן און אים פֿאַר־כאַפּט.

— פּאַרטיזאַנען! פּאַרטיזאַנען! — האָבן זײ געהאַלטן אין אײן שרײַען. מע האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן. זײער אונטעראָפֿיצער האָט זײ אָפּגעהאַלטן.

— דאָס איז מיסטאָמע אַן אױסשפּירער, דאַרף מען אים אין שטאַב גלײַך אַוועקפֿירן. נאָך דעם ווי מע וועט אים אױספֿרעגן, וועלן מיר זיך אַ „שפּיל טאָן" מיט אים.

פוקסיק האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער פֿאַרשטײט גאָר־ניט, וואָס זײ רײדן צווישן זיך.

— דאָרט איז אַן איבערזעצער בײַ אונדז פֿאַראַן, וואָס קען רו־סיש און ווײסט ווי רוסן צו שלאָגן, וועט ער אים די צונג צע־בינדן.

אַ גאַנצע אָפּטײלונג האָט אים אײַנעם געפֿירט. זײער שטאַב האָט זיך געפֿונען אין קליטשעוו. אין שטעטל האָט זיך נעכטן געהאַט אַרײַנ־געריסן אַ שטראָף־אָטריאַד און עס גלײַך פֿאַרניכטעט. קײן אײן הויז איז ניט פֿאַרבליבן. די געבײַדעס האָבן זײ פֿאַרברענט, די מענטשן, וואָס האָבן ניט באַוויזן אין וואַלד אַוועק, — דערשאָסן.

ווען זײ האָבן זיך דערנענטערט צום טראַקט, וואָס פֿירט קײן קליטשעוו, האָבן צוויי פּאַרטיזאַנער זײ באַמערקט. אײנער פֿון זײ האָט אויסגעשאָסן. די דײַטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד. „איצט אָדער קײנמאָל ניט" — איז בײַ פוקסיקן אַ געדאַנק, ווי אַ בליץ, דורכגעפֿלויגן, און ער האָט געמאַכט פּלײטע. קוילן האָבן אים נאָכגעיאָגט. דעריאָגט האָט אים אָבער נאָר אײנע און דעם צײַג־פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט אָראָפּגעכאַפּט.

פוקסיקן האָט אונדזער אויסשפּירערן אַליאַ קאָליַעוואַ באַגעגנט אין וואַלד און געבראַכט צו זיך אין בײַדל. סאַוויטש האָט אים עפּעס־וואָס צום אָנטאָן געקראָגן, די וווּנד האָט זיך פֿאַרהײלט, און פוקסיק איז פֿאַרבליבן אַזאַ ווי געווען.

מיסטאָמע אינטערעסירט אײַך, וואָס איז ווײַטער מיט אים פֿאַר־לאָפֿן. ער איז אָנגעקומען אין דער דיוויזיע, מיט וועלכער מיר האָבן זיך פֿאַרײניקט. פוקסיק מיט זײַן ביקס איז דערגאַנגען קײן דײַטשלאַנד.

די באָבע מיטנ אייניקל

1

מיט אונדזער קאָמאַנדיר פונ בריגאַדע ס. ד. באַרקאָווסקי איז מיר עטלעכע מאָל אויסגעקומענ פאָרנ צו אימ אינ דאָרפ ארײַנ. דאָרט איז פאַרבליבנ זײַנ זונ, א יינגעלע פונ א יאָר פיר, אונ זײַנ אַלטע מאַמע. דאָס ערשטע מאָל איז עס געווענ אָנהייב פרילינג 1943. מיר האָבנ באַקומענ אַנ אופגאַבע קריגנ א שרײַב־מאַשינקע פאַר אונדזער שטאַב. באַקומענ האָט מענ זי געקענט נאָר אינ באָברויסק. דעמ טייל אופגאַבע האָט אויסגעפילט באַרקאָווסקיס א פרײַנט, א געוועזענער בוכהאַלטער. מיר האָבנ זיכ געלאָזט צו אימ אָפּנעמענ די שרײַב־מאַשינקע.

קורגאַני איז א גרויס דאָרפ, וואָס שטייט באַמ סאַמע שליאַכ באָברויסק — קיראָוו. דעמ קאָמבריגס מוטער האָט געוווינט איינע אַלײנ מיט איר אייניקל אינ עק דאָרפ, ניט ווײַט פונ א ווינט־מיל. דאָרט איז געשטאַנענ א פּאָסטנ פונ מאַרכאָוויטשער גאַרניזאָנ. דעמ פּאָסטנ האָבנ זיי ניט לאַנג אײַנגעפירט אונ אָט פאַרוואָס:

צוועלפ אונדזערע מענטשנ מיט קוילנוואַרפער אונ אויטאָמאַטנ האָבנ זיכ באַנאַכט פאַרקליבנ אינ גאַרניזאָנ. די פּאָליצײַענ האָבנ גענעכטיקט אינ קאַזאַרמע ניט ווײַט פונ זייערע דאָטנ. אונדזערע האָבנ שטילערהייט אַראָפּגענומענ זייערע וועכטער אונ גענומענ שיסנ אינ שטוב ארײַנ. זעקס פּאָליצײַענ האָט מענ געטייט. די איבעריקע האָבנ מיט אַנ אונטערערדישנ וועג זיכ געלאָזט לויפנ צו די דאָטנ. די פּאַרטיזאַנער האָבנ זיי פאַרוואָרפנ מיט גראַנאַטעס. ווידעראַמאָל טויטע אונ פאַרווונדעטע. נאָכ דעמ פאַל זײַנענ זיי ביז גאָר וואַכזאַמ געוואָרנ, מער אינ קאַזאַרמע ניט גענעכטיקט, נאָר מיטנ אָנקומ פונ נאַכט אינ די דאָטנ זיכ פאַרקליבנ, ארומ אונ ארומ מיט שטעכ־דראָטנ זיכ ארומגעצוימט, קאַנאַוועס אויסגעגראָבנ, נאָכ עטלעכע פּאָסטנס ארויסגעשטעלט. ווענ ס'איז געקומענ די צײַט, האָט דאָס אַלצ זיי ווייניק געהאָלפנ. דעמ גאַרניזאָנ האָבנ מיר פאַרניכטעט. נאָר דערווײַל האָבנ זיי זיכ געפילט זיכער.

— קומט, — האָט מיר באַרקאָווסקי פאָרגעלייגט, — וועט איר זיכ מיט מײַנ זונ באַקענענ.

איך בינ גערנ אײַנגעגאנגענ. די אלטע האָט זיך אפ טויט דערשראָקנ:

— ווּאזוי ווּאָרנט מענ עס ניט פריִער? ערשט הײַנט באַטאָג זײַנענ בא מיר אינ שטוב דײַטשנ געוועג.

— מאמע, דערנאָך וועלנ מיר מיט דיר ריידנ. ווּ איז אדיק? באווײַז אימ מיר גיכער.

בארקאָווסקי, שטענדיק אזא ערנסטער אונ שטרענגער, איז איצט אפ זיך אלײנ ניט ענלעך געווענ. ווי ער האָט עס געקושט אונ געצערטלט דאָס קינד! איך האָב נאָך קײנמאָל ניט געזענ, אז א פרוי, א מוטער זאָל זיך אזוי אינ איר קינד אײַנקלאמערנ.

— סעניא,—האָט זיך בא אימ די מוטער מיט טרערנ געבעטנ,— פאַרזיכטיקער. ער וועט זיך אופכאפנ. ער טאָר ניט-וויסנ, אז דו ביסט דאָ געווענ. פארגעס ניט. ער איז דאָך גאָר א פיצל. ער קענ נאָך עמעצנ דערציילנ. ער האלט אזוי אויך אינ אײנ אויספרעגנ בא מיר: „באבושקא, ווענ וועט דער טאטע אונ די מאמע קומענ?“. „זיי זײַנענ ווײַט, אײניקל מײַנס“, — רייד איך אימ אײַנ. — „ווײַט, ווײַט פונדאנענ. אונ ווי נאָר די מילכאָמע וועט זיך ענדיקנ, וועלנ זיי זיך אומקערנ“.

— מאמע, — זאָגט בארקאָווסקי. — איך זע אימ דאָך ניט. ס'איז פינצטער, איך וויל אימ זענ.

— קײנ פײַער וועל איך ניט לאָזנ אָנצינדנ.

— אײנ שוועבעלע, — האָט ער זיך בא איר געבעטנ, — אײנס אונ ניט מער.

אירע הענט האָבנ געציטערט, בײַם זי האָט אָנגעצונדנ א שוועבעלע. דער פאָטער האָט זיך אײַנגעקוקט אינ זײַנ קינד.

— קלײנינקער דו מײַנער. — האָט ער שטיל אויסגעפליסטערט.

אדיק האָט זיך אפ דער צווייטער זײַט אויסגעדרייט. ער האָט עפעס פונ שלאָפ געמורמלט. דער פאָטער האָט געקושט זײַנ זונ. די מוטער — אירנ.

— גאָט ווייסט, ווענ מיר וועלנ זיך ווידער זענ, — האָט די אלטיטשקע געזאָגט.

— עס וועט ווײניקער צײַט פארבײַ, ווי עס איז אוועק. זאָלסט אימ ניט דערציילנ, אז מיר זײַנענ ווײַט פונדאנענ. זאָג אימ, אז מיר גייענ, אז איבגיכנ וועלנ מיר קומענ.

— אז איר גייט, וועל איך אים ניט דערציילנ, נאָר אז איר וועט איננגיכנ קומענ, וועל איך אים זאָגנ. זאָל גאָט געבנ, אז עס זאָל זײַנ אזוי אונ וואָס גיכער.

זי האָט איבערגעצײלעמט פריִער איר זונ, דאָס אייניקל, מיך, דערנאָך זיך.

איך האָב אָנ צײַט אונ אָרט פארגעסנ. ווער וואגט עס צו זאָגנ, אז קעמפער ווערנ אפ דער מילכאָמע פארגרעבט, אז מענטשלעכע גע־פילנ ווערנ פארוועלקט? שיקט אים אהער אינעם קליינינקנ שטיבע־לע, אונ זאָל ער א קוק טאָנ אפ דער מאמענ, אפ איר זונ אונ אייניקל.

א וואָגנ האָט זיך צעסקריפעט. דאָס זײַנענ אונדזערע נאָך דער שרײַב־מאשינקע געקומענ. דער וואכמאנ, וואָס בא דער ווינט־מיל האָט, ווײַזט אוים, דערהערט אונ עטלעכע מאָל אויסגעשאָסנ.

— שרעק זיך ניט, — האָט בארקאָווסקי אײַנגעשטילט די אלטע. — מיר וועלנ באלד דאָס דאָרפ פארלאָזנ. אונ זיי וועלנ זיך איצט אהער ניט רוקנ.

אינ גארניזאָנ האָט זיך אופגעהויבנ א שיסערײַ.

— ניט ענטפערנ, — האָט בארקאָווסקי באפוילנ.

מיר זײַנענ אוועקגעפאָרנ.

2

עס זײַנענ אוועק עטלעכע כאדאָשים נאָך דער אומפארגעסלעכער נאכט. וואָס מער מאפּאָלעס דער פײַנט האָט געכאפּט אפ די פראָנטנ, אלץ בייזער אונ ווילדער איז ער געוואָרנ אינ הינטערלאנד. ס'איז געווענ אנ אָפיציעלע אָנווײַזונג פונ דער דײַטשישער קאָמאנדשאפט— אויסכאפּנ די פאמיליעס פונ די פארטיזאנער, קאָמוניסטנ, קאָמיור־גיסטנ, סאָוועטישע טוער. מע האָט ארעסטירט בארקאָווסקים עלטערנ ברודער מיט זײַנ פרוי אונ קינדער. וואָלאָדיא וואשוקעוויטשעס שטיפ־פאָטער, דער „פּאָליצײַ", האָט אונדז געוואָרנט, אז מעגלעך, די טעג וועט מענ ארעסטירנ דעם קאָמבריגס מוטער אונ זונ. איך גיב בארקאָווסקינ צו וויסנ וועגנ דעם אונ באקום גלײַך אנ ענטפער, אז ער בעט מיך באנאכט ארויספירנ זיי פונ דאָרפ, אונ אויב די אלטע וועט זיך אָפּזאָגנ, זאָל איך כאָטש אדיקנ צונעמענ אונ אינ אנ אנדער דאָרפ בא א באקאנטנ פויער איבערלאָזנ.

איך האָב נאָך אזא אײַנגעשפּאַרטע אַלטע, ווי זײַנ מוטער, ניט געזען. זי האָט מיך דערקענט, געגלייבט, אז אזוי האָט סעניא געהייסנ, נאָר געוואָרנט אפּריער, אז אומזיסט איז מײַנ טירכע. פונ דאָרפ וועט זי זיך אינ ערגעצ ניט רירנ.

— אויב אזוי, — זאָג איך איר, — איז גיט מיר אײַער אייניקל. אזוי האָט אײַער זונ געהייסנ.

— ער איז א קאָמאַנדיר איבער זײַנע סאָלדאטנ, ניט איבער מיר. קיינעמ וועל איך דאָס קינד ניט אָפּגעבנ.

עס האָט מיר קיינ זאַך ניט געהאָלפנ. כ'האָב בא דער אַלטער גאָרניט ניט געפּועלט. אינ א פּאָר טעג ארומ איז באַרקאָווסקי געקומענ. ער האָט מיר גאָרניט ניט געזאָגט, נאָר איך האָב באַמערקט, אז ער איז אָנגעשטויסנ אָפּ מיר, פאַרוואָס איך האָב אַדיקנ ניט צוגענומענ.

— איר ווייסט, — האָב איך אימ געזאָגט, — מיט וואָס מײַנ שמועס מיט אײַער מוטער האָט זיך פאַרענדיקט? איך האָב זיך געלאָזט צומ קינד נענטער, האָט זי מיך געוואָרנט, אז אויב איך וועל מאכנ נאָך איינ טריט פאָרויס, וועט זי אופהייבנ אזא טומל, אז אפילע אינ מאַרכאַוויטשי וועט מענ דערהערנ. איך קאָנ דאָך ניט שלאָגנ זיך מיט איר. דערצו האָב איך א טראַכט געטאָנ, אז אויב איך וועל אימ אינ אַנ אַנדער דאָרפ ברענגענ און דאָרט וועט עפּעס געשענ...

— קיינ זיכער אָרט האָב איך ניט פאַר אימ, נאָר אז דאָ וועט ער אומקומענ, צווייפל איך ניט, און די מאַמע, אויב נאָר איך וועל אַדיקנ צונעמענ, וועט זי מער ווי איינ טאָג ניט אויסהאַלטנ. זי וועט קומענ אהינ, וווּ ער וועט זײַנ. אויב איר זײַט מאַסקימ, איז לאָמיר הײַנט באַנאַכט דאָס אָפּטאָנ, ווײַל איך האָב מוירע, מיר זאָלנ ניט פאַרשפּעטיקנ.

ארומ עלפ אזייגער אינ אָוונט זײַנענ מיר אָנגעקומענ אינ קורגאַני. געווענ זײַנענ מיר זאַלבעדריט: באַרקאָווסקי, זײַנ אַדיוטאַנט און איך. די פערד האָבנ מיר איבערגעלאָזט אינ א טאָל, ניט ווײַט פונ דאָרפ, און אַלייננ האָבנ מיר זיך געלאָזט צופוס. צוערשט זײַנענ מיר ארײַנ צו זײַנ פרויס עלטערנ. פּינטשוק, זײַנ אַדיוטאַנט, איז פאַרבליבנ אינ הויפ. אינ א מינוט צענ ארומ האָט ער אונדז שטיל אָנגעקלאַפּט אינ פענצטער. מיר זײַנענ ארויס. אהער האָט זיך געצויגנ אַנ אַבאַז. מיר זײַנענ אריבערגעגאַנגענ דעמ וועג און זיך אוועקגעשטעלט

לעבן דער שטוב, וואָס אנטקעגן. לאנג וואַרטן איז ניט אויסגעקומען. אינגיכן האָבן מיר גאָר נאָענט דערהערט דײַטשן ריידן.

— מיר קענען זיך דאָ פאַרבאַהאַלטן, — האָט מיר באַרקאָווסקי שטיל געזאָגט.

— מע דאַרף ניט, ווײַל אויב זיי וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן, וועט אונדז אויסקומען א טאָג אָדער נאָך מער, ווי די מײַז, פון באַהעל־טעניש ניט אַרויסקריכן.

דעם וועג אַפּ צוריק זײַנען מיר שוין ניט דורכגעגאַנגען, נאָר אַריבערגעפּויזעט, און מיט די גערטנער זיך געלאָזט צו אונדזערע פערד. ווײַט זײַנען מיר ניט אָפּגעפאָרן. אין פעלד איז געשטאַנען א קלוניע, האָבן מיר די פערד אוועקגעשטעלט און אליין זיך לעבן וואַנט צוגעזעצט. א שאַ, האָבן מיר אָפּגערעדט, וועלן מיר וואַרטן דאָ, און דערנאָך וועלן מיר זען פעסטשטעלן, צי זײַנען זיי אוועקגע־פאָרן. אויב זיי וועלן אין דאָרף בלײַבן נעכטיקן, איז ניט אויסגע־שלאָסן, אז זיי זאָלן אהער צו דער קלוניע א פּאָסטן אַרויסשיקן.

— שטילער, עמעצער גייט.

— האַלט גרייט די פערד! — האָט באַרקאָווסקי באַפוילן פינ־טשוקן. מיר אינצווייען האָבן זיך פאַרטײַעט בא דער וואַנט. דרײַ מענטשן זײַנען געגאַנגען אין אונדזער זײַט. דאָס געווער איז בא אונדז געווען גרייט. באַרקאָווסקי האָט מיך נאָך פריִער געוואָרנט, אז אָן זײַן סיגנאַל זאָל איך ניט אָנהייבן שיסן.

— ווער גייט?

די מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— ווער? — האָט באַרקאָווסקי איבערגעכאַזערט.

דאָס זײַנען געווען פּויערים פון קורגאַני, וואָס זײַנען, ווי נאָר זיי האָבן דערהערט, אז דײַטשן פאָרן, אַנטלאָפן פון דאָרף. באַר־קאָווסקין האָבן זיי דערקענט נאָך דער שטים.

— עפּשער לאָזן א פּאָר רייען פון אווטאָמאַט? — אייצעט פינ־טשוק. — זיי וועלן געווים ענטפערן, אויב זיי זײַנען פאַרבליבן אין דאָרף.

—מע טאָר ניט. ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר אַריקן מוז איך הײַנט צונעמען. קיין טומל מאַכן דאַרף מען ניט.

צוויי פון די אָנגעקומענע פּויערים זײַנען פאַרבליבן מיט די פערד, און מיר זאַלבעדריט האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין דאָרף. מיט

די פויערים האָבן מיר אָפּגערעדט, אויב עס וועט רויק זײַן, זאָלן זיי איך א שטיקל צײַט ארום צופאָרן נעענטער.

איך ווייס ניט, ווי איך צווייטן עק דאָרף. נאָר דאָ, וווּ די אַלטע האָט געוווינט, זײַנען קיין דײַטשן ניט געווען.

— מאַמע, — האָט באַרקאָווסקי געוואָרנט די מוטער. — ס'איז איצט ניט די צײַט אײַנצוטײַנען מיט דיר. אויב דו ווילסט אַליין ניט גיין מיט מיר, נעם איך צו אַדיקן.

צוערשט איז זי אײַנגעגאַנגען, ריכטיקער געדערט, ניט גע־שטערט אים אופּוועקן דאָס קינד. שווער צו זאָגן, צי האָט אַדיק דערקענט דעם פֿאָטער, נאָר ווען די באָבע האָט אים געזאָגט, ווער דאָס איז, האָט דאָס קינד זיך צוגעטוליעט צו באַרקאָווסקין, א שמייכל געמאַכט און ווידער אַנדרעמלט געוואָרן.

— טו אים אָן. האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אז אויב ער וועט מיך זען, וועט ער אָפּ דעם צווייטן טאָג צעפּויקן, אז איך בין דאָ געווען. איז דאָך שוין קיין אַנדער ברירה ניט פֿאַראַן.

— אָפּגענאַרט מיך, — האָט זי זיך געבייזערט, — ווי א קליין קינד, אָפּגענאַרט.

מעגלעך, זי וואָלט זיך נאָך געשפּאַרט, נאָר זי האָט געוואָלט, מיר זאָלן וואָס גיכער דאָס דאָרף פֿאַרלאָזן. אַדיק האָט זיך צעוויינט. ער האָט ניט געוואָלט אָן דער באָבען אוועק, האָט זי אים אײַנ־געשטילט:

— מאָרגן וועל איך צו דיר קומען. מע טאָרף ניט וויינען, פֿאַרסט דאָך מיטן טאַטן.

באַרקאָווסקי האָט זיך אופּגעזעצט רײַטנדיק. איך האָב אים דערלאַנגט אַדיקן. מיר זײַנען נאָך צום וואַלד ניט דערפֿאָרן, ווי דער קליינער איז ווידער אײַנגעשלאָפֿן. באַרקאָווסקי איז ניט גע־ווען קיין ליבהאָבער צו ריידן, דאָס מאָל האָט ער זיך אײַנהאַלטן ניט געקענט:

— א צײַט... אַן אייגן קינד זאָל מען דאַרפֿן פֿון שטוב ארויס־גאַנווענען...

א שטיק צײַט האָט אַדיק מיט דער באָבען אָפּגעלעבט בײַ א פֿרײַנט אין קאָסטריטשי. אויב דאָ האָבן די דײַטשן דערנאָך גע־שאַפֿן א גאַרניזאָן. דאַן האָט מען זיי געבראַכט צו אונדז אין לאַ־גער. מע האָט דעם ייִנגל א שינעלעכל אופּגענייט, א קובאַנקע

מיט א רויט לײַוונטל, ווי בײַ אַן עכטן פּאַרטיזאַן. עמעצער האָט אים געשאָנקען אַ קינדער־פּיסטאָלעט און אַ קאָמפּאַס.

ביים דער פּעווראַל־בלאָקירונג אין 1944 איז די באַבע מיטן אייניקל אָפּגעשטאַנען פון אָטריאַד. פיר טעג האָבן זיי איינע אַליין געבלאָנדזשעט אין וואַלד, ביז זיי האָבן באַגעגנט אַ גרופּע פּאַרטי־זאַנער, וואָס האָבן זיי געהאָלפן צו אונדז זיך דערקלײַבן. אויף אַן אַעראָפּלאַן האָט מען זיי ביידע אָפּגעשיקט אויף דער „גרויסער ערד".

מאַדיאַרן

1

ס. ד. באַרקאָווסקי, זײַן אַדיוטאַנט און איך זײַנען אַרויס־געפאָרן פון לאַגער אין ראַיאָן, וווּ מײַנע אויסשפּירער האָבן זיך געפונען. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט אונדזער דיוויזיאַנט, דעם לערער סילקין. ער און נאָך איין פּאַרטיזאַן האָבן געפירט צוויי גע־פאַנגענע מאַדיאַרן. זייער געוועזער האָבן די מאַדיאַרן אַליין גע־טראָגן. סילקין האָט נאָר אַרויסגענומען די שלעסער פון די ביקסן. זייער עלטסטער האָט גערעדט אויף דײַטש. סילקינען האָט ער גע־רופן קאָמענדאַנט, באַרקאָווסקין — גרויסער קאָמענדאַנט, און ווען מע האָט זיי דערנאָך געבראַכט צו סווירידן, איז ער בײַ זיי געוואָרן דער גרעסטער קאָמענדאַנט. בײַ קיין העכערן קאָמאַנדיר זײַנען זיי ניט געווען, ווער ווייסט, וואָס נאָך פאַר אַ נעמען זיי וואָלטן צוגע־טראַכט. באַרקאָווסקי האָט זיך אומגעקערט מיט זיי צוריק אין לאַ־גער, איך בין געפאָרן ווײַטער. אין אַ וואָך אַרום האָט זיי סילקין געבראַכט צו אונדז און זיך אָפּגעשטעלט אין די בײַדלעך, וווּ איך מיט מײַן גרופּע האָבן זיך געפונען.

זייער עלטסטער, דער דאָצענט לודוויג, איז אַרײַנגעגאַנגען צו מיר, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט געפונען אַ מענטשן, מיט וועמען ער קען אַ וואָרט אויסריידן. בײַ מיר איז געווען אַן אײַנדרוק, אַז ער רעדט אויפריכטיק. ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָב איך קיין טאָעס ניט געהאַט.

— וואָס איז אײַך געפעלן מער פון אַלץ בײַ אונדז, פּאַרטי־זאַנער?

— די מענטשנ. איכ האָב פריִער אויכ ניט געגלייבט דער דײַטשישער אגיטאציע, אז פארטיזאנער זײַנענ באנדיטנ, אָנ א ציל, אָנ אנ אידיי, נאָר איכ האָב זיכ גאָרניט פאָרגעשטעלט, אז צווישנ אײַכ זײַנענ פאראנ אזויפיל אינטעליגענטנ. איכ אליינ האָב זיכ באקענט מיט עטלעכע צענדליק לערער, דאָקטוירים, אינזשעניערנ, אגראָנאָמענ. ווי קלאָר יעדער פונ זיי ווייסט, צוליב וואָס ער האָט גענומענ די ביקס אינ האנט. איכ האָב געזעג, ווי מע האָט אינ לאגער נאָכ א שלאכט געבראכט צו פירנ געפאנגענע דײַטשישע טאנקיסטנ עסעסאָווצעס. מיט וואָס פארא בליקנ יעדערער פונ די פארטיזאנער האָט אפ זיי געקוקט! א פאָלק, וואָס קענ אזוי האסנ, איז אומבאזיגבאר.

אינ די טעג, ווענ די מאדיארנ זײַנענ געווענ אינ לאגער, איז פאָרגעקומענ א שלאכט, א זעלטענע אינ פארטיזאנישע באַדינגונגענ. אונדזערע זײַנענ באטאָג אָנגעפאלנ אפ אנ אָטריאד עסעס. די עסעסאָווצעס צוהילפ איז געקומענ א מיטלער טאנק.

— ניט אָפטרעטנ! — האָט בארקאָווסקי באפוילנ.

וואָלאָדיא מאקאראָוו, דער געהילפ־קאָמאנדיר פונ דער ערשטער ראָטע, א לייטענאנט, האָט זיכ ארויסגערוקט מיט צוויי כאווײרים פאָרויס מיט א קעגנטאנק־ביקס, געשאָסנ האָט ער אליינ. וואָלאָדיא האָט זיכ עטוואָס אופגעהויבנ אפ די עלנבויגנס אונ באלד זיי צונויפגעקאָרטשעט, געפאלנ אונ אפ אייביק אנשווייגנ געוואָרנ. אים האָט פארביטנ זײַנ כאווער, וואָס איז געלעגנ רעכטס פונ אים. עס האָט געדויערט, דאכט זיכ, ניט מער ווי איינ אויגנבליק, נאָר יעדער סנײַפער וואָלט זיכ געווונטשנ אזוי טרעפלעכ שיסנ זײַנ קויל. דער טאנק האָט זיכ גענומענ דרייענ אפ איינ אָרט.

„פאָרויס!" — האָט זיכ דערהערט בארקאָווסקיס קאָמאנדע. אליינ איז ער דער ערשטער ארופ אפנ טאנק. קיינער פונ די דײַטשנ האָט זיכ דאנ ניט געראטעוועט. די טאנקיסטנ האָט מענ ארויסגעשלעפט לעבעדיקערהייט אונ געבראכט צו פירנ אינ לאגער. די מאדיארנ האָט מענ געפירט באווײַזנ דעם אונטערגעקלאפטנ טאנק אונ די טויטע דײַטשנ.

— אָפט טרעפנ בא אײַכ אזעלכע שלאכטנ? — האָט זיכ לידוויג נאָכגעפרעגט בא רענדעלנ.

— ווי נאָר זיי קומען אין אונדזער זאָנע, — האָט יענער אָן א שמייכל געענטפערט.

צו די געפאַנגענע עסעסאָווצעס זײַנען געקומען די מאַדיאַרן, וואָס זײַנען אַרומגעגאַנגען פרײַ איבערן לאַגער. עס איז אַוועק אַ קריגערײַ, קימאַט א געשלעג. אונדזערע האָבן ניט דערלאָזט.

— ווייסט, וואָס מיר ווילט זיך, — האָט מיר סילקין געזאָגט. — אָנשיקערן ליודוויגן. אינטערעסאַנט, צי וועט ער דעמלט אויך ריידן אַזוי, ווי איצט, ווען ער איז ניכטער.

אין אָוונט האָבן מיר זיך אײַנגעריכט אַ פּאָר שעה אין דאָרף און אַרײַנגעגאַנגען צו א באַקאַנטן פויער. די קינדער האָבן זיך פאַרקליבן אין א ווינקל, אפילו די פרוי, וועלכע מיר האָבן געוואָרנט, וועגן דער פרעמדער איז, האָט מוירע געהאַט דאָס מויל עפענען.

ליודוויג איז לויט דער פּראָפעסיע געווען א לערער. מעגלעך, אַז אים האָט זיך זײַן מישפּאָכע דערמאָנט. ער האָט געוואָלט א מיידעלע פון א יאָר דרײַ אָפּ די הענט נעמען, איז געוואָרן אַזאַ בעהאָלע, כאָטש אַנטלויף פון שטוב.

— דאָס איז דערפאַר, וואָס זיי נעמען אײַך אָן פאַר א דײַטש, — האָב איך אים דערקלערט.

ער איז געשטאַנען א פאַרשעמטער. סילקין האָט געפונען אַן אויסוועג.

— האָסט נאָך ניט געהערט, ווי ער זינגט רוסישע לידער? בא אים איז א זעלטענע שטים.

— זינגט! — האָבן מיר אים ביידע געבעטן.

ער האָט געזונגען „וואָלגא, וואָלגא", דערנאָך „קאַטיושאַ". געזונגען האָט ער שיין, מיט געפיל.

— געפעלט אײַך אונדזער „קאַטיושאַ"?

— מיר געפעלן אַלע קאַטיושעס. נאָר פון אַן אָפיצער, וואָס איז געקומען פון פראָנט, האָב איך געהערט, אַז „קאַטיושאַ — מיידל" איז זייער פײַן. נאָר „קאַטיושאַ — בום-בום" איז זייער שרעקלעך.

מיר האָבן זיך צעלאַכט.

2

אפנ צווייטנ טאג האבנ מיר די מאדיארנ באגלייט צו דעמ גארניזאנ, ווו עס איז געשטאנענ זייער טייל.

— אכוצ אונדזער געווער האט מענ בא אונדז גארנישט ניט צוגעגומענ. יעדערער פונ אונדז האט באקומענ צו פופציק דײַטשישע מארק.

עס איז געווענ זונטיק. אינ דארפ קאסטריטשי האבנ מיר אנגעטראפנ אפ א כאסענע. קעדיי ניט אנשרעקנ די באפעלקערונג, האבנ מיר אפריִער געווארנט, וואס פארא „דײַטשנ” עס גייענ. יונג אונ אלט האבנ געטאנצט א „ליאוואניכע”. די מאדיארנ האבנ געטאנצט זייער נאציאנאלנ „טשארדאש”.

פונ ליובאניטשי איז געקומענ א פויער אונ דערציילט, אז די פאליציײַענ האבנ פארשפרייט קלאנגענ, אז מיר האבנ די געפאנגענע מאדיארנ אפ שטיקלעכ צעשניטנ. עטלעכע מאדיארנ האבנ אינ דארפ הוטע, וווּ סילקינ האט די גרופע פארכאפט, אונטערגעצונדנ א פאר הײַזער. דאס אלצ האב איכ דערציילט ליודוויגנ. ער אונ זײַנע כאווײרימ האבנ זיכ, ווי איכ האב באמערקט, זייער באומרויִקט.

— שרעקט זיכ ניט. — האט זיי סילקינ געזאגט. — אײַכ וועלנ מיר אלציינגס אפלאזנ.

מיר האבנ זיי צוגעפירט צומ ברעג וואלד ניט ווײַט פונ גארניזאנ. איכ האב זיכ געווענדט צו ליודוויגנ:

— איכ מיינ, אז ווו נאר איר וועט זײַנ, וועט איר דערציילנ דעמ עמעס וועגנ אונדז.

פונ ליודוויגנ האב איכ זיכ נאכ פריִער דערוווּסט, אז בא זייער פאלק איז פאראנ אנ ארבעטס־באטאליאנ, וואס באשטייט בלויז פונ יידנ. ווי ער האט מיר דערציילט, איז אינ פארגלײַכ מיט דעמ, ווי עס לעבט זיכ די יידנ אינ אנדערע טיילנ, געפינענ זיי זיכ אינ דעמ דאזיקנ פאלק אינ בעסערע באדינגונגענ. דאכ איז, פארשטייט זיכ, אכ־אונ־וויי צו זייער לעבנ.

— איצט, — האט ער מיר געזאגט, — וועל איכ זיכ באמיִענ אנקומענ אפ ארבעט אינ לאגער, וווּ די יידנ געפינענ זיכ. מיט וואס נאר איכ וועל קענענ, וועל איכ זיי העלפנ.

מיר האָבן זיך צעזעגנט.

דער סטאַראָסטע פון דאָרף הוטע איז געווען אונדזערער א מענטש. זיינע ברידער האָבן זיך געפונען בא אונדז אין אָטריאַד. צו אים איז געקומען דער קאָמאַנדיר פון מאַדיאַרישן פאָלק און פאַרגעלייגט:

— אָט האָסטו דיר א בריוו צום פּאַרטיזאַנישן קאָמענדאַנט, און ווי דו ווילסט זיך, נאָר זאָלסט אים איבערגעבן.

נאָך אין זעלבן טאָג איז דער בריוו געווען בא מיר. ער האָט פאַרנומען צוויי גרויסע בויגנס פּאַפּיר, פאַרשריבן מיט קרומע רוסישע בוכשטאַבן (דעם בריוו האָבן מיר אָפּגעשיקט אינעם צענטראַלן שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג).

דער פּאָלקאָווניק האָט הארציק באַדאַנקט דעם „הער פּאַרטיזאַנישן קאָמענדאַנט" פאַר זיין ריטערלעכן טאַט, פאַר זיין מענטשלעכער באַציִונג צו די געפאַנגענע סאָלדאַטן. צווישן אַנדערן האָט ער געשריבן: „איין גרויסער אומגליק האָט געטראָפן אונדזערע פעלקער. איר האָט געפונען מוט זיך קעגנשטעלן. וועגן אונדז, מאַדיאַרן, קאָן מען עס, צום באַדויערן, ניט זאָגן".

אונדזער גאַסט דער „בריוונטרעגער" האָט דערציילט:

— ווי איך האָב זיך ניט געבעטן, זיי זאָלן מיך לאָזן צורו, געטיינעט, אז ווי ווען איך עס די פּאַרטיזאַנער געפינען, און טאָמער געפינען איך זיי יאָ, וועלן זיי דאָך מיך טייטן, קיין שום טענות האָבן ניט געהאָלפן. „איך שרייב אין בריוו, אז איך האָב דיך געצוווּנגען צו זיין מיין פּאַרלאַמענטיאַר, און בעט, וואָס פאַרא כעזשבוינעס זיי האָבן ניט מיט דיר, זאָלן זיי דיך דאָס מאָל ניט טשעפּען. איך גאַראַנטיר דיר, אז אזוי וועט זיין". — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק.

די דייטשן האָבן, ווייזט אויס, עפּעס אָנגעשמעקט. דעם טייל האָט מען זייער גיך אָפּגערופן פון אונדזער קאַנט.

דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק

קימאַט אַלע יעדיעס, וואָס דער שטאַב פאַדערט, זיינען גרייט. נאָר פון איין גאַרניזאָן האָב איך נאָך ניט באַקומען. זיצן מיר אַף א בערגל לעבן וואַלד און קוקן זיך איין אין דער ווייט — עפשער וועט זיך אונדזער שאַליעך באַווייזן. ליודוויג גושטשאַ, וואָס נאָך א ביסל און ער וועט רענדלען אין ווּקס דעריאַנגן, האָט דער ערשטער באַמערקט.

— עמעצער גייט! עפשער ער.

עס איז אַוועק א האַלב שאָ און מער, און דער מענטש איז נאָך אַלץ געווען קימאַט אַפן זעלבן מעהאַלעך פון אונדז.

— א טשערעפּאַכע, — באַמערקט עמעצער, — באַוועגט זיך אויך גיכער פון אים. מע דאַרף אים אַרויסגיין אַנטקעגן.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען ניט דער מענטש, אַף וועמען מיר האָבן געוואַרט, נאָר עפּעס א זאַקן אַף איין פוס. נאָך פונוויטנס האָט ער אונדז באַגריסט, מיטן אַרבל אויסגעווישט דעם שוויים פון שטערן און באַמיט זיך צו מאַכן נאָך א פּאָר שפּאַן. נאָר מער איז שוין באַ אים, ווייזט אויס, קיין קויעך ניט געווען. לאַנגזאַם, פאַרזיכטיק האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד.

— זיידע, פונוואַנען?

— פון שטאָט.

— פאַר וויפל זשע טעג האָט איר זיך אַהער דערקליבן?

— פאַר פיר. אַמאָל פלעגט עס באַ מיר דויערן פיר שאָ, און איצט — פיר טעג.

— וווהין זשע גייט איר?

— צו מענטשן. עס טרייבט מיך דער הונגער, קריך איך. דאָס האָב איך פאַר העכער פופציק יאָר פראַצע צו דער עלטער אַזאַ קאַ־ווער דערלעבט.

ער רעדט, און טרערן, גרויסע ווי באָב, קייקלען זיך איבער די צע־קנייטשטע באַקן אַף דער גרייז־גראָער באָרד אַראָפּ.

— ווער זשע, — פרעג איך אים, — איז שולדיק אין דעם?

— ווער? ווער איר זאָלט ניט זיין, ווייסט איר אַליין, ווער עס איז

שולדיק! דער אנטיכריסט איז אינ אלצ שולדיק! קוקט ניט אָפ מיר אזוי. איכ האָב שוינ ניט פאר וואָס מוירע צו האָבנ. קיינ גרעסערע שטראָפ וועט פאר מיר קיינער ניט צוטראכטנ. מײַנ זונ איז אינ פאָ־ליצײַ אָנגעקומענ, זאָג איכ אימ, אז ער איז אויכ אנ אנטיכריסט. אונ איר ווער זײַט, — אויכ פאָליצײַענ?

— יאָ.

— מעג איכ ווײַטער גיינ, אָדער איר וועט מיכ עפשער פאר אזא קראמאָלע ארעסטירנ, הא? פאר ארויסגעבנ א פארטיזאנ. זאָג איכ צו מײַנ זונ, גיט מענ א פעקל מאכאָרקע אונ א האלבנ ליטער בראנפנ. איז גיי קלאָג זיכ אָפ מיר, וועט מענ דיר עפשער די רעשט פונ א ציגײַער געבנ אונ בא א שיקערנ דײַטש פונ מויל א שמעק טאָנ דער־לויבנ.

ליודוויג גושטשא רופט מיכ אָפ אינ א זײַט.

— איכ קענ אימ, — זאָגט ער, — דעמ אלטנ. דאָס איז דעמ פעטער מישעס א קאָרעוו, זיידע יעפימ רופט מענ אימ. ער האָט אלע זײַנע יאָרנ אפנ האָלצ־קאָמבינאט געארבעט. די לעצטע צײַט איז ער געווענ א פענסיאָנער. צו אונדז אינ דאָרפ איז ער א פאָר מאָל אפ א מאשינ פונ קאָמבינאט געקומענ. מיכ וועט ער ניט דערקענענ, אָבער די עלטערנ מײַנע אונ די עלטערע ברידער דארפ ער גוט וויסנ. באלד וועל איכ זיכ דורכשמועסנ מיט אימ.

א טרער, ווי נאָר זי פאלט אראָפ, וועט זי אײַכ קיינמאָל ניט דערציילנ, צי איז זי אפ דער וועלט געקומענ פונ פרייד אָדער פונ ווייטעק, צי עפשער גאָר, ווײַל די שארפקײַט פונ א ציבעלע איז עמעצנ פארגאנגענ אינ דער נאָז. נאָר ווענ דער דאָזיקער זאָקנ האָט געוויינט, האָב איכ אפ זײַנ פאָנעמ געלייענט אי זײַנ ווייטעק, אי זײַנ פרייד, אלע באוועגונגענ פונ זײַנ הארצנ. וואָס זיי צו באשרײַבנ האָב איכ קיינ ווערטער ניט. דער אלטער האָט געוויינט, געקושט אונדז אונ געציילעמט, ווײַטער געקושט אונ געוויינט אונ ווידער געציילעמט. וויבאלד ער ווייסט שוינ, אז מיר זײַנענ פארטיזאנער, האָט ער געזאָגט, קענ ער אונדז דערציילנ, וווהינ ער גייט. מיכײַלאָ קור־קושקינענ זוכט ער. נאָר אזויווי דער מאָגנ פאָדערט זײַנס, גייט ער גלײַכצײַטיק איבער די הײַזער.

דער פעטער מישא דארפ הײַנט צו נאכט־צו קומענ אינ דאָרפ,

האבנ מיר אינצווייענ מיט גרויס מי ארופגעזעצט דעמ אלטנ אפ ליודוויגס פערד אונ אוועקגעפירט אימ אינ דארפ.

אינ עטלעכע טעג ארומ האט ער זיכ אומגעקערט צוריק אינ שטאט. מיט אימ האבנ מיר איבערגעשיקט א בריוו צו זײַנ זונ. עס איז אוועק א שטיקל צײַט, אונ זײַנ זונ האט אנגענומענ אונדזער פארשלאגנ. אימ האט זיכ אײַנגעגעבנ אנצוקומענ אפנ פאסטנ באמ פאראמ. דאס איז געווענ א מינ קאנטראל־פונקט, ווו בא יעדנ, וואס דארפ דורכנ טײַכ פונ שטאט אדער אינ שטאט ארײַנפארנ, פאדערט מענ דאקומענטנ. פאראנ נאכ א בריק, ווו מע קענ דורכגיינ, נאר דארט שטייט א דײַטשישער פאסטנ. האבנ מיר, הייסט עס, אנ איינגענעמ קאנטראליאר, וואס דעזשורעט דרײַ מאל א וואכ, אונ אינ די טעג קענענ מיר שיקנ ווענ מיר ווילנ אינ שטאט ארײַנ.

דעמ זיידע יעפימס פרוי האט געארבעט אלס אופראמערנ אינ דער שטאטישער דרוקערײַ — אנ ארט, ווו מע האט געקאנט קריגנ ביז גאר פאר אונדז נייטיקע זאכנ. זי האט עס גערנ געטאנ אונ מיטנ אלטנ צו אונדז איבערגעשיקט. פארנ זיידע יעפימ האבנ מיר געקריגנ א פערד אונ וואגנ אונ ער האט קורסירט אהינ אונ צוריק. ווו, מיינט איר, פלעגנ מיר באהאלטנ די פאטשט, וואס ער האט געפירט מיט זיכ, — אינ זײַנ הילצערנעמ פוס. ער אליינ האט זיכ דערטראכט צו דעמ. ניט נאר באפירנ, נאר אפילע אופרײַס־שטאפ האט ער פארשטעקט אינ זײַנ הילצערנעמ פוס. קיינ בעסערנ פארבינדלער, האב איכ געמיינט, וועלנ מיר שוינ ניט געפינענ. איכ האב א טאעס געהאט. זײַנ פרוי פאלינא יאקאוולעווא האט זיכ אינ א צײַט ארומ גענומענ פאר אט דער ארבעט אונ פלעגט מאמעש וווּנדער באווײַזנ. זי אונ נאכ א פרוי סאטיא קוקושקינא (קוקושקינס א שוועסטערקינד. אומגעקומענ אינ אפרעל כוידעש 1944) האבנ אפגעראמט פונ וועג א גרופע דײַטשישע אפיצערנ, וואס האבנ געשעמט אינ שטאט מיט זייער אכזאריעס, צווישנ זיי א דײַטשישע פרוי, א באוווּסטע שפיאנקע. ביז די לעצטע טעג פונ דער דײַטשישער אקופאציע האט דאס אלטע פארפאלק ניט געשאנעוועט קיינ קויכעס אונ זייער פיל געהאלפנ אינ אונדזער ארבעט.

דאָס ייִנגעלע מאַלטשיק

אין שטאָט האָט געוווינט איינער א מענטש, וועלכער האָט אויסגעפילט אונדזערע א געוויסע אויפגאַבע. דימאַ האָט ער געהייסן. ווען עס האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז ער האָט ניט געקענט מער בלייבן אין שטאָט, האָבן מיר אים דערלויבט קומען צו אונדז. מיט אים איז געקומען א יאַטל פון א יאָר דרייצן.

— ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט ברענגען אים אהער? — האָב איך אים געפרעגט. — פאַרשטייט איר דען ניט, אַז אין אונדזערע באַדינגונגען קענען מיר זיך מיט קיין קינדער ניט אײַסעקן?

פאַלן, ווען קינדער האָבן פאַרלאָזט די היים און זײַנען געקומען צו אונדז, האָבן שוין ניט איין מאָל פּאַסירט. מיר פלעגן זיי אײַנריידן אי מיט גוטן, אי מיט בייזן, און אָפּשיקן צוריק. נאָר אַזאַ אקשן, ווי דעם, האָב איך נאָך ניט באַגעגנט.

דימען האָב איך אָפּגעשיקט אין אונדזער לאַגער. וואָלאָדיאַ מאַלטשיקן, — אַזוי איז געווען דעם ייִנגלס פאַמיליע, — האָב איך באַפוילן, ער זאָל אונדז פאַרלאָזן. פלעגט ער, ווי א שאָטן, נאָכגיין אונדז פוסטריט. מיר קלײַבן זיך איבער אין א נײַ אָרט, איז זײַן קוואַרטיר אין נאָענטסטן דאָרף, לעבן אונדז. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז טשײַקאַ נעמט אים אָפּט מיט, ווען ער לאָזט זיך אויספילן א שטיקל אַרבעט. איך האָב אים פאַרבאָטן דאָס צו טאָן.

אין איינעם א טאָג קומט צו מיר מאַלטשיק.

— איר נעמט מיך ניט אָן?

— ניין.

— הײַנט גיי איך אהיים. עפּשער דאַרפט איר עפּעס איבערגעבן אין שטאָט?

איך האָב אים געגעבן אַן אַרבעט, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר זײַן עלטער און דערפאַרונג, אים אינסטרוקטירט, וואָס ער זאָל אין דער היים דערציילן וועגן דעם, ווו ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אַזאַ צײַט, געגעבן עפּעס עסן אויפן וועג, און ער איז אַוועק.

עס איז אַוועק ניט מער ווי א וואָך, און ער האָט זיך ווידער באַוויזן.

— וואָלאָדיאַ, האָסט דאָך געגעבן אַ וואָרט?

— מײַן וואָרט איז אַ וואָרט. גיט מיר, וואָס איך בעט בײַ אײַך, און איך גיי גלײַך אַוועק פֿון אײַך.

— וואָס זאָלן מיר דיר געבן?

— טאָל. אופֿרײַס־שטאָף דאַרף איך.

אים האָט צוגעשיקט אַ מענטש, וועגן וועלכן איך האָב געוווּסט. דאָס מאָל האָב איך אים אָפּגעזאָגט. איז ער אַ צווייט מאָל געקומען. באַקומען, וואָס ער האָט געבעטן, איז ער אַוועק און אין אַ שטיקל צײַט אַרום ווידער געקומען, אָנזאָגן וועגן דעם רעזולטאַט, וועלכן איך האָב שוין אַזוי אויך געוווּסט.

— איצט האָסטו שוין אַ גרויסע אַרבעט אָפּגעטאָן. אַזוי אַז דו קענסט שוין רויִק אין שטאָט זיך אומקערן.

— מאַסקים. נאָר איר האָט דאָך אַלײן אַנומלטן געזאָגט, אַז עס וואָלט גוט געווען אופֿרײַסן דעם קעסל פֿון דער עלעקטרעסטאַנציע, איז נאָך אין דעם שטיקל אַרבעט דערלויבט מיר מיטהעלפֿן, דער־נאָך וועל איך אײַך מער ניט באַאומרויִקן.

פּאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער געפֿונען אַ נײַע. שטענדיק האָט ער זיך געקליגט אַזוי צו טאָן, אַז ביז ער האָט נאָך איין זאַך ניט פֿאַרענדיקט, זאָל ער שוין זײַן פֿאַרבונדן מיט אַ נײַעם אײניען. איך האָב זיך איבערצײַגט, אַז דאָס איז אַ מײַסע אָן אַ סאָף. דערצו האָב איך זיך שוין טאַקע אָן וואָלאָדיען ניט געקענט באַגיין, איז ער שוין פֿאַרבליבן לעבן מיר, און נאָר פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט ער זיך לאָזן אין שטאָט אַרײַן. נאָך איינער אַזאַ נסיעה האָט ער מיר געבראַכט אַ צעטעלע, איבערגעגעבן עס און הערבײַ כיטרע גע־שמייכלט.

— וואָס ביסטו עס אַזוי צופֿרידן?

— איך וויל זען, ווי וועט איר עס פֿאַרשטיין.

אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר, געשריבן מיט אַ בלײַער, אַ וועלט מיט גראַמאַטישע פֿעלערן. גוואַלדיק אַ שאָד, וואָס מיר האָט זיך ניט אײַנגעגעבן פֿאַרהיטן דאָס בריוועלע. איך האָב פֿאַרגעדענקט אָט וואָס: „טײַערער ברודער מיט דער פֿאַמיליע, געזונט זאָלט איר מיר אַלע זײַן. זייער פֿײַן, וואָס איר פֿאַרגעסט ניט אין מיר, אַ גרויסן דאַנק פֿאַר דעם היי, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט, ווײַל דאָ קריגן איז קימאַט אוממעגלעך. זײַ ניט בערויגעז, וואָס איך דערעס דיר, נאָר מײַן

קו איז אזא פּרעסערן, אז זי האָט שוין באַוויזן דאָס גאַנצע היי אופּ־עסן, פאַרשטייסט דאָך, אז זי עסט א סאַך, איז פאַראַן א ביסל מער מילך, א שטיקל פּוטער, איז מיר טאַקע לײַכטער צו לעבן אפן דער וועלט. פאַראַן ניט ווייניק שכיינים, וואָס האָבן ניט וואָס צו געבן זייער בּודאָבע, הונגערן זיי טאַקע... גרים אלעמען און זײַ מאַצליעך. א באַזונדערן גרוס דעם פעטער מיט דער מומען. דײַן ברודער. א גרוס פון מײַן גאַנצער מישפּאָכע".

— ווייסט איר, ווען וואָס פאַר א היי עס האַנדלט זיך?

— טאָל.

— אויב אַזוי, איז אײַך אַלץ קלאָר און איר ווייסט, ווער עס האָט געשריבן.

— יאָ. און ווער איז דער פעטער און די מומע?

— דאָס איז אונדזער קאָמאַנדיר און דער קאָמיסאַר.

איינמאָל האָבן מאַלטשיק און טשײַקאַ זיך אָנגעריסן אפן א פײַנטלעכער זאַסאַדע. די דײַטשן האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי. זיי האָבן זיך געוואָרפן אין טײַך. די קעלט האָט זיי ניט געקענט אָפּשטעלן. אויב זיי וועלן דעם טײַך באַוויזן איבערשווימען, וועלן זיי זיך, מעגלעך, ראַטעווען. די דײַטשן האָבן גענומען שיסן אין די שווימענדיקע. שוין נאָענט צום אַנדערן ברעג טײַך האָט א קויל געטראָפן וואָלאָדיען אין בויך.

— טשײַקאַ, — האָט ער זיך מיט טרערן געבעטן, — דערשיס מיך. איך וויל ניט אַרײַנפאַלן קיין לעבעדיקער צו זיי אין די הענט.

טשײַקאַ איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוטיקן שווייס, נאָר ער האָט ניט פאַרלאָזט זײַן באַוועך. ער האָט אים געבראַכט צו טראָגן אין לאַגער. ס'איז א זעלטנהײַט, אז עמעצער זאָל לעבן בלײַבן מיט אַזא וווּנד. וואָלאָדיא איז לעבן געבליבן, אפילו גאָר איבעריקן געזונט געוואָרן און זיך ווידער גענומען פאַר זײַן פריערדיקער אַרבעט.

איצט איז ער א שילער פון א האַנטווערקער־שול.

„צינגער”

1

הארגענענ א פאשיסט איז ניט פונ די לײַכטע זאכנ. פארכאַפּנ אים לעבעדיקערהייט איז נאָכ שווערער. דערצו, אז מע נעמט זיכ שוינ פאר דער ארבעט, איז וויכטיק צו כאַפּנ ניט קיינ פּאָשעטנ סאָלדאט, נאָר אנ אָפיצער, אונ וואָס פונ א העכערנ ראנג. געווענ בײַ אונדז אזעלכע אויסשפּירער, ווי דער קאָמוניסט זאווגאָראָדני, דער קאָמיוגיסט שורופּאָוו, וואָס כאַפּנ „צינגער” איז געוואָרנ זייער ספּעציאַליטעט.

פונ וואָס האָט זיכ עס אָנגעהויבנ? אינ וועג האָבנ מיר איינמאָל באגעגנט א פּארטיזאנער פונ אונדזער בריגאדע, א געוועזענעמ מאט־ראָס. עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז ער האָט זיכ פאר דער מילכאָמע געלערנט אונ קענ פרײַ ריידנ דײַטש. ער איז געפאָרנ רײַטנדיק אונ געפירט נאָכ זיכ א געפאנגענעמ דײַטשישנ אָפיצער.

— ווו האָסטו די כײַע געפּאַקט?

ער האָט אונדז דערציילט:

אינ א דאָרף, נאָענט צו א גארניזאָנ, האָבנ אָנגעהויבנ אָפּט זיכ באווײַזנ איינצלנע דײַטשנ, האָט ער באשטימט עמעצנ פונ זיי פּאַקנ. ניט ווײַט פונ די ערשטע הײַזער האָט ער אָפּגעשטעלט א סאָלדאט, וואָס האָט געפירט מיט זיכ צוויי פערד. די באגעגעניש — א געוויינ־לעכע באגעגעניש פונ צוויי פריצנ: ווער? פונוואַנענ? וווהינ? לאָזט זיכ אויס, דער סאָלדאט פאָרט אינ גארניזאָנ נאָכ אנ אָפיצער.

— קענסט אים?

— ניינ.

— איז וואָס זשע, ער האָט אליינ קיינ אָרדינארעצ ניט, וואָס מע שיקט דיכ נאָכ אים?

— זײַנ אָרדינארעצ איז פארבליבנ בא אונדז.

— איינער אליינ דארפ ער פאָרנ?

— יאָ. דאָס פיר איכ א פערד פאר אים.

דער מאטראָס האָט אויסגעקלאָרט אלצ, וואָס עס האָט אים גע־קענט צוניצ קומענ, זיכ אָפּגעפּארטיקט מיטנ סאָלדאט אונ אליינ זיכ אוועקגעלאָזט נאָכנ אָפיצער. יענער האָט אים דערלאנגט א פּאָרציע,

פארוואָס אים איז אויסגעקומען אזוי לאַנג וואַרטן, זיך אופגעזעצט אפן פערד און הײַדאַ — אין וועג.

— בין איך אַן אָרדינאַרעצ, דאַרף איך זיך האַלטן פון הינטן, איז מאַכטייסע, פאַר מיר איז עס בעסער. דאָס, וואָס ער האָט ניט פאַר נייטיק צו שמועסן מיט אַ פּאָשעטן „דײַטשישן" סאָלדאַט, שטערט מיר אויך ניט. אַ קלאַפּ האָב איך אים געגעבן אַזאַ, ער זאָל פאַרלירן דעם באַוווסטזײַן ניט מער, ווי אַף אַ מינוט דרײַ. ווײַזט אויס, איך האָב צופיל קויען צוגעלייגט. איך האָב אים שוין אַנטוואָפנט, די הענט אַף הינטן פאַרבונדן, און ער איז נאָך אַלץ געלעגן, ווי אַ פּייגער. איר וואָלט געמעגט זען, וואָס פאַר אַ פיזיאָ־נאָמיע בא מײַן פריצ איז געווען, ווען ער האָט די אויגן געעפנט. געוויס וואָלט ער געוועז מער צופרידן, ווען ער וואָלט גאָר קיינמאָל צו זיך ניט געקומען. צוערשט האָט ער געפּרוווט מאַכן פוילע שפּיק. צו ביסלעך האָב איך אים אָפּגעוווינט פון דעם. אין וואַלד האָט ער זיך שוין איבערצײַגט, אַז עס איז ניט פאַראַן וועמען צו הילף צו רופן. איצט זעט איר, ווי ער פירט זיך אוף? אַ מעכײַע צו קוקן.

מיט דער דערלויבעניש פון דער קאָמאַנדשאַפט האָט דער מאַט־ראָס צוזאַמען מיט שורופּאָוון און זאַוואַראָדני דערנאָך געשאַפן אַ דרײַלינג אַף צו כאַפּן „צינגער".

געווען אַזאַ פאַל. פרילינג 1944 האָבן צו אונדז אין לאַנט אָנגעהויבן אָנקומען טיילן פון אַ נײַער דײַטשישער אַרמיי. עס איז זייער וויכטיק געווען פאַרכאַפּן אַזאַ „צונג", וואָס זאָל קענען דער־ציילן מער ווי וועגן אַ פּאָלק אָדער אַ דיוויזיע.

דער דרײַלינג האָט באַקומען אַ באַפעל זיך לאָזן צום פראָנט (אינגאַנצן עטלעכע צענדליק קילאָמעטער פון אונדז) און ברענגען אַן אָפיצער, ווינטשנסווערט אַזאַ, וואָס אַרבעט אין אַ שטאַב.

צו דער אָנגעמערקטער צײַט האָבן זיך די אויסשפּירער ניט אומ־געקערט. ס'זײַנען נאָך דרײַ טעג פאַרבײַ, און קיינער פון דער גרופּע האָט פון זיך הערן ניט געלאָזט. עס האָבן זיך שוין געפונען באַלאַ־נים, וואָס זײַנען געקומען אין שטאַב זיך בעטן, מע זאָל זיי דער־לויבן אויספילן די זעלבע אופגאַבע און גלײַכצײַטיק אויסקלאָרן דעם גורל פון זייערע כאַווירים.

דער וואַכמאַן, וואָס איז געשטאַנען באַם ראַנד פון וואַלד, ווו אונדזער לאַגער האָט זיך געפונען, האָט דורך אַ פאַרבינדלער אונדז

אָנגעזאָגט די בסורע: שורופּאָוו מיט זײַנע בעוורע האָבן גאָרוואָס געבראַכט א „גאסט״ — א דײַטשישן קאַפּיטאַן.

באַם בײַדל, ווּ עס האָט זיך געפונען דער שטאַב, איז געשטאַנען סאַשא שורופּאָוו — אַן אויסגעדאַרטער, א מידער, א פאַרוואַקסע-נער. ער האָט זיך געלאָזט אַנטקעגן דעם קאָמבריג. ניט דערגייענדיק עטלעכע שפּאַן, זיך אָפּגעשטעלט און ראַפּאָרטירט:

— כאַווער קאָמאַנדיר, אײַער באַפעל איז אויסגעפילט, געבראַכט א האויפּטמאַן פון דער דײַטשישער אַרמיי־אויסשפּירונג.

באַם פּרישטיק עסן האָט ער אונדז דערציילט: זיי האָבן פאַר־כאַפּט אַן אַנדער דײַטש, נאָר יענער האָט ווייניק־וואָס גע־ווּסט. אַף צו פּאַקן דעם דאָזיקן פריץ האָבן זיי געפּאַטערט עטלעכע טעג, זיך אַלץ ניט געקענט דערוואַרטן, ביז ער וועט זיך לאָזן אַף שפּאַציר. גענומען האָבן זיי אים לעבן דאָרף, פונוואַנען שורופּאָוו אַליין שטאַמט.

נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט מען פון דער „גרויסער ערד״ צוגעשיקט אַן עראָפּלאַן נאָכן דײַטשישן קאַפּיטאַן.

2

סאַוויטש מיט א גרופּע אויסשפּירער האָבן דורכגעפירט אַזא אָפּעראַציע. אין דאָרף באָראָוויצי איז געשטאַנען א גרויסער גאַרני־זאָן. אונדזערע אויסשפּירער סאַמשאָנאָק און סאַכאַראָוו, צוויי כאַ־ווייִרים, צוויי מישעס, וואָס ס׳איז שווער געווען זיי צעשיידן, האָבן געשטאַמט פון דעם דאָזיקן דאָרף און האָבן זיך שוין לאַנג געבעטן, מע זאָל זיי אָפּלאָזן כאָטש אַף איין נאַכט אין דאָרף — אהיים. זייער קאָמאַנדיר סאַוויטש האָט באַשטימט:

— אַליין וועל איך אײַך ניט לאָזן. צוזאַמען קענען מיר גיין.

מיט זיך האָבן זיי מיטגענומען אָליא קאַלייעווא.

אין דאָרף האָבן זיי זיך דערוווּסט: דער קאָמענדאַנט מיט א גרו־פּע היטלעריסטן שיקערן באַם סטאַראָסטע. סאַוויטש איז געווען א ליבהאָבער פון אַזעלכע אָפּעראַציעס. די מישעס און אָליא האָבן פאַר־שפּאָרט אים לאַנג בעטן.

א מינוט פּוּסטן זײַנען זיי געשטאַנען אין הויף. אין נאָך א פּאָר הײַזער האָט מען געשיקערט, דערבײַ געהאַלטן אין איין שיסן. דער

באַלעבאָס פון דײַטשישן גאַרניזאָן, דער קאָמענדאַנט, האָט זיך גע־פירט סאָלידער, עפשער איז ער נאָך געווען ניט גענוג שיקער. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן, זײַנען אונדזערע געשטאַנען און גע־וואַרט.

אין הויף איז אַרויס דער באַלעבאָס פון הויז. ער האָט צופיל אויסגעטרונקען און איז, קענטיק, געוואָרן ניט גוט. ווי נאָר ער האָט באַמערקט אונדזערע, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צוריק צו דער טיר, נאָר אַף דער שוועל איז שוין געשטאַנען סאַטשאַנאַק. ער האָט אים געוואָרנט:

— קיין פּיפּס זאָלן מיר פון אײַך ניט הערן! דאָס גאַנצע דאָרף האָבן פּאַרטיזאַנער פאַרנומען. מיר דאַכט זיך, איר האָט זיך שוין אויסגעניכטערט, איז פירט זיך ווי געהעריק. מיט אײַך וויל ריידן אונדזער קאָמאַנדיר.

סאַוויטש האָט אים אַרײַנגעפירט אין קלוניע. ער האָט נאָך פריִער געוואָרנט זײַנע באַוויירים: דעם סטאַראָסטע, אויב ער וועט זיך ניט ווערן, דאַרף מען ניט משעפּען, די דײַטשן וועלן אים אַליין אופהענגען, אויב די אָפּעראַציע וועט זיך אײַנגעבן.

געציילטע דרײַ פראַגן: וויפל זײַנען זיי? ווער? וויפל האָבן זיי אויסגעטרונקען? און איצט אין שטוב אַהײַן.

סאַוויטש און סאַטשאַנאַק מיט צוויי דײַטשישע אויטאָמאַטן קומען אַרײַן און שטעלן זיך איינער באַם פענצטער, דער צווייטער — באַ דער טיר. די קאָמאַנדע: „הענדע האָך!" ווייסן שוין אַלע פּאַרטי־זאַנער, קומען אויך דאָס מאָל די ווערטער צוניץ. אויבנאָן באַם טיש זיצט אַן „אַריִער" אין די יאָרן, אַ דיקער, אַ געזונטער, אַ רויטער, דאָס רעקל צעשפּיליעט, פון קאַס ווערט ער נאָך רויטער. ער מיינט, דאָס זײַנען פּאָליצײַען, שרײַט ער אַף זײַן גאַנצער געמבע:

— וואָן — באַפיל איך אײַך! איך בין דאָ קאָמענדאַנט!

סאַטשאַנאַק לאָזט עטלעכע רייען פון זײַן אויטאָמאַט אין די הינט־לעריסטן. זיי פאַלן. דער קאָמענדאַנט כאַפּט זיך פאַרן פּיסטאָלעט. סאַ־וויטש גיט אים מיטן העמבל פונעם אויטאָמאַט צווישן די אויגן. ער פאַלט, און פאַלנדיק, ציט ער אַראָפּ דעם טישטעך מיטן לאָמפּ. עס ווערט פינצטער. אינצווייען שלעפּט מען דעם קאָמענדאַנט אַרויס פון שטוב. אַזאַ „צונג" וואָלט געקענט עפּעס דערציילן. וועגט ער אָבער אַ סאַך, און די פערד זײַנען ווײַט, דערצו הייבט ער אָן קומען צו זיך.

— ברענט ער אפן פייער! — זידלט זיך סאַוויטש. — מיר וועלן אים מוזן דאָ איבערלאָזן.

ווען זיי זיינען שוין געווען ווייט, העט ווייט הינטער די גערטנער, נאָענט צום וואַלד, איז אין גאַרניזאָן געוואָרן אַ שיסערײַ. אין וואַלד כאַפּט מען איבער דעם אָטעם, מע זעצט זיך אַף די פערד און — צוריק אין לאַגער.

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט: דער סטאַראָסטע האָט דער ערשטער אויפגעהויבן דעם טומל. דאָס האָט אים אָבער ניט געהאָלפן. די דייטשן האָבן אים טאַקע אויפגעהאַנגען.

יעדיעס פאַר דער „גרויסער ערד"

1

איך האָב אַליין ניט באַמערקט, ווי עס איז אַוועק דער זומער 1943. ווילט זיך דיר שלאָפן, פאַלסט פון די פיס פאַר מידקייט—לייגסטו זיך צו אונטער אַ קוסט, באַ אַ באַקאַנטן פויער כאַפּסטו עפּעס איבער, און ווייטער אין וועג, און ווייטער פאַר דער אַרבעט. און אַרבעט האָט געקלעקט. ניט געקוקט אַף אַ רייַ דורכפאַלן, האָט זיך אונדז דאָך איינגעגעבן איינשטעלן ניט קיין שלעכטע פאַרבינדונג מיט דער שטאָט. פון דער „גרויסער ערד" פאָדערט מען אַלץ פאַרשיידנאַרטיקערע און פּינקטלעכערע יעדיעס. עס באַפרידיקט שוין ניט די אינפאָרמאַציע, אַז אין שטאָט געפינט זיך אַזאַ און אַזאַ צאָל פיינטלעך מיליטער. מע מוז וויסן, פונוואַנען זיינען זיי אַהער געקומען און וווּהין פאָרן זיי אַרויס, און די הויפּט־זאַך — דעם נומער פון טייל, די אַרמיי. דערוויסן זיך דאָס איז ניט פון די פּאָשעטע זאַכן. מע זאָגט אונדז אונטער אַזאַ מיטל. אַף די דייטשישע אויטאָמאַשינעס, טאַנקען, אַפילו וועגענער איז פאַראַן אַ געוויסער צייכן, לעמאָשל — אַ קאַץ, אַ לייב, אַ הונט, אַ מאַלפּע. יעדער מיליטער־טייל האָט זיך אויסגעקליבן אַלס סימבאָל זיין בהמה. עס געלינגט אונדז אַרויסבאַקומען אַ דייטשישן האַנטבוך, ווו עס איז אָנגעוויזן, וועלכער טייל וועלכן צייכן סע טראָגט. אַף דער ערשטער צייט איז דאָס אויך גוט, אָבער נאָר ווי אַ צוגאָב־קוואַל. וויַל עפּשער איז אַ מאַשין מיט אַ געוויסן צייכן צופעליק אַהער געקומען. ניטאָ

שוינ בא די פריצנ זייער געוועזענע פינקטלעכקייט, אקוראטקייט, איצט זיינענ זיי מיט וויכטיקערע זאכנ פארנומענ. אָפט פארגעסט מענ אָפ א נייער מאשינ די מאלפע אָנמאָלנ. איבער פארשיידענע צופאלנ פאלנ אריינ מאשינעס פונ איינ טייל אינ אנדערע טיילנ, אונ די געמעלנ בייט מענ ניט. איז וואָס טוט מענ? מיר האָבנ געפונענ א שליסל צו די מי־ ליטערישע סודעס. פאראנ צוויי אנשטאלטנ, צוטריטלעכע פאר ציוויי־ לע מענטשנ, וואָס אָנ זיי קענענ זיכ די דייטשנ ניט באגיינ. ברויט דארפנ ניט נאָר די טיילנ, וואָס שטייענ אינ דער שטאָט אונ נאָענט צו איר, נאָר אויכ אזעלכע, וואָס פאָרנ פארביי. אפנ היגנ אייזנבאנ־ קנופ באקומענ זיי פראָדוקטנ. יעדער קאָמאנדיר שיקט פאָרויס א פאָ־ דערונג. אינ דער פאָדערונג איז אָנגעוויזנ, אז ער דארפ טאָג־טעגלעכ אָדער אפ אזא אונ אזא טאָג, ווענ ער וועט פארבייפאָרנ, אזויפיל ברויט פאר די סאָלדאטנ אונ אזויפיל — פאר די אָפיצערנ. דערביי ווייזט ער אָנ דעם נומער פונ זיינ טייל אונ שרייבט זיכ אונטער. די נאָרמע פאר א סאָלדאט אונ פאר אנ אָפיצער איז אונדז געווענ באוווסט. האָבנ מיר אָפגעזוכט א זיכערנ מענטשנ, וואָס שיקט אונדז טאָג־טעגלעכ איבער די יעדיעס פונ די בעקערייענ.

א צווייטער מענטש ארבעט אפ דער באנע, זי איז די איינציקע אינ שטאָט. איינער ווייסט ניט פונ דעם צווייטנ. נאָר קימאט שטענדיק פאלנ די יעדיעס צונויפ. פאראנ נאָכ אנדערע קוואלנ. מע קענ פארגלייכנ, דורכקאָנטראָלירנ, פעסטשטעלנ. אויב קיינ באזונדערס וויכטיקע ענדע־ רונגענ זיינענ ניט פאראנ, זאמל איכ צונויפ אונ שיק אינ שטאב די יעדיעס צוויי מאָל א וואָכ.

עס טרעפט אָפט, אז מיר האָבנ האנאָע פונ אָט דער ארבעט אונ־ דזערער. אשטייגער, אזא פאל. איינשטעלנדיק דאָס לעבנ, קריגט אונ־ דזערער א מענטש א שטרענג געהיימענ צירקוליאר, אונטערגעשריבנ פונעם שטאָטקאָמענדאנט. אינ צירקוליאר שטייט געשריבנ, אז אויב ס'וועט אינ מעשעכ פונ די נאָענטסטע טעג צווישנ 11.30 אונ 12 אזייגער באטאָג דערקלערט ווערנ לופט־אליארמ, זאָל די זעניט־ ארטילעריע ניט עפענענ קיינ פייער; די עראָפלאנענ, וואָס היטנ די שטאָט, זאָלנ זיכ ניט אופהייבנ אינ דער לופט — דאָס איז א פאלשער אליארמ, וואָס ווערט געמאָלדנ צוליב געוויסע צילנ. מעגלעכ צו קאָנ־ טראָלירנ, ווי עס וועט זיכ אופירנ די באפעלקערונג, מעגלעכ צוליב אנ־ דערע טעמימ.

גלײַך טײל איך װעגן דעם מיט אײן שטאָב.

— קענסט פֿינף מאָל בײַטן דאָס פֿערד אין די דערפֿער! — װאָרג איך דעם פֿאַרבינדלער. — נאָר אָנקומען זאָלסטו אַהין צו דער אָנגעמערקטער מינוט.

דער לעצטער טאָג, װען דער באַפֿעל פֿון דײַטשישן גענעראַל איז נאָך גילטיק, געציילטע מינוטן זײַנען פֿאַרבליבן. מיר ליגן אין װאַלד, א קילאָמעטער פֿינף—זעקס פֿון שטאָט. שױן זשע האָבן אונדזערע ניט באַװיזן דורך ראַדיאָ מיטיילן, װעמען מע דאַרף? אָדער עפּעס איז עס ביכלאַל גאָר ניט אַזױ װיכטיק, און מיר האָבן געמיינט...

עס דערהערט זיך א הודזשען. קיינער פֿון אונדז לאָזט קיין פּיפּס ניט ארויס. דער רױש דערנעענטערט זיך. שױן דעם װיפֿלטן קרײַז מאַכן די אַעראָפּלאַנען איבער דער שטאָט. ניט אַנדערש, װי זיי פֿאָטאָגראַפֿירן די מיליטערישע אָביעקטן. דערנאָך — בום־בום... די ערד ציטערט אױף. װען די זעניט־האַרמאַטן צעעפֿענען די מײַלער, זײַנען אונדזערע שױן װײַט.

װי קליינע קינדער, קוליען מיר זיך פֿאַר שׂימחה אױפֿן גראָז. אײַ, װי גוט!

2

עס גייען אַרום קלאַנגען: די רױטע אַרמיי איז שױן גאָר נאָענט. נאָך קורסק און בעלגאָראָד איז געקומען די רײ פֿון אונדזער קאַנט. א סאַך פֿון צװישן דער ציװילער באַפֿעלקערונג פֿאַרלאָזן די שטאָט. די דײַטשן בױען איין ליניע שוצגראָבנס נאָך דער צװייטער, דאָרטן אין פֿעלד, אין װאַלד, באַם טײַך און אַפֿילע אױף די צענטראַלע גאַסן. מע פֿאַרגראָבט צעשעדיקטע טאַנקען, עס קלעקט ניט קיין שטיינער, אײַזן, צעמענט. װייניק צװעלף שאָ, נייט מען סאָװעטישע קינדער און פֿרױען אַרבעטן צו 14—16 שאָ א מעת־לעת.

איינציקװײַז און הונדערטערװײַז, צעזייט און צעשפּרייט װאַלגערן זיך סקעלעטן, ביינער פֿון צעשאָסענע, אױפֿגעהאָנגענע, אױף טויט־פֿאַרמוטשעטע מענטשן. די פֿאַשיסטישע אָנפֿירונג האָט שױן דאַן פֿאַרשטאַנען, אַז א נירנבערגער פּראָצעס איז אַן אומפֿאַרמײַדלעכע זאַך. איז װי לאָזט מען עס איבער די טויטע, װאָס זײַנען נאָך געפֿערלעכערע אײדעס, װי די לעבעדיקע? דײַטשלאַנד פֿאַרמאָגט „געלערנטע", װאָס

האָבנ צוגעטראַכט א וועלט מיט מיטלענ ניט נאָר צו פאַרניכטנ דעמ מענטשנ, נאָר אויכ צו פאַרניכטנ די שפּורנ פונ פאַרניכטונג. ברענגט מענ עשעלאָנענ פעסער מיט אזא שטאָפ, וואָס האָט ניט קײנ רײעכ אונ ניט קײנ קאָליר, די טויטע לײגט מענ צונויפ, ווי האָלצ, שטאַבעלנווײַז, מע באַגיסט זײ מיט אָט דער פליסיקײַט. אונ אָט האָט איר אײַכ א דײַטשישנ קונצ: ערשט געווענ אונ שוינ ניטאָ. אלצ איז פאַרברענט געוואָרנ. עמעס, פאַראַנ א ביסאָרנ. גאָרניט טוט זיכ ניט אלײנ. מע דאַרפ אַרבעטס־הענט. נאָר די היטלעריסטנ גיבנ זיכ אַנ אײצע. קײנ לעבעדיקע אײדעמ וועלנ זײ דאָכ סײַוויסײַ ניט איבערלאָזנ. א גאַנצנ טאָג וועלנ אײנע צינדנ מענטשנ, אונ צו אָוונט־צו וועט מענ זײ אלײנ פאַרברענענ. מאָרגנ איז די רײ פונ די, וואָס האָבנ נעכטנ יענע פאַרברענט.

דאָס אלצ איז עמעס. אָבער דאָכ זײַנענ עס קלאַנגענ, ניט קײנ יעדיעס פאַר אַנ אָפיציעלער מיטײלונג. מע דאַרפ די גוויעס־אײדעס פונ א מענטשנ, וואָס האָט אלצ געזענ מיט די אײגענע אויגנ אונ קענ אָנרופנ דאַטעס, ערטער, מענטשנ.

פאַראַנ אינ שטאָט א טיפ, וואָס האָט שוינ לאַנג פאַרקויפט זײַנ פעל דעמ פײַנט. זי, די אײגענע פעל, איז בא אימ אָבער טײַערער פאַר אלצ, פרווט ער זי איצט נאָכאַמאָל פאַרהאַנדלענ.

ס'איז שוינ געווענ א פאַל, ווענ מיר אלײנ זײַנענ געווענ געצוווּנגענ ווענדנ זיכ צו אימ נאָכ הילפ.

אינ אײנעמ א טאָג איז אָפּ א פערד אונ וואָגנ צוגעפאָרנ צומ שטאַב פונ דער בריגאַדע אונדזער פאַרטיזאַנער ניקאָלײַ רוסאַנאָוו אונ מיט אימ א נידעריקע דאַרע פרוי מיט א היפשנ פאָרטפעל אונטערנ אָרעמ. פלינק איז זי אַראָפּגעשפּרונגענ פונעמ וואָגנ אונ ניט אָפּגעטראָטנ פונ אימ, ביז מע האָט ניט אויסגעלאָדנ א היפשע צאָל פאַרנײטע ווײַסע זעקעלעכ, וואָס זײַנענ געלעגנ אונטערנ הײ. רוסאַנאָוו איז געווענ פונ די געצײלטע פאַרטיזאַנער, וואָס זײַנענ ניט געווענ פאַררעכנט אינ קײנ שומ וזוואָד אָדער ראָטע. ער פלעגט אויספילנ ספּעציעלע פאַרגעבונגענ פונעמ שטאַב. ער איז אַנ אָרטיקער. ס'איז ניט געווענ קײנ דאָרפ, ווו ער זאָל ניט פאַרמאָגנ קײנ גוטע־פרײַנט אָדער גלאַט באַקאַנטע. אינ לאַגער איז ער געווענ א זעלטענער גאַסט. אָבער ווענ ער פלעגט זיכ שוינ יאָ באַווײַזנ, איז ניט מיט קײנ לײדיקע הענט: ניט געווער — איז מעדיקאַמענטנ, ניט מעדיקאַמענטנ — איז שריפט

פאר אונדזער דרוקערײַ. אינ די סאמע פארוואָרפענע דערפלעכ אונ אינ שטעט, וואָס איז געווענ פול מיט דײַטשנ, פלעגט ער דורכטראָגנ אונדזערע צײַטונגענ אונ פלוגבלעטלעכ.

אונדז האָט אויסגעפעלט א דאָקטער, האָט אים ניקאָלײַ געבראכט פונ ראיצענטער צוזאמענ מיט א גאנצער אפטייק. א שווער־פארוווּנדעטער סאָוועטישער פליִער, א מאיאָר, באהאלט זיכ אויס אינ א דאָרף, ווו עס שטייט אײַנ א פײַנטלעכער גארניזאָנ. אונ זוכט מיטלענ ווי מיט אונדז זיכ צו פארבינדנ, שיקט מענ רוסאנאָוונ. עס גייט ניט אוועק קיינ וואָכ, אונ ביידע, ער אונ דער מאיאָר, זײַנענ שוינ אינ לאגער.

דאָס מאָל האָט אים קיינער ניט געזענ א צוויי וואָכנ נאָכאנאנד. א שווער שטיקל ארבעט האָט ער געהאט אָפּצוטאָנ. ער, צוזאמענ מיט דער הויפּט־קאסירשע פונ שטאָט־באנק מאריִא טריזנא, האָבנ ארויסגעטראָגנ דעמ גאנצנ קאפּיטאל פונ באנק אונ געבראכט צו פירנ צו אונדז. אליינ מאריִא האָט זיכ געראטעוועט, נאָר אירע עלטערנ אונ דעמ ברודער האָט די געסטאפּאָ פארהאלטנ. טאָג־אײַנ, טאָג־אויס דרוקנ די פאשיסטישע צײַטונגענ איינ מעלדונג: „מ. ט., אויב איר וועט ניט אומקערנ, וואָס פונ אײַכ קומט (ווי פּאסט עס זיי דעמ עמעס דערציילנ!), וועלנ מיר אײַערע עלטערנ אונ דעמ ברודער טייטנ אונ אויכ אײַכ וועלנ מיר פארהאלטנ". די לעצטע דראָונג קימערט זי ווייניק, ווײַל זי האלט שוינ א ביקס אינ האנט. אָבער וואָס וועט זײַנ מיט דער מישפּאָכע?

— מע דארפ עפּעס פאָרנעמענ, — זאָגט מיר געראסימ לעאָנטיעוויטש.

איכ שרײַב אָנ א בריוו צו יענעמ טיפּ, וואָס האָט זיכ דערדינט צו א הויכנ פּאָסטנ בא די דײַטשנ: „מיר ליינ אײַכ פאָר ראטעווענ טריזנעס מישפּאָכע". „מיט פארגעניגנ" — ענטפערט ער. — „נאָר אז עס וועט קומענ די צײַט, זאָלט איר אינ דעמ ניט פארגעסנ". אונדזער ענטפער איז געווענ: „מיר וועלנ גאָרניט פארגעסנ". איכ האָב ניט געצווייפלט: דאָס מאָל וועט ער האלטנ וואָרט. אזוי איז געווענ.

די טעג האָט ער צוגעשיקט פּינקטלעכע ידיעות וועגנ דעמ, וויאזוי די דײַטשנ פארברענענ די טויטע. ער שרײַבט: „צוליב קריגנ אײַכ די ידיעות האָב איכ אײַנגעשטעלט מײַנ אייגנ לעבנ. איכ בינ אליינ בײַגעווענ בא דעמ אלעמ. כ׳בינ ניט זיכער, אז אינ איינעמ א טאָג

וועלן די דײַטשן מיך אַליין ניט פֿאַרברענען, ס'זאָל ניט בלײַבן קיין איידעס. זאָלט איר אויך אין דעם געדענקען".

מיר האָבן די יעדיעס דורכגעקאָנטראָלירט און מיטגעטיילט אין שטאַב. אין עטלעכע טעג אַרום האָט אונדזער ראַדיסט אויפֿגענומען די אָרדנטלעכע סוואָדקע פֿון סאָווינפֿאָרמביוראָ. אין איר איז צווישן אַנ־דערן אָנגעוויזן: „די דײַטשן מאַסקירן די שפּורן פֿון זייערע פֿאַר־ברעכנס". און ווײַטער ווערט אײַנקורצן דערציילט וועגן אַלץ, וואָס מיר האָבן מיטגעטיילט. די פֿאַשיסטן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו פֿאַרווישן די שפּורן פֿון זייערע פֿאַרברעכנס. מאָסקווע ווייסט שוין איצט וועגן דעם. און אויך מאָסקווע רעדט, הערט און ווייסט די גאַנצע וועלט.

באַ רודיאַקן

1

עס גליקט מיר ניט. ווי נאָר פֿאַר אַ סאָוועטישן יאָמטעוו, ווען עס ווילט זיך אַזוי זײַן צוזאַמען מיט אַלעמען אין לאַגער, שאַפֿט זיך אַזאַ לאַגע אין מײַן ראַיאָן, אַז אָדער איך קען אים ניט פֿאַרלאָזן, אָדער אין לאַגער איז אומעגלעך זיך דערקלײַבן.

עס איז געווען זונטיק. אָנהייב נאָיאַבער. פּאַרטאָג זײַנען מיר גע־קומען פֿון אַ ווײַטן וועג, און איצט האָבן מיר גערוט באַ אַ פֿויער אין שטוב. אין דאָרף זײַנען געשטאַנען נאָך פּאַרטיזאַנער, אַזוי אַז איך בין געווען רויק און קיין פּאָסטן ניט אַרויסגעשטעלט. שלאָפֿן שלאָף איך ווי אַ סאַץ. איך שלאָף, און איך הער: דאַכט זיך, מאָטאָרן הוד־זשען. אין פֿענצטער טוט עמעצער אַזאַ קלאַפּ, אַז אַ שויב פֿאַלט אַרויס.

— טאַנקען און פּאַנצער־מאַשינען פֿאָרן!

מיר זײַנען שוין אין הויף. אַ דאָרף מיט מענטשן לויפֿט צו אונדז, פּונקט ווי מיר זײַנען בעקוויעך די טאַנקען אָפּשטעלן און אין דאָרף זיי ניט דערלאָזן. מיר לויפֿן און שרײַען:

— זאַמלט זיך ניט אין קיין גרופּעס! לויפֿט אין וואַלד!

די דײַטשן האָבן אונדז באַמערקט, ווען מיר זײַנען געווען באַם טײַכל. דאָ איז נאַס און בלאָטיק, און „בריקלעך" זײַנען אַזעלכע, וואָס

ניט יעדער פּוסנייער קאַן אַריבער אַף יענער זײַט. די דײַטשן באַשיסן אונדז פון גרויסקאַליבערדיקע קוילנוואַרפער, וואָס זײַנען אײַנגעשטעלט אַף די טאַנקען און פּאַנצער־מאַשינעס. קוילן רײַסן זיך, און די קלאַנגען זײַנען אַזעלכע, פּונקט ווי ניט פון דאָרף וואָלט מען געשאָסן אין אונדז, נאָר פון וואַלד, וווּהין מיר לויפן. דאָס פאַרהאַלט אונדז אַף איין אויגנבליק. די ציווילע בלײַבן שטיין. אייניקע לאָזן זיך צוריק. טשײַקאַ פאַרלויפט זיי דעם וועג, פּאַכעט אינדערלופטן מיט זײַן בײַטש.

— וווּהין, נאַראָנים! נאָכן טויט האָט איר זיך פאַרבענקט?

א פערד פאַלט. צוויי קוילן טרעפן אין א פּאַרטיזאַן, וואָס לויפט לעבן מיר. איבערבינדן קען מען דאָ ניט, טראָגן מיר אים. פון זײַנע וווּנדן פליסט בלוט. שוין אין וואַלד פאַרלירט ער דעם באַוווּסטזײַן.

צו אָוונט־צו קלאָר איך אויס: אין אַלע אַרומיקע דערפער האָבן זיך אָפּגעשטעלט דײַטשן. דער וואַלד־מאַסיוו, וווּ מיר געפינען זיך, איז ניט קיין גרויסער. אויב זיי וועלן מאָרגן אַף אונדז אָנפאַלן, וועט שווער זײַן זיך פונדאַנען אַרויסקלײַבן. דערצו — דער פאַרוווּנדעטער כאַווער. פאַרלאָזן וועלן מיר אים ניט, אָבער אומקומען קענען איבער אים אַלע. איך האַלט זיך אַן אייצע מיט מײַנע כאַווײרים. אַלע זײַנען פאַר דעם, מיר זאָלן גלײַך דעם וואַלד פאַרלאָזן. צוויי פאַרבינדלער באַפויל איך זיך דערקלײַבן צום שטאַב. דאָ אין ראַיאָן בלײַבט איבער פּאַליאַ קוקושקינאַ. צוזאַמען מיט דעם פאַרוווּנדעטן לאָזן מיר זיך צום אינדזל, וווּ רודיאַק געפינט זיך.

א פּלאַסטש־פּאַלאַטקע ווערט פאַרוואַנדלט אין א טראָג־בעטל. פיר מענטשן טראָגן עס. צוויי גייען עטלעכע מעטער פאַרויס, צוויי — פון הינטן. מיר בײַטן זיך. איינער איז אַוועק אין אויסשפּירונג.

פעדאָסיי רודיאַק, א געוועזענער פּאַרטיי־טוער, מיט זײַן גרופּע געפינט זיך ניט ווײַט פון דעם כוטאָר אינגאַצאָווקע, לעבן טײַך בעריאָזאַ. אַהין איז א קילאָמעטער זעכצן. אונדז קומט אויס דורכמאַכן מער, ווײַל מיר מײַדן אויס דערפער, צענטראַלע וועגן.

מײַנע כאַווײרים האַלטן, אַז איך פאַרשטיי עפּעס אין מעדיצין. איז ווי נאָר מע שטעלט זיך אָפּ דעם אָטעם איבערכאַפּן, רופט מען מיך גלײַך.

— קאָמאַנדיר, טוט א קוק: ער לעבט?

עס איז שטאָק־פינצטער. מיר דאכט זיך, אז ער איז טויט. נאָר אלציינס וועלן מיר אים דאָ ניט איבערלאָזן. איז צוליב וואָס נאָך מער פאטערן די שטימונגען?

— ער לעבט, — ענטפער איך.

מע ווישט אוים דעם שוויים פון שטערן און ווײַטער אין וועג.

ניט ווײַט פון איינגאנצאָוועקע פליסט א טײַך, וואָס פאלט ארײַן אין בעריאָזא. אונדזער כאווער לעבט. ער קרעכצט, מאטערט זיך. פון קלעצער, צווײַגן בינדן מיר קוים מיט צאָרעס צונויף א פליט. אָט זײַנען מיר שוין אפ יענער זײַט.

2

אפ א לאָנקע, ארומגערינגלט מיטביימער און וואסער, שטייען דרײַ שטיבלעך, דרײַ פאמיליעס וווינען דאָ. דער באלעבאָס פון דער עקסטער שטוב, ניקאָלײַ קוליס, — איין האנט האָט ער פארלאָרן נאָך בייסן בירגער־קריג, — פרעגט זיך נאָך, צי קען איך זײַנע קינדער. יאָ, איך קען זיי. אָליא, זײַן טאָכטער, איז איינע פון די בעסטע דיווערסאנטלערנס בא אונדז. מישא, זײַן זון, איז בא רודיאקן אין גרופע. אויך וועגן אים, וועגן דעם טאטן זייערן, האָב איך ניט ווייניק געהערט. זײַן פרוי (די דײַטשן האָבן זי איינגיכן דערהארגעט) פאָרעט זיך באם פארוונדעטן. דער באלעבאָס אײַלט צו רודיאקן אנזאָגן, אז מיר זײַנען דאָ. עס לאָזט זיך אוים, אז אין אָט דעם ווינקל זײַנען פאראן עטלעכע גרופעס פארטיזאנער פון פארשיידענע בריגאדעס. צו איינער פון זיי איז ערשט נעכטן געקומען א וועטערינאר. כאָטש ער איז טאקע א וועטערינאר, דאָך פארשטייט ער מיסטאמע מער פון מיר אין מעדיצין. ער טוט פארן פארוונדעטן אלץ, וואָס נאָר ער קען.

צוויי פינגער פון דער האנט מוז מען וואָס גיכער אָפשנײַדן. דעם קראַנקן זאָג איך, אז דאָס איז א דאָקטער פון שטאָט. ער קלאָגט זיך:

— צי דען קענט איר ניט קריגן קיין שארפערן מעסער?

עס קומט אָן רודיאק מיט א גרופע כאווײרים. ער שפאסט:

— וויפל מאָל האָב איך אײַך געבעטן, איר זאָלט צו אונדז צוגאסט קומען, האָט איר ניט געוואָלט, האָבן אײַך די דײַטשן פארטריבן.

א פּאָר טעג לעבנ מיר רויק. פלוצעם דערוויסנ מיר זיכ, אז באַם טײַכ האָבנ זיכ באַוויזנ דײַטשנ. אַלע פּאַרטיזאַנישע גרופּעס קלײַבנ זיכ צונויפ. די קאָמאַנדירנ באַראַטנ זיכ אונ באַשטימענ: אינ פאַל, אויב עס וועט נייטיק זײַנ, אָפּטרעטנ אַלע אינאיינעם. צום גליק, זײַנענ די דײַטשנ דעמ טײַכ ניט אַריבער. זיי האָבנ באַשאָסנ דעמ וואַלד אונ זיכ אומגעקערט צוריק.

אפּ די יאָמטעוו־טעג פאַרהאַלט איכ זיכ באַ רודיאַקנ. די אויס־שפּירערנס אַליאַ זובאָוויטש אונ מאַריאַ קעטשקאָ ברענגענ וויכטיקע נײַעס פונ שטאָט. אַנ אַלטיטשקער פויער — זיידע טאַלאַש האָבנ אים דאָ אַלע גערופנ — פונ א נאָענטנ דאָרפ ברענגט א זאַק מיט דײַ־טשישע בריוו.

— איכ האָב עס זיי באַדאַרפט ברענגענ אינ גאַרניזאָנ, איז נאָט אײַב, עפּשער וועט איר דאָ עפּעס וויכטיקס פאַר זיכ געפינענ.

3

אינ מעשעכ פונ די עטלעכע טעג, וואָס איכ בינ דאָ געווענ, פלעגנ מיר זיכ אינ די אָוונטנ צונויפקלײַבנ באַ רודיאַקנ. אינ איי־נעמ אַנ אָוונט האָט ער מיר פאַרגעשטעלט זײַנ געהילפ, מיט וועלכנ ער האָט אינ אָנהייב מילכאָמע געווױנט אינ איינ דאָרפ.

— מיטיאַ, — האָט ער געזאָגט, — דערצייל, פאַרוואָס ביסטו געווענ געצוווּנגענ פאַר דער צײַט פונ דער היימ זיכ אָפּטראָגנ.

מיטיאַ וויל ניט דערציילנ. טוט עס פאַר אימ זײַנ קאָמאַנדיר.

רודיאַק, וואָס האָט מיט יאָרנ צוריק פאַרענדיקט דעמ ליטעראַרישנ פאַקולטעט פונ מינסקער אוניווערסיטעט, איז ניט קיינ שלעכטער דערציילער. ער הייבט אָנ:

— צוויי פּאָליציייענ זײַנענ געווענ אינ דאָרפ. אויסגעוואָרפנ, באַנדיטנ פונ ערגסטנ מינ. די מענטשנ אינ דאָרפ האָבנ פונ קיינ רויקער שאַ ניט געוווּסט. האָט מיטיאַ באַשטימט, אז מע דאַרפ זייביידנ אָפּ־ראַמענ. ביידנ האָט ער זיי אײַנגערוימט א סאָד: ער ווייסט, קלוי־מערשט, ווו מע טרײַבט סאַמאָהאָנ אינ וואַלד. מע קענ דאָרט מאַכנ א קויסע. די ביקסנ, זאָגט ער זיי, פאַרכאַפּט מיט זיכ. ווײַל מאַלע־וואָס עס מאַכט זיכ. אַליינ האָט ער מיטגענומענ זײַנ האַק. שוינ לאַנג, ווי זיי גייענ, אונ מיט קיינ בראַנפנ שמעקט נאָכ אַפילע

ניט. דער עלטערער פּאָליציי זידלט זיכ. „אנטשולדיקט, — פאַרענט־
פערט זיכ מיטיא, — ערשט מיט א שאָ צוריק בינ איכ דאָ געווענ
אונ שוינ דעמ ווענ פארגעסנ. איר זעצט זיכ צו, אונ מיר אינצווייענ
וועלנ א זוכ טאָנ. ערגעצ נאָענט דארפ עס זײַנ. מיר וועלנ אײַכ גלײַכ
אָנזאָגנ". יענער איז מאסקים. מיטיא גייט אָפּ מיטנ צווייטנ פּאָליציי
א מעטער צוויי הונדערט. „זע, — באַווײַזט ער אימ אפ א הויכנ
בוימ, — די זונ האלט באמ זעצנ זיכ". א שטראַל, וואָס האָט דורכ
די געדיכטע צווײַגנ אהער זיכ פארקליבנ, שפּיגלט זיכ אָפּ אינ דער
האַק. א טעמפּער קלאַפּ. דער פּאָליציי פּרוּווט זיכ אינ דער לופט
אָנכאַפּנ. ניט קיינ פעסטער אָנשפּאַר. ער פאלט. מיטיא וואַרט ניט,
ביז ער וועט צו זיכ קומענ, דערלאַנגט א צווייטנ אונ א דריטנ קלאַפּ.
איצט וועט ער שוינ ניט אויפשטיינ. זײַנ ביקס, די קוילנ, דאָקומענטנ
באַהאַלט מיטיא אינ א זיכער אָרט. איצט איז דעמ צווייטנס ריי.

— פאַרוואָס אליינ?

— אײַער קאָלעגא האָט שוינ ארײַנגעגאָסנ. ער האָט זיכ צוגע־
כאַפּט צומ בראָנפנ, אז מע קענ אימ נאָר ניט אָפּרײַסנ. אונ וואָס איז
דאָ דער כידעש? עמעסער פערשאַק. בייזערט זיכ ניט, עס וועט אויכ
פאַר אײַערטוועגנ קלעקנ.

דעמ האָט ער פאַרפירט אינ אנ אנדער ריכטונג...

אפנ פערטנ טאָג האָט מענ זיי געפונענ. א דאָרפ מיט מענטשנ
האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט, נאָר מיטיא האָט געמוזט פאַרלאָזנ זײַנ
שטוב. נאָכנ שטיקל ארבעט איז לײַכט געווענ צו דערקענענ דעמ
באַלמעלאָכע.

* * *

ערשט מיט א האלב יאָר צוריק האָט מענ בא אונדז אינ יאָטריאַד
אויסגעבילדעט א דריטע ראָטע. איצט קענענ מיר די צאָל קייפּלענ
אפ דרײַ. מיר זײַנענ שוינ ניט קיינ אָטריאַד, נאָר דער פּאַרטי־
זאַנישער פּאָלק אפ קיראָווס נאָמענ. דער קאָמאַנדיר פונ פּאָלק איז
ס. ד. באַרקאָווסקי, דער קאָמיסאַר — פּ. פּ. דאָבראָוואָלסקי, דער שעפ
פונ שטאַב — ...אָט מיט די קאָמאַנדירנ, וואָס האָבנ פאַרנומענ דעמ
דאָזיקנ פּאָסטנ, האָט אונדז ניט געגליקט. דעמ ערשטנ שעפ פונ שטאַב
א. אי. פּעטרושא האָט מענ א געפערלעכ קראַנקנ אפ אנ אעראָפּלאַנ

ארויסגעפירט אפ דער „גרויסער ערד". אים האָט פארביטן קאפיטאן איגנאטענקאָ. זומער 1943 איז ער העלדיש אומגעקומען אין שלאַכט. האָט מען אָנגעמערקט אפ זײַן אָרט דעם מאיאָר סאווין. איז ער אָבער .לויט זײַן פּאַב געווען אַ פליער מיט גרויסער דערפארונג, און אויך אים האָט מען אָפגערופן. א פאָר כאדאָשים האָט פארנו־מען דעם פאָסטן א. א. וויאזעלשטשיקאָוו. דערנאָך איז ער אָנגעמערקט געוואָרן אלס שעף פון שטאב פון אונדזער גאנצער פאריייניקונג. מײַן קאָמאנדיר מאקסים דראָזד ווערט דורך א ספעציעלן באפעל באַשטעטיקט אפן אָרט פון וויאזעלשטשיקאָוו, מיך באשטימט מען אלס שעף פון דער אויסשפירונג. אהער, צו רודיאקן, קומט א פאר־בינדלער און טיילט מיר מיט, אז איך דארף גלײַך ארויספאָרן אין שטאב.

פארטיזאנקעס

1

מיר פאָרן אינצווייען: איך און טשײַקא. עס טריפט א דריבנע רעגנדל. קיין אייגן שטערן איז ניטאָ אין הימל. עס הענגט א געדיכטע פינצטערניש. א קאלטער ווינט בלאָזט. ארום איז אומרויק. דײַטשן און פאָליצײַען נישטערן איבער די וועגן, מאכן זאסאדעס קעגן אונדז. איינס קימערט אונדז: מיר זאָלן ניט פארבלאָנדזען.

שפעט אין אָוונט קומען מיר קיין קאָסטריטשי. נאסטיא אוודייעווא, איינע פון די אקטיווסטע מיטגלידער פון דער דאָרפישער אונטער־ערדישער קאָמיוגישער אָרגאניזאציע, דערציילט אונדז: אַלע טאָג קומען אהער דײַטשן. זיי ווילן דאָ שאפן א גארניזאָן. נעכטן איז ניט ווײַט פונדאנען געווען בארקאָווסקי מיט צוויי ראָטעס. עס איז פאָרגעקומען א הייסע שלאַכט. צוהילף די דײַטשן זײַנען אָנגעקומען טאנקען. אונדזערע האָבן פארניכטעט צוויי מאשינעס. מיר האָבן אויך פארלוסטן: טויטע, פארוואונדעטע. עטלעכע קוילן האָבן גע־טראָפן אין פארטאָרג פון פאָלק א. אי. טשערנאָוו. איינער אן אויס־שפירער אונדזערער, סעניא ארנאוטאָוו, האָט זיך אליין מיט א גראַ־נאטע אופגעריסן, ווען די דײַטשן האָבן זיך צו אים דערנענטערט און ארויסרײַסן זיך לעבעדיקערהייט איז שוין קיין מעגלעכקײַט ניט

געווענ. אונדזער דיווערסאנטלער, מײַנער א גוטער באווער, פאוועל זשוקאָוו, איז פארווונדעט אינ ביידע פיס. נאסטיא וואָרנט אונדז — אפנ בעסוילעמ לעבנ פערסאָפניע האָבנ די פאָליצײַענ געמאכט שוינ עטלעכע זאסאדעס. אויסמײַדנ דאָס אָרט איז אומעגלעכ, ווײַל ארומ איז בלאָטיק אונ נאס, אונ קיינ אנדער בריק, ווי לעבנ פערסאָפניע, איז ניט פאראנ.

נאסטיא דערלאנגט א שיסל הייסע בולבע, מארינירטע שוואָמענ. קיינ ברויט האָט זי אליינ ניט. מיר עסנ אָפ אונ לאָזנ זיכ ווײַטער אינ וועג.

ניט ווײַט פונ בעסוילעמ קריכנ מיר אראָפ פונ די פערד. מיר שפאנענ פאָרזיכטיק, שטיל אונ עפענענ א פײַער פונ ביידע אווטאָמאטנ. קיינער ענטפערט ניט. נאָר אינ דאָרפ צעבילנ זיכ די הינט. אינ צוויי הײַזער האָט זיכ געלויכטנ, גלײַכ לעשט מענ אויס דאָס פײַער. ניט גוט. וואָס אויב אונדז קומט אויס צו שרעקנ די באפעלקערונג, נאָר וואָס קענ מענ טאָנ?

איכ קלאָפ אָנ צו רײַעס קושניר. גלײַכ וואָרנ איכ:

— דאָס זײַנענ מיר. שרעקט זיכ ניט.

— דאָס האָט איר געשאָסנ?

— יאָ.

— גוט, וואָס איר זײַט ארײַנגעגאנגענ אָנזאָגנ. בא מיר האָבנ צוויי פארטיזאנער גענעכטיקט, זײַנענ זיי גלײַכ אינ וואלד אוועק. ביידע האָבנ ניט קיינ ווארעמע קליידער, אונ אינ דרויסנ איז נאס אונ קאלט. מעגלעכ, אז זיי וועלנ זיכ אומקערנ, וועל איכ זיי בארויקנ.

רײַעס יינגעלע האָט זיכ אופגעכאפט פונ שלאָפ, הײבט ער די אייגעלעכ אונ האלט אינ איינ ארומקוקנ זיכ.

— האָסט שוינ ניט מוירע פארנ פעטער? — פרעגט זי בא אימ.

— ניינ, — שאָקלט ער מיטנ קאָפ אונ שמייכלט צו אונדז.

2

מיר דערמאָנט זיכ מײַנ ערשטע באגעגעניש מיט אימ. אינ הויפ האָבנ זיכ געשפילט בא א צענדליק קינדער. א קליינ יאטעלע האָט צוגעצויגנ מײַנ אופמערקזאמקײַט: שווארצע האָר, שווארצע ברעגעדיקע אייגעלעכ. ער האָט גערייטנ אפ א לאנגנ שטעקנ.

— יינגעלע, וועמענס ביסטו?

— דער מאַמעס.

— און ווי רופט מען דײַן מאַמע?

ער האָט אַוועקגעוואָרפן זײַן שטעקן און איז אַנטלאָפן.

— פֿאַרשטאַנען? — האָט געפֿרעגט בײַ מיר מײַן קאָמאַנדיר.

— וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו פֿאַרשטיין? אַ קינד. ס׳האָט זיך איבערגעשראָקן.

ווען מיר זײַנען שוין פֿון דאָרף אַרויסגעפֿאָרן, האָט מיר מײַן באַוועגער דערציילט:

— דעם יינגעלעס מאַמע איז אַ ייִדישע, ביז דער מלחמה איז זי אײַנעם זעלבן דאָרף געווען אַ לערערין, און איר מאַן — דער פֿאָר־זיצער פֿונעם קאָלכאָז. ביידע העלפֿן זיי אונדז זייער פֿיל. איך וואָלט מיט דיר אַרײַנגעגאַנגען צו זיי. נאָר באַטאָג מײַדן מיר אויס באַגע־גענישן, עס זאָל בײַ קיינעם קיין כּשאַד ניט אַרויסרופֿן, אַז זיי זײַנען פֿאַרבונדן מיט אונדז.

אין אַ צײַט אַרום בין איך אַרײַנגעגאַנגען צו זיי אין שטוב. דער מאַן איז ניט געווען. דאָס יאַטעלע האָט באַלד, ווי ער האָט מיך באַ־מערקט, זיך פֿאַרקליבן אין אַ ווינקל. בײַ דער שוועל איז געזעסן אַ הויכע דאַרע פֿרוי פֿון אַ יאָר פֿינף און דרײַסיק און געשיילט קאַרטאָפֿל. זי האָט מיר אָנגעוויזן אויף דער באַנק און אַלײַן ווײַטער געטאָן איר אַרבעט. איך האָב ניט געוואָלט, די פֿרוי זאָל זיך פֿאַר מיר שרעקן, האָב איך געזאָגט, ווער איך בין, און אָנגערופֿן מײַן פֿאַמיליע.

זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַ שמייכל געענטפֿערט:

— איך ווייס. אײַער קאָמאַנדיר האָט מיר דערציילט וועגן אײַך. מיסטאָמע זײַט איר הונגעריק, איז וואַרט אַ ווײַלע, באַלד וועט וואָלאָדיע קומען, וועלן מיר עסן מיטיק. קום אַהער. — האָט זי דאָס קינד צו זיך צוגערופֿן. — שרעק זיך ניט. דער פֿעטער איז אַ פּאַרטיזאַן. וואָס האָסטו זיך פּלוצעם פֿאַרשעמט?

איך האָב איר דערציילט וועגן אונדזער ערשטער באַגעגעניש.

— האָט איר עס אים אַזוי אָנגעשראָקן? איך האָב אים נאָר באַ־רוּיקן ניט געקענט. אַלץ פֿאַרשטייט ער. מע קען גאָרנישט אויסבאַ־האַלטן פֿון אים. אַנומלטן פֿרעגט ער בײַ מיר: „מאַמע, צוליב וואָס האָט איר דאָס בילד אויסגעהאַנגען?״ און ער באַווײַזט מיר אויף דער איקאָנע, וואָס הענגט אין ווינקל. „ניט דו און ניט דער פּאַפּע צײַלעמען

זיך דאָך קיינמאָל ניט". איז גיי דערצייל אים, פאַרוואָס מיר האָבן די איקאָנעס אויסגעהאַנגען...

באַזונדערס האָב איך זיך באַפריינדעט מיט דער מישפּאָכע קושניר אין אָנהייב 1943 יאָר. אַרום איז געווען אומרויק. דייטשן און פּאָ־ליצייען האָבן געוועשטערט. אונדזערע אָטריאַדן זיינען געווען ווייט. א כאָווער מיינעם האָט מען שווער פאַרוואונדעט אין פוס. אין לאַגער האָט מען אים ניט געקענט פירן, ווייל טאָג און נאַכט האָבן די היטלע־ריסטן געלאַקערט אויף די וועגן. רייע קושניר האָט אים עטלעכע טעג אויסבאַהאַלטן. א מוטער פאַר איר קינד וואָלט ניט מער געזאָרגט, ווי רייע פאַרן פאַרוואונדעטן פּאַרטיזאַן. ווען ער האָט געדאַרפט אוועק־פאָרן, האָט זי אים אירע קישנס אונטערגעלייגט און די לעצטע קאָלדרע פון שטוב אוועקגעגעבן.

איך ווייס ניט, ווו זי האָט אַזויפיל וואָל גענומען, נאָר ניט ווייניקער ווי א פּאָר צענדליק פּאַרטיזאַנער האָבן אירע הענטשקעס גע־טראָגן. בא איר האָט יעדער פּאַרטיזאַן געקענט איבערלאָזן זיין קויטיק וועש, א צעריסענע גימנאַסטיאָרקע. אויף מאָרגן אינדערפרי, האָט ער געוווּסט, וועט עס זיין אויסגעוואַשן און אויסגעפּאַריכט.

וואָלאָדיא האָט זיך אַמאָל פאַר מיר באַקלאָגט, אַז עס איז שוין קימאַט אוממעגלעך צו בלייבן אין דאָרף.

— איז קומט אָן אין אָטריאַד, — האָב איך אים געייעצט.

— רייע מיינט, אַז זייענדיק דאָ, קענען מיר אייך מער נוצן ברענגען, און אָן איר וועל איך ניט אוועקגיין.

סוף 1943 זיינען זייביידע אָנגעקומען צו אונדז אין אָטריאַד. זייער יונגעלע האָט גענומען צו זיך א באַקאַנטע פּויערטע.

3

אונדזער לאַזאַרעט האָט זיך געפונען אין א פּאָר קילאָמעטער פון לאַגער. איך האָב זיך געלאָזט אַהין געוויר ווערן מיינע פאַרוואונדעטע כאַוויירים אויספּירער. עס איז געווען שפּעט, און דער גרעסטער טייל קראַנקע זיינען שוין געשלאָפן. באַם אָנגעגליטן אייוועלע זיינען גע־זעסן דריי פרויען. זיי האָבן געלאַטעט מאַנצבליש גרעט און שטיל זיך געשעפּטשעט. אונדזער פעלדשערן גאַליאַ האָט מיר פירגעהאַלטן:

— ווער קומט עס צו קראַנקע אַזוי שפּעט?

— איכ בינ אפ געצײלטע עטלעכע שאָ געקומענ אינ לאַגער אונ מוז גלײַכ צוריק אװעקפאָרנ. אויב מע טאָר זײ ניט װעקנ, איז גיט זײ כאָטש איבער די פאָר פעקלעכ עסנװאַרג אונ טאַבעק אונ זעט, די שװעסטער זאָלנ זײַנ אופמערקזאַמ צו זײ. דאָס זײַנענ דאָכ די בעסטע פאַרטיזאַנער.

גאַלינאַ האָט זיכ צעשמײכלט:

— יעדער קאָמאַנדיר מײנט, אז זײַנע זײַנענ די בעסטע. װאָס איז שײַעכ די שװעסטער, איז קימערט זיכ ניט. איר זעט דאָכ, אז אינ דעמ ערד־שטיבל ארבעטנ רײַע קושניר אונ ליובע פלאָכאָצקאַיאַ. די זײַנענ אײנע בעסער פאַר דער צװײטער.

רײַע אונ ליובע האָבנ זיכ זײער שטאַרק באַפרײַנדעט אונ ניט צופעליק: בײדע האָבנ זײ דורכגעלעבט פיל ענלעכס. אויכ ליובע איז א ייִדישע פרוי אונ האָט ביז דער מילכאָמע געאַרבעט אלס לערערנ. זי אונ איר מאַנ, א װײַסרוס, זײַנענ פונ די ערשטע אָנגעקומענ צו די פאַרטיזאַנער. די טעג האָט זי געטראָפנ א גרויסער אומגליק — איר מאַנ איז אומגעקומענ אינ שלאַכט. זײַנענ געזעסנ דרײַ פרויענ אונ זיכ געשעפטשעט װעגנ דעמ טרײַענ פרײַנט, װאָס איז אזוי פרי פונ דער װעלט אװעק, װעגנ די קינדער, װאָס זײַנענ ערגעץ בא שכײנ'ים פאַרבליבנ, װעגנ סינע צומ פײַנט, װעלכע איז אזוי גרויס װי זײַנע פאַרברעכנס. מע שעפטשעט זיכ אונ מע הערט זיכ צו צו די קראַנקע. אײנער װײנט פונ שלאָפ, דאַרפ מענ אימ אופװעקנ. אײנעמ איז נידעריק צוקאָפנס, דאַרפ מענ עפעס אונטערלײגנ, בא א דריטנ האָט זיכ די װונד געעפנט, דאַרפ מענ זי איבערבינדנ.

איכ שטײ באַמ אײװעלע אונ טראַכט: ליבע, טײַערע מאַמעס אונ שװעסטער. װי שװער עס װאָלט אונדז געװענ אָנ אײַכ.

...דאַכט זיכ, ניט לאַנג האָבנ אָפגעהילכט די שלאַכטנ. אפ טריט אונ שריט דערמאָנט אײַכ עפעס: דאָ זײַנענ געװענ די אָקופאַנטנ. אָט דאָס דאַרפ האָבנ זײ פאַרברענט; אָט די ברידער־קװאָרימ אונ אָט דער אויסגעהאַקטער װאַלד — אלצ דעמ דײַטשס ארבעט. נאָר פיל האָט מענ שוינ אופגעטאָנ אינ װײַסרוסלאַנד אפ פאַרהײלנ די װונדנ. װידער זײַנענ די שולנ פול מיט קינדער, אונ אינ צװײ פונ זײ, אינ קיראָװער ראַיאָנ, ארבעטנ איצט צװײ ייִדישע פרויענ פאַרטיזאַנקעס — רײַע קושניר אונ ליובע פלאָכאָצקאַיאַ.

רענדעלס אווטאָמאטנ

1

אונדזער לאַגער האָט זיך דאַנ געפונענ ניט ווײַט פונ דאָרפ אַלעקסאַנדראָווקע. אַהינ זײַנענ מיר אָנגעקומענ צו ענדע טאָג. ביז שפּעט אינ דער נאַכט בינ איך געזעסנ אינ שטאַב. נעכטיקנ בינ איך פאַרבליבנ באַ דראָזדנ. פאַרטאָג האָב איך זיך אופגעכאַפּט. ערשט איצט האָב איך זיך ארומגעקוקט, ווי איך בינ קויטיק אונ פאַרוואַקסנ. מײַנ אויבערהעמדל אונ די שטיוול זײַנענ געוועג צעריסנ. אַפּנ פּניאָק שפּאַר איך אָנ דאָס אונגאַרישע שפּיגעלע, וואָס לידוויג האָט מיר געשאָנקענ, אונ נעם זיך גאָלנ. מײַנע שטיוול פאַריכט דער שוסטער. די גימנאַסטיאָרקע לאַטעט אוים די קעכנ. אונ דאָ זאָגט מענ מיר אָנ, אז סווירידאָ רופט מיך ארוים אינ שטאַב פונ פאַרייניקונג. זײַנ בײַדל איז אינ א מעטער דרײַ הונדערט פונדאַנענ. ווי גייט מענ עס אינ אזא הוילעכ צום קאָמאַנדיר? דער פאַרבינדלער שטויסט זיך אָנ, פאַרוואָס איך שטיי אינ אזא פאַרצווייפלטער פּאָזע.

— קומט, ווײַל סווירידאָ אײַלט זיך אינ וועג ארײַנ. איך וועל אפריער ארײַנגיינ אונ וואָרענענ, אז איר זײַט ניט אָנגעטאָנ ווי געהעריק.

איך שלעפּ ארופ א פּאָר שקראַבעס אפּ די פיס, טו אָנ מײַנ לײַדערנ רעקל, נעם דאָס געווער אונ לאָז זיך צום שטאַב.

אינדערלופטנ דערהערט זיך א הודזשענ פונ מאָטאָרנ. עס איז לײַכט צו דערקענענ, אז דאָס זײַנענ ניט קיינ אויסשפּירער אָדער טראַנספּאָרט־עראָפּלאַנענ. דאָס זײַנענ שווער געלאָדענע באָמבאַרדירער. פרי האָבנ זיי זיך הײַנט אינ וועג געלאָזט. אונ בא אונדז ברענט איצט לעבנ יעדנ בײַדל א שײַטער. מע קאָכט פרישטיק. דער וואַלד ווערט פול מיט טומל.

— לעשנ די פײַערנ! — גיט איינער דעם צווייטנ איבער דעם באַפעל.

סווירידאָ אונ קאָמאַרנ אינטערעסירנ די לעצטע יעדיעס פונ שטאַט. דאָס איז א שמועס ניט אפּ קיינ מינוט. אפּנ טיש צעלייגט מענ טאָפּאָגראַפישע קאַרטעס, סכעמעס, אַלטע אונ נײַע מיטיילונגענ. איינציקטיק גיט סווירידאָ דעם דזשורנעם קאָמאַנדיר אָנווײַזונגענ:

— אופהערנ קאָכנ פרישטיק! דער פאָלק אונ אַלע אַטריאַרדנ פאָרלאָזנ אינ צענ מינוט ארומ די לאַגערנ.

ער וועיזט אָנ דעמ מארשרוט וווּהינ צו באַוועגנ זיכ.

עטלעכע אעראָפּלאַנענ באָמבאַרדירנ אַלעקסאַנדראָווקע. דרהנ באַשיסנ פונ קוילנוואַרפערס דעמ לאַגער. ניט אַזוי די קוילנ זײַנענ שרעקלעכ, ווי די שפּענער, וואָס פליִענ פונ די ביימער.

— דעמ שמועס וועלנ מיר שפּעטער פאָרזעצנ, — זאָגט סוויריד, — מיר פאַרלאָזנ די לאַגערנ.

איכ אײַל צומ בײַדל, ווו עס זײַנענ פאַרבליבנ מײַנע שטיוול, די גימנאַסטיאָרקע. אַכוץ די ווירטשאַפטלער איז שוינ דאָ קיינער ניטאָ. א באָמבע צערײַסט זיכ לעבנ אונדזער קיכ. צווייענ פירנ א פאַרווונדעטנ. א יונגער פּאַרטיזאַנקע האָט א שפּליטער אינ ברוסט געטראָפנ. דער טויט קומט מאָמענטאַל. קיינמאָל זײַנענ נאָכ אָפּ אונדז, פּאַרטיזאַנער, אַזויפיל אעראָפּלאַנענ ניט אָנגעפלויגנ.

אָפּ איבערקלײַבנ זיכ פונ איינ וואַלד אינ צווייטנ דאַרפ מענ נייענ העכער א קילאָמעטער מיטנ פעלד. א גאַנצנ טאָג, ביז עס פאַלט ניט צו די נאַכט, יאָגנ זיכ די דײַטשישע פליִער נאָכ יעדנ וואָגנ, נאָכ יעדנ מענטשנ. אויכ אינ די דערפער, צווישנ דער ציווילער באַפעלקערונג, זײַנענ פאַראַנ קאָרבאָנעס. אינ מעשעכ פונ דער נאַכט קלײַבנ מיר זיכ איבער אינ אַנ אַנדער ראַיאָנ. די דײַטשישע אעראָפּלאַנענ זוכנ אונדז דערווײַל ניט, ווײַל זיי ווייסנ, אַז ניט אַזוי לײַכט וועלנ זיי אונדז געפינענ. אינ א צײַט ארומ, ווענ זיי באַווײַזנ זיכ ווידער, צעלייגנ מיר אינ פאַרשיידענע וועלדער שײַטערס: ביטע, באָמבאַרדירט. אויב בא אײַכ איז פאַראַנ איבעריקער מעטאַל אונ אופרײַס־שטאָפּ. זיי דערוויסנ זיכ וועגנ אונדזער שפּיצל אונ העכער א כוידעש לאָזנ זיי אונדז צורו.

ווידער דערנעענטערט זיכ דער ווינטער מיט שנייענ אונ פרעסט איצט זײַנענ מיר שוינ ניט דאָס הײַפּעלע מענטשנ, וואָס מיט א יאָר צוריק. דאַרפ מענ בויענ ערד־שטיבלעכ, איז פאַר העכער טויזנט מענטשנ. אָנגעמאָנ איז מענ ווײַט ניט ווי קיינ וואַלד־אײַנוווינער, אונ די הויפּט־זאַכ איז, וואָס מיט יעדנ טאָג ווערט אַלץ שווערער קריגנ שפּײַז. וועגנ ברויט, אויסער ווי פאַר די פאַרווונדעטע אונ קראַנקע, טראַכט שוינ קיינער ניט. וואָלט כאָטש בולבע געווענ צו זאַט...

אויכ האָאָר בויענ מיר אונדזער ווינטערדיקנ לאַגער אינ די

אוסאקינער וועלדער, אינ א קילאָמעטער פופציק פונעמ אָרט, ווו מיר זײַנענ פאראיאָרנ געשטאַנענ. אהינ שיקנ מיר פריִער פאר אלצ אונדזערע ווירטשאפטלער, וואָס דארפנ אויסגראָבנ ערד־שטיבלעכ אונ פארגרייטנ פראָדוקטנ, דעמ לאזארעט אונ רענדעלנ מיט זײַנ ווארשטאט.

2

איכ האָב עטלעכע מאָל דערמאָנט וועגנ רענדעלנ, אונ עס איז שוינ טאקע לאנג צײַט צו דערציילנ וועגנ אימ א ביסל גענויער.

וואדימ לעאָנידאָוויטש רענדעל איז שוינ א מענטש אינ די יאָרנ. ער איז הויכ אונ גרויס, ווי אוינ מעלעכ האבאָשנ. ווי איכ האָב שוינ דערציילט, איז ער א שווער פארווונדעטער ארײַנגעפאלנ צו די דײַטשנ. ער האָט זיכ אָנגעגעבנ פאר א „פאָלקסדויטשע", אונ דערצו ניט פאר קיינ פּאָשעטנ רענדעל, נאָר פאר א פאָנ־רענדעל. די דײַטשנ האָבנ אימ אָנגעמערקט אלס הויפּט־אינזשעניער פונ א מאשינבוי־זאוואָד. גלײַכ האָט ער זיכ פארבונדנ מיט די פארטיזאנער. אָפּגעטאָנ דאָס שטיקל ארבעט, וואָס מע האָט אימ באופטראָגט אָפּצוטאָנ, איז ער געווענ געצוווּנגענ אנטלויפנ פונ שטאָט.

צוערשט האָט זיכ רענדעל גענומענ רעמאָנטירנ אונדזער געווער. ביז דעמ האָט זיכ מיט דער ארבעט פארנומענ יוזעפ קאָרניצקי, א הויכ־קוואליפיצירטער שלאָסער. פונ פארשיידענע טיילנ, פארזשאווערטע, צעבראָכענע, פלעגט מענ צונויפשטעלנ קוילנווארפערס, ביקסנ, אָבריזנ. ארבעט האָט געקלעקט. בא אונדז זײַנענ געווענ ניט ווייניק דײַטשישע אווטאָמאטנ, נאָר ניט שטענדיק האָט מענ געקענט צו זיי קריגנ קוילנ. רוסישע קוילנ האָבנ מיר פארמאָגט גענוג, דערפאר האָבנ מיר אָבער געהאט געציילטע רוסישע אווטאָמאטנ. רענדעל האָט געפונענ אנ אויסוועג. ער פלעגט איבערמאכנ די דײַטשישע אווטאָמאטנ אזוי, אז צו זיי פלעגנ פאסנ אונדזערע קוילנ. זײַנ דערפארונג האָט ער איבערגעגעבנ אינ אלע ארומיקע אָטריאדנ.

מע האָט אימ אויסגעטיילט עטלעכע שלאָסער, סטאָליערס אונ שמידנ, פונ שטאָט האָבנ מיר געקריגנ פאר זיי אינסטרומענטנ, אונ אזוי האָט אָנגעהויבנ זײַנ עקזיסטענצ אונדזער ערשטער ווארשטאט.

קיינ בעסער געווער, ווי אנ אווטאָמאט, איז פאר אונדז, פאר־

טיזאנער, ניט געווענ. ווער עס פארמאגט אנ אווטאמאט, רעכנט זיכ פאר אנ אומבאזיגבארנ. אלנפאלס אינ דעמ צווייפלענ ניט די, וואס פארמאגנ אימ ניט. רענדעל האט געגעבנ זײַנ ווארט:

— גיט מיר צוויי—דרײַ כאדאשימ צײַט, אונ מיר וועלנ אנהייבנ ארויסלאזנ ניט קיינ ערגערע אווטאמאטנ, ווי די, אפ וועלכע ס'שטייט א זאוואדישע מארקע.

דעמ עמעס געזאגט, האט ווייניק-ווער געגלייבט, אז דאס וועט זיכ אימ אײַנגעבנ. רענדעל מיט זײַנע מײַסטערס האבנ געארבעט טאג אונ נאכט. א מענטש, וואס קענ אנ קיינ פריילעכער קאמפאניע ניט לעבנ, האט ער אופגעהערט זײַנע פרײַנט צו באזוכנ, אונ ווענ מע פלעגט צו אימ קומענ, פלעגט ער ניט גערנ אופנעמענ די וויזיטיארנ.

אינ יול כוידעש האט אונדזערער אנ אויספירער באקומענ רענ־דעלס ערשטנ אווטאמאט — „ר־1" האבנ אימ פארטיזאנער אנ־גערופנ. די רער איז געווענ פונ אנ אלטנ רוסישנ אבריז, דעמ גאנצנ שלאס האט מענ געמאכט מיט די אייגענע הענט. מאכנ א פײַנע לאזשע האט מענ בא אונדז שוינ פונ לאנג זיכ אויסגעלערנט.

געארבעט האט ער, נאטירלעכ, ערגער ווי א זאוואדישער אוו־טאמאט. עס טרעפט, פירסט אימ איבער אפ אווטאמאטיש פײַער, אונ ער שיסט גאר ווי א ביקס. אדער פלוצעמ פאלט אימ צו עפעס א קאפריז אונ וועסט פונ אימ ביכלאל קיינ קויל ניט ארויסלאזנ. דער צווייטער אווטאמאט האט זיכ באקומענ בעסער. אנ ערעכ דער פינפטער, דער זעקסטער אווטאמאט איז אפ אנ עמעס געווענ ניט ערגער פונ א זאוואדישנ. איכ געדענק ניט פינקטלעכ, ווער האט דאס געטאנ, נאר אפנ דריטנ אווטאמאט האט עמעצער פונ די פארטיזא־נער אויסגעקלאפט די ציפער הונדערט אונ אינ יעדנ דארפ, אינ יעדער שטוב באוויזנ אונ געזאגט:

— אונדזער רענדעל האט שוינ פונ לאנג ארויסגעלאזט אזעלכע הונדערט שטיק. בא א מעגלעכקײַט קאנט איר עס דערציילנ אײַערע פרײַנט, וואס וווינענ אינ גארניזאנ.

אינגיכנ האבנ די דײַטשנ אונ פאליצײַענ אפ זייער אייגענער פעל דערפילט, ווי עס ארבעטנ רענדעלס אווטאמאטנ. אײַנוווינער פונ ווײַסרוסלאנד קענענ אויכ איצט אינ די מוזייענ זענ אונדזער אייגנ פארטיזאניש געווער.

3

איך קלייב זיך דאָ דערציילנ וועגנ רענדעלס „געשעפטלעכנ קלוב”. אונ מיר ווילט זיך זייער, אז איר זאָלט עס ניט פארורטיילנ, ווי ניט קיינ געלונגענעם שפאס, וואָס פאסט ניט פאר אזעלכע באַ־יאָרטע מענטשנ, ווי די מיטגלידער פונ קלוב זיינענ אינ גרעסטנ טייל געווענ, דערצו אינ אזא צייט אונ אינ אזעלכע באדינגונגענ. גלייבט מיר, אז דאָס זיינענ געווענ ווייט ניט קיינ נאראָנים, אונ אויב איך וועל אייך ניט קאָנענ איבערציינגנ אינ דעם, בינ איך, דער מעכאבער, אינ דעם שולדיק, אונ ניט זיי. פארגעסט ניט, אז דאָס קומט פאָר אינ לאנגע הארבסטיקע אָדער ווינטערדיקע אָוונטנ. מענטשנ זיינענ שוינ העכער דריי יאָר אָפגעריסנ פונ דער וועלט, צאָרעס איז פאראנ גענוג, דאָרשט יעדער נאָך א קאפעלע פרייד.

אלזאָ, וועגנ רענדעלס קלוב.

ווענ איך האָב זיך נאָך געפונענ מיט מיינ גרופע נאָענט פונ דער שטאָט, ווייט פונ לאגער, איז צווישנ דער פאָטשט, וואָס דער פארבינדלער האָט מיר איינמאָל געבראכט, געווענ א בריוו, אָנגע־שריבנ אפ שפאליר־פאפיר. מע לייגט מיר פאָר מיטארבעטנ אינ דער סעקציע „אָ.ב.ס.” פונ קלוב. אזוי ווי איך בינ די גאנצע צייט אפ דער פעריפעריע, קאָנ איך זיי שיקנ מאטעריאל פאר דער סעק־ציע. אויב איך וועל אָנעמענ דעם פאָרשלאָג אונ וועל געפינענ מענטשנ, וואָס וועלנ מיך רעקאָמענדירנ, אונ בינ גרייט אקטיוו זיך באטייליקנ, איז מעגלעכ, אז מע וועט מיך אָנעמענ פאר א מיט־גליד.

וויניק צייט איז דאנ געווענ בא מיר זיך צו פארנעמענ מיט אזעלכע זאכנ. סאפסאלסאָפ האָט מיך דראָזד פארשלעפט אהינ. צו־גויפזאמלענ זיך פלעגט מענ בא רענדעלנ אינ קוזניע. אפנ אויווג, ווו דער בלאָזזאק איז, ליגנ צוויי קאסקעס, אינ דער מיט — אנ אייזערנ שטעקעלע, אנטקעגנ זיצט רענדעל, דער פרעזידענט פונעם קלוב. ווענ עס גייט ארײַנ א מיטגליד פונ קלוב, טוט ער מיטנ שטעקעלע א קלאפ אינ יעדער קאסקע, אלע שטייענ אופ אונ באגריסנ זיך מיטנ ארײַנגעקומענעם. דראָזדנ האָט מענ באגעגנט, ווי דאָס פאָדערט די פראָצעדור. ער האָט עפעס א שעפטשע געטאָנ רענדעלנ, אונ מע האָט באשטימט, איך זאָל ארויסגיינ אונ פונדראָסנ ארײַנ. רענדעל

האָט אַ קלאַפּ געטאָן נאָר אין איין קאַסטע, באַגו... -
מיט מיר, נאָר פון די ערטער ניט אופגעשטאַנען. אליאָשא, אַ שלאָ־
סער פון וואַרשטאַט, האָט זיך געפּרוווט אופהייבן, האָבן אים זײַנע
צוויי שכנים, וואָס פון ביידע זײַטן, גלײַך אנידערגעזעצט. רעגדעל
האָט אים געמאַכט אַ באַמערקונג און געוואָרנט, אַז מער זאָלן זיך
אַזעלכע זאַכן ניט איבערכאַזערן. פאַר דאַנקבאַרקײַט, וואָס אליאָשא
האָט מיך באַגעגנט אָדער כאָטש געפּרוווט מיך באַגעגענען וואַרע־
מער, ווי אַלע איבעריקע, האָב איך זיך צוגעזעצט לעבן אים.

— אַף וועמען וואַרט מען? — האָט עמעצער געפרעגט.

— אַפן דאָקטער יאַניטש. הײַנט איז זײַן פאָרטראַג: „די פליי און וואָזוי זי באַמיסטיקט די ערד". צוליב וויכטיקע סיבעס פאַר־האַלט ער זיך אין לאַזאַרעט, וועלן מיר צוואַרטן אַ ביסל.

— און ביכלאַל מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך? — האָב איך געהאַט די ניט־פאַרזיכטיקײַט צו פרעגן.

— אליאָשא, איר זיצט לעבן אים, באַווײַזט אים. און דערווײַל וועל איך אײַך זאָגן, וואָס פון אײַך פאָדערט זיך. אונדז איז באַ־וווסט, אַז איר האָט בײַ זיך אַן איבעריקע צינדמאַשינקע, דײַטשי־שע ציגאַרעטן און אַפילו סאַכארין, אויב איר האָט ניט קעגן, ביטע. מאַכאָרקע איז באַ אונדז אויסגעגאַנגען, קענען מיר פאַרזוכן צו אַ ציגאַרעט.

דראָזד האָט זיך פאַרענטפערט:

— מײַן נאָר ניט, אַז דאָס האָב איך וואַדים לעאָנידאָוויטשן דערציילט.

אַפן גאַנעוו ברענט דאָס היטל — זאָגט דאָס שפּריכוואָרט. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר מיט ציגאַרעטן וועל איך מיט פאַרגעניגן מע־כאַבעד זײַן. איך רוק די האַנט אין קעשענע — פוסט. אין אַ צווייטער קעשענע, ווו דער סאַכארין איז געווען, איז אויך ליידיק. ווײַ־טער זוך איך ניט. אַלץ איז קלאָר. איך מעלדע:

— כאָשעוווער פּרעזידענט, איצט ווייס איך, מיט וואָס איר פאַרנעמט זיך. אַלעקסיי האָט דאָס מיר גלענצנדיק דערקלערט.

— ביטע, אַלע זאַכן זײַנען באַ מיר. צוליב אַ שפּאַס קען מען אויך אַזאַ שלימאַזל, ווי אליאָשא, אַרײַננעמען אין אַזאַ כאָשעווען קלוב, ווי אונדזערער.

איך האָב צוגעזאָגט די יעדנעס, וואָס איך וועל באַקומען פון

מײַנע אויסשפּירער אונ וועלנ וועלכע אבסאָליוט ניט אנטשפּרעכנ דער ווירקלעכקײַט, איבערגעבנ אינ קלוב, אינ דער סעקציע „אַ.ב.ס.“.

מײַנ וואָרט האָב איכ ניט געהאַלטנ. עס זײַנענ אָנגעקומענ אַזעלכע צײַטנ, וואָס ניט דעמ „געשעפטלעכנ קלוב“ האָבנ מיר געהאַט אינ זינענ.

א „ווירטשאַפטלעכע“ אָפּעראַציע

ניט אײנ מאָל איז מיר אויסגעקומענ אָנטײלנעמענ אינ ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס. עס רעדט זיכ אַזוי — ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס, אָפּט זײַנענ זיי געווענ פיל שווערער אונ קאָמפּליצירטער, ווי א געוויינלעכע שלאַכט. אײנע דאַרפנ צווינגענ די דײַטשנ ניט אַרויסצוקריכנ פונ זײערע דאָטנ, אונ די אַנדערע נעמענ דערווײַל צו דאָס דײַטשישע אָדער פאָליציײִשע גוטס.

צופעליק בינ איכ בײַגעווענ בײמ אַזאַ אָפּעראַציע אינ א דאָרפ, וווּ עס איז געשטאַנענ א גרויסער דײַטשישער גאַרניזאָנ. אָנגעפירט מיט דער אָפּעראַציע האָט דער העלדישער קאָמאַנדיר פונ אָטריאַד מאַקײ (זײַנ אָטריאַד האָט זיכ געפונענ אינ באַשטאַנד פונ אונדזער בריגאַדע. זומער 1943 האָט ער זיכ צוזאַמענ מיטנ פאָלק אָפּ סטאַלינס נאָמענ געלאָזט אינ מײַרעוו-ווײַסרוסלאַנד. מאַקײ איז אומגעקומענ). פונ צוויי האַרמאַטנ האָבנ מיר אָפּרױער באַשאָסנ די דײַטשישע דאָטנ, דערנאָכ זיכ אַרײַנגעריסנ אינ דאָרפ. מאַקײ איז אַהינ אַרײַנ מיט דער ערשטער שטורעמ-גרופּע. וווּ נאָר א געפאַר, דאָרט איז ער געווענ.

...מיר, ניט קײנ גרויסע גרופּע, זײַנענ געקומענ אינ א דאָרפ, וווּ באַטאָג געפינענ זיכ געוויינלעכ פאָליצײַענ. אָפּ נאַכטלעגער גײענ זיי אַוועק אינ שכײנעסדיקנ גאַרניזאָנ. איכ מיט יעראָכינענ זײַנענ אַרײַנ אינ א גרויסער פוסטער שטוב. פונ יעדנ ווינקל האָט געשפּאַרט די נויט. דאָ האָט געוווינט א רויטאַרמײער א פרוי. איר מאַנ איז געווענ א גוטער טראַקטאָריסט. האָבנ די פאָליצײַענ אינ דער שטוב געפונענ וואָס צו ראַבעווענ.

א קינד אינ וויג האָט זיכ צעוויינט, האָט די באַלעבאָסטע עס אַרויסגענומענ אונ געוויגנ. איכ ווײס ניט פאַרוואָס, איכ האָב

געקוקט ניט אף איר, נאָר אף איר שאָטן אף דער וואַנט. אָרעמע פרוי! מיט וואָס קענען מיר איר באַהילפיק זײַן?

— באַ מיר זײַנען שוואַרצע יאַגדעס פּאַראַנג. — האָט זי געזאָגט. — עפשער וועט איר נעמען אַ ביסל? פאַר אַנדערע קראַנקע וועט עס צוניץ קומען.

— גוט, — האָב איך איר געזאָגט, — אָבער קיין סך דאַרפן מיר ניט. נעמט באַ אונדז אַ ביסל זאַלץ פאַר די קינדער, מיר וועלן קריגן נאָך.

זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. זי האָט צוריק דאָס קינד אין ווינקל אַרײַנגעלייגט, ווידער האָט עס אָנגעהויבן וויינען. יעראָכין האָט עס גענומען אַ בינשטילן, אַראָפּגענומען זײַן היטל פון קאָפּ:

— זע, סאַרא צאַצע, — האָט ער אָנגעוויזן אַפן שטערנדל.

דאָס קינד האָט נאָך אַ פּאָר מאָל אַ כליפּע געטאָן און איז אַנשווייגן געוואָרן. איינס האָט זיך דעמ געוואָלט: אָפּרײַסן דאָס שטערנדל פון היטל.

— אַזוי האָט זיך די עלטערע טאָכטער געשפּילט, ווען מײַן מאַן איז פון דער אַרמיי געקומען, — האָט די פּויערטע געזאָגט. — זאָגט, אין דער שטוב, וואָס אַנטקעגן, זײַט איר געווען? נײַן? עס וווינט אַרײַן אַהין. דאָרט וווינט אַ טיפּ, וואָס ווייניק אַזעלכע וועט איר באַ אונדז אין ראַיאָן געפינען. מײַן מאַן האָט זיך נאָך אײַנגעשטעלט פאַר אים, ווען מע האָט אים געוואָלט אַנטבאַלעגופּעווען. איצט ציטערט פאַר אים דאָס גאַנצע דאָרף.

— איז עס ניט דער געוועזענער קאָאָפּעראַטאָר אַנדערער?

— יאָ. ווייסט איר שוין אויך וועגן אים?

מיר האָבן זיך צעזעגנט און זיך געלאָזט אין דער אַנטקעגנדיקער שטוב. עטלעכע מאָל האָבן מיר אָנגעקלאַפּט אין שויב. קיין שום ענטפער.

— עפנט!

— הער שעפּ, — ווענדעט זיך צו מיר יעראָכין אומיסטן אין דער הייך. — דערלויבט, וועל איך אים אָפּלערנען פון דער מידע ניט עפענען דער פּאָליצײַ די טיר.

עס האָט געווירקט.

— איך עפן, איך עפן! — האָט עמעצער פון שטוב אַרויסגעשריגן און זיך גענומען פּאָרען מיט די קייטלעך. — ביטע, מײַנע

[illegible]
אונדזערע קענען מיך אַלע. בייזערט זיך ניט, וואָס איך האָב גלייך ניט געעפנט. עס איז דאָך שוין שפּעט, ווער ווייסט? איך האָב אַ טראַכט געטאָן, עפּשער זיינען עס די וואַלד־רוכעס.

— אַלע שרייט איר, אַז איר האָט מוירע פאַר פּאַרטיזאַנער.

— וואָס הייסט, אַלע? ווער עס איז מיט זיי פאַרייניגט, דער האָט קיין מוירע ניט פאַר זיי. ווען איר זייט דאָ ניט קיין פרעמדע, וואָלט איר געוווּסט, צי דאַרף נאָך עמעצער אַזוי מוירע האָבן פאַר זיי, ווי איך... אַז וואָס איז דאָ לאַנג צו ריידן, אָט וועל איך פייער אָנצינדן, וועט איר אַליין זיך איבערצייגן.

יעראָכינ נעמט אַראָפּ זיין היטל, יענער זאָל דאָס שטערנדל ניט דערזען. עס ווערט ליכטיקער.

— האָט איר באַגעגנט נאָך ערגעץ־וווּ אַזאַ שטוב? — באַווייזט ער אונדז אָפּ דער וואַנט, לעבן וועלכער עס שטייט דער טיש.

ניין, אַזאַ שטוב האָב איך אָפּ אַנ עמעס נאָך אינ ערגעץ ניט געזען. אָפּ דער וואַנט הענגט אַ פּאָרטרעט פונעם גרעסטן באַנדיט אָפּ דער וועלט, אָפּנ טיש ליגנ אַקוראַט צונויפגעלייגט ביכלעך, בראָשורן, צייטונגען, פאַשיסטישע רעבילעס־בלעטלעך, וואָס ניט יעדער פויער וויל פונ דעם אַ ציגייער פאַרדרייען.

איך שריי ניט, איך טומל ניט. צופיל קאָס אונ האַס, מע זאָל זיי קענען פונ זיך אַרויסשרייען. איך שפּיר, אַז כאָטש עס איז ניט אינ מיינ טעווע, נאָר באַלד וועל איך געבן פּעטש.

— קום אהער, — רופּ איך אים צו זיך, אונ וויפל קויעך איך פאַרמאָג, גיב איך אָפּ מיינ רעכטער האַנט. — נאַ, הינטיש געביין.

דער קלאָפּ האָט אים געגעבן די וועלט צו זען. ער האָט גלייך אַלץ פאַרשטאַנען. ער איז אופגעשטאַנען, זיך צוגעשפּאַרט צום פענצטער אונ אויסגעשעפּטשעט:

— כאַווייריִם! איך האָב ניט געוווּסט, ווער איר זייט. דאָס אַלץ איז דאָך ניט מיינס.

— וועמענס? — פרעגט יעראָכינ.

ער פאַרלירט זיך אָפּ אַ ווייַלע.

— דעם שניידערס! בא מיר האָט ביז נעכטן אַ פרעמדער שניי־דער געאַרבעט.

איכ לאָז זיכ צו אים. ער טרעט אָפּ אפ צוריק. דער צווייטע־קלאַפּ איז ניט קיינ ערגערע, ווי דער ערשטער.

— דאָס איז פּארנ שנײַדער. קענסט אים איבערגעבנ.

איכ שיק יעראָכינענ נאָכ א פּאָר פורנ. אינ דער שטוב דערלויב איכ נעמענ אלצ, וואָס אונדז קענ נאָר נייטיק זײַנ.

די רעלסנ־מילכאָמע

1

איינער פונ אונדזערע הויפּט־מעטאָדנ אינ קאמפּ קעגנ די דײַטשישע אָקופּאנטנ איז געווענ דיווערסיע. עס איז ניט צו באוואונדערנ, וואָס פּאר אָט דער ארבעט האָבנ זיכ גענומענ די בעסטע, שרעקלאָזע פּארטיזאנער. די ערשטע פּיאָנערנ דיווערסאנטנ בא אונדז אינ אָטריאד זײַנענ געווענ די קאָמוניסטנ טשערנאָוו, דאָמאָראד, סילקינ, נעראסימאָוויטש, פּעטרושא. די לעצטע דרײַ האָבנ ביז דער מילכאָמע געארבעט אינ איינ שול אים לערער. דאָס דאָזיקע דרײַלינג איז געווענ אונדזער שטארקסטע דיווערסאנטישע גרופּע.

דאָס מאָל וועל איכ זיכ דערלויבנ ברענגענ עטלעכע ציפערנ, וואָס ריידנ אליינ פאר זיכ. בלויז פאר די צוויי יאָר עקזיסטענצ פונ אונדזער פּאָלק האָבנ אונדזערע דיווערסאנטנ פארניכטעט:

אווטאָמאשינעס אונ מאָטאָציקלענ	— 100	
מאָטאָרנ צו ערעאָפּלאנענ	— 8	
ערעאָפּלאנענ	— 9	
אײַזנבאנ־קאָלייע	— 5	קילאָמעטער
אײַזנבאנ־ אונ שאָסיי־בריקנ	— 14	
טעלעפאָנ־ אונ טעלעגראפ־ פארבינדונג	— 58	קילאָמעטער
אײַזנבאנ־רעלסנ	— 1130	„
לאָקאָמאָטיוונ	— 46	
אײַזנבאנ־עשעלאָנענ	— 44	
דײַטשישע אונטערנעמונגענ	— 2	

דערבײַ דארפ מענ ניט פארגעסנ, אז די דײַטשנ האָבנ קיינ זאכ ניט אָפּגעהיט אזוי, ווי די אײַזנבאנענ אונ בריקנ. אויסער ספּעציעלע

פאנצער־צוגן, וואָס האָבן קורסירט אהין און צוריק, דאָטן, פּאָסטנס, פלענגן זיי לעבן דער איַזנבאַן־ליניע אויסהאקן די ביימער, אויס־גראָבן קאַנאַוועס, איַנשטעלן דראָט־פאַרצאַמונגען, איַנאָרדענען זאַסאַדעס. געווען א ציַיט, ווען באַנאַכט פלעגן זיך קיין צוגן איַנ־גאַנצן ניט באַוועגן, און אויב יאָ, איז לאַנגזאַם. פאָרן לאָקאָמאָטיוו פלעגן זיי צוטשעפּען פּוסטע פּלאַטפאָרמעס. ווי איר זעט אָבער פון די ציפערן, האָט דאָס אלץ זיי ווייניק־וואָס געהאָלפן.

דער דיווערסאַנט פון אונדזער בריגאַדע דער קאָמוניסט וואָלאָ־דיאַ פּאַראַכנישעוויטש האָט פאַרניכטעט דריַי און צוואַנציק עשעלאָנען. איינמאָל האָט ער באַשטימט אופריַיסן אַן עשעלאָן, אין וועלכן עס איז געפאָרן אַן אָנגעזעענער דיַיטשישער גענעראַל. די דיווער־סיע האָט זיך אים ניט איַינגעגעבן, האָט זיך פּאַראַכניעוויטש אויס־באַהאַלטן לעבן דער איַזנבאַן־ליניע, ביז דער עשעלאָן האָט זיך ניט אומגעקערט צוריק. דעמאָלט האָט ער אויסגעפירט. וואָלאָדיאַ פאַראַכניע־וויטשן האָט די רעגירונג באַלוינט מיטן הויכן טיטל העלד פון סאָ־וועטן־פאַרבאַנד.

וואָהין קיינער האָט ניט געקענט צוקומען, אהין פלעגט זיך דער־קליַיבן אלעקסאַנדר סילקין מיט זיַינע באַווייריִים. ווענן זיַינע אומ־טועג פלעגט מען אין די ארומיקע דערפער לעגענדעס דערציילן. א לעניִן־אָרדען האָט באַשיַינט זיַין ברוסט. שוין אין 1944, זיַיענדיק קאָמיסאַר פון 2־טן באַטאַליאָן, איז ער אין דער שפּיץ פון צוויי ראָ־טעס אָנגעפאַלן אף דער דיַיטשישער וואַך, וואָס האָט אָפּגעהיט א גרויסן לאַגער, וווּ עס האָבן זיך געפונען פאַמיליעס פון קאָמוניסטן, פּאַרטיזאַנער, סאָוועטישע טוער. די אַרעסטירטע האָט מען באַפריַיט. נאָך אין דער שלאַכט איז העלדיש אומגעקומען אונדזער בעסטער דיווערסאַנט דער קאָמיסאַר א. מ. סילקין.

זעקס פיַינטלעכע עשעלאָנען האָט פאַרניכטעט פּעטרוטין. צו דריַי — אונדזערע אויסשפּירער וו. סאַוויטש און ג. באָראַוועץ.

2

געווען אזעלכע דיווערסאַנטישע אָפּעראַציעס, אין וועלכע עס האָבן אָנטייל גענומען אבסאָליוט אלע פּאַרטיזאַנער. דאָס איז געווען די רעלסן־מילכאָמע. שווער געווען צוצוטראַכטן אַ קליגערע און נייטיקערע ארבעט. שטעלט זיך פאָר, אז אומעטום, וווּ נאָר עס

זײַנען פּאַראַן פּאַרטיזאַנער, אין איין און דער זעלבער נאַכט, אין איין און דער זעלבער שעה און מינוט דערקלײַבט מען זיך צו דער אײַזנבאַן־ליניע. בײַ יעדן זײַנען פֿון פֿריִער פּאַרגרייט אויפֿרײַס־שאַשקעס, מע לייגט צו די שאַשקע צום רעלס, נאָך בעסער איז — צו־שפּאַרן מיט אַ שטיינדעלע אָדער מיט עפּעס אַן אַנדער שווערע זאַך. ווען אַלץ איז גרייט, ווערט געגעבן אַ סיגנאַל: — צינדן!.. ביז עס דערברענען די שנורן, באַווײַזן אַלע אָפּלויפֿן אַן אַ זײַט און צו־פֿאַלן צו דער ערד. נאָך איין ווײַלע, און די ערד ציטערט אויף פֿון די אויפֿרײַסן. עס באַקומט זיך אַ פֿײַנער פֿײַערווערק.

די רעלסן־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אין 1943. די ערשטע אָפּעראַציע איז געווען אַ אַזויפֿיל אומגעריכט פֿאַרן סוינע, אַז אַפֿילע אין די גרויסע שטעט האָבן זיי זיך פֿאַרקליבן ווער ווּ עס האָט געקענט. לאַנג האָבן זיי ניט געקענט צו זיך קומען און ניט פֿאַר־שטאַנען, וואָס זשע איז דאָ פֿאָרגעקומען?

די דײַטשן זײַנען געווען געצווּנגען אַראָפּנעמען די פּאַראַלעלע אײַזנבאַן־ליניעס אין אַנדערע לענדער און פֿירן זיי צו אונדז, קיין ווײַסרוסלאַנד. איך מיין, ווען מיר וואָלטן פֿון ערשטן טאָג אָן פֿון אונדזער פּאַרטיזאַנישער טעטיקײַט זיך פֿאַרנומען מיט אַזעלכע אָפּע־ראַציעס, וואָלט אַפֿילע אין דײַטשלאַנד גופֿא קיין רעלסן ניט געקלעקט. ביז זיי האָבן אויסגעלייגט די נײַע רעלסן, האָבן פּאַרטיזאַנער אין באָברויסק אויפֿגעריסן דעם שפּאַלעס־זאַוואָד. איצט איז שוין בײַ זיי געוואָרן אַ דוחק אויך אין שפּאַלעס.

מיט דער אײַזנבאַן־ליניע באָברויסק—מאָליעוו האָבן זיך די דײַטשן ניט באַנוצט, ווײַל מיר האָבן עס ניט דערלאָזט. עס האָבן זיי ניט געהאָלפֿן ניט קיין ספּעציעלע גאַרניזאָנען, ניט קיין דאָטן, ניט קיין שטראָף־עקספּעדיציעס. דאָ זײַנען מיר געווען די באַלעבאַ־טים. אין בוך „פֿון מינסקער געטאָ" דערציילט דער געוועזענער קאָ־מיסאַר פֿון אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד הערשל סמאָליאַר, ווי אַזוי די פּאַרטיזאַנער האָבן פֿאַרניכטעט דעם גרעסטן פֿון די גאַרניזאָנען בײַ דעם דאָזיקן וועג — דעם גאַרניזאָן בײַ דעם דאָרף סושאַ. נאָך אין אַ יאָר אַרום האָבן דאָרט האַרט בײַ דער ליניע געשטאַרטשעט אָפּגעברענטע ווענט, עס האָבן זיך געוואַלגערט שטיינער, דײַטשישע קאַסקעס, איבערגעבראָכענער שטעכ־דראָט.

ביז הארבסט 1943 האָט זיך אַן ערעך אין דער זעלבער לאַגע געפונען דער שאָסיי־וועג באָברויסק—מאָליעוו. ווי באַלעבאַטים האָבן זיך דאָ די דײַטשן געפילט נאָר אין דער צײַט, ווען זיי פלעגן בלאָקירן די וועלדער. אין הארבסט, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס דער פראָנט האָט זיך דערנעענטערט, האָט זיך די לאַגע געביטן. די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן שטאַרקער באַוואַכן דעם וועג. פונדעסטוועגן איז ניט געווען קיין איין טאָג, מע זאָל דאָ ניט אונטערקלאַפּן קיין פּאָר מאַשינעס. האָט מען מיט יעדן טאָג פאַרשטאַרקט די וואַך. נאָר דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן. ווען מיר האָבן זיך איבערגעקליבן אין ווינטער־לאַגער אַ קילאָמעטער פופציק פונעם וועג, האָבן מיר זיי סײַווי ניט געלאָזט צורו. איין באַטאַליאָן פלעגט דאָ שטענדיק דעזשורען, אַלע מאָל אין אַן אַנדער אָרט פאַרמינירן דעם וועג אָדער זיצן אין זאַסאַדע.

ווידער בלאָקאַדע

1

איצט האָט מען מיך אַפּ אַן עמעס „פאַרשפּאַרט" אין לאַגער. נאָר פון צײַט צו צײַט פּאָר איך ארויס צו מײַנע אויסשפּירער. לאַנג פאַרהאַלטן זיך בײַ זיי קען איך אָבער ניט. דער שטאַב פאָדערט פון מיר עטלעכע מאָל אין טאָג יעדיעס. זיי קומען אָן פון פאַרשיידענע ראַיאָנען, מע באַדאַרף זיי באַאַרבעטן, מאַכן די געהעריקע אויספירן, שטעלן נײַע אויפגאַבן. דערצו בין איך אויך פאַרטרעטער בײַ דראָזדן, דעם שעף פון שטאַב. ער אַליין לאָזט זיך אָפּט אַפּ פאַרשיידענע אָפּעראַציעס. מיר קומט אויס צו פאַרבײַטן אים.

דעקאַבער און יאַנוואַר גייען שנעל פאַרבײַ. אונדזער הויפּט־ציל — שלאָגן דעם פײַנט, וואָס באַוועגט זיך אָן אויפהער איבער דער מאַגיסטראַל באָברויסק—מאָליעוו. מיר האָבן פאַרלוסטן, אָבער דאָס איז אַן אומפאַרמײַדלעכע זאַך.

צוויי מאָל פּרוּווט דער פײַנט, וואָס פאַרפעסטיקט זיך ניט ווײַט פון אונדז באַם טײַך דרוט, זיך לאָזן אין וואַלד. אָבער ווי נאָר ער

טרעפט אַן אַפּ אונדזער ווידערשטאנד, קערט ער זיך אום צוריק. ווי פריער, געפינט זיך אײַן באטאליאַן באם שאָסיי־וועג. איינער איז צעשטעלט אין זאסטאוועס אין די ארומיקע דערפער, איינער רוט אָפּ אין לאגער. מיט די נײַינקע, וואָס זײַנען ערשט ניט לאַנג אָנגעקומען, פירן מיר רעגולערע לימודים. די קאָמאנדירן, אַלטע פּארטיזאנער, באַקענען זיי מיט אונדזער טאַקטיק. עס איז דאָ ווייניק שפּײַז. דער גרעסטער טייל פּארטיזאנער איז שלעכט אָנגעטאָן. אָבער קיינער קלאָגט זיך ניט. די שטימונג איז אַ געזונטע, אַ מונטערע.

אפן 2־טן פּעבוראַל איז אָנגעמערקט אַ באַראַטונג פונעם קאָמאנדירן־באשטאנד פון אונדזער פּאריינזיקונג. צונויפגעזאַמלען זיך דאַרף מען אין דאָרף מאַלינקי. ס. אי. סוויריד, ג. ל. קאָמאַר דערציילן וועגן דער אָפּגעטאָנענער ארבעט און וועגן די נײַע אויפגאַבן, וואָס שטייען אין צוזאמענהאַנג מיט דער נײַער לאַגע. מיט גרויס אויפמערקזאַמקײַט הערן מיר אַלע דאָברינסקיס פּאַרטראַג וועגן דער צווישנפעלקערלעכער לאַגע.

דאָברינסקי, אָדער ווי דער גרעסטער טייל רופט אים — סאַלאָמאָניטש, איז איינער פון די ערשטע פּארטיזאנער אין אונדזער ראַיאָן. ביז דער מילכאָמע איז ער געווען אַפּ אָנפירנדיקער סאָוועטישער ארבעט אין מינסק. בא אונדז האָט ער זיך אויסגעטיילט ווי אַ גלענצנדיקער פּראָפּאַגאנדיסט און אַגיטאַטאָר. שוין פון די ערשטע טעג אָן, ווי ער האָט זיך איבערגעקליבן אין וואַלד, האָט אים ניט געלאָזט רוען דער געדאַנק וועגן אָרגאניזירן אַן אונטערערדישע דרוקערײַ. מיט די געציילטע עטלעכע מעטאַלענע בוכשטאַבן, וואָס אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו קריגן, האָט ער זיך ארומגעטראָגן, ווי מיט דער סאַמע טײַערסטער זאַך אַפּ דער וועלט. ער איז געווען דער אווטאָר, דער זעצער און דער דרוקער פונעם ערשטן פלוגבלעטל, וואָס מיר האָבן ארויסגעלאָזט, דערנאָך דער רעדאַקטאָר פון אונדזער צײַטונג „קיראָוועץ".

עס איז נאָך צו באַוווּנדערן, פונוואַנען ער פלעגט קריגן מאַטעריאַל צו זײַנע פּאַרטראַגן. אַן אָפּטער אָרײַנגייער איז ער געווען צו אונדזער ראַדיסט. כאָטש מיט ענערגיע פאַר דער ראַציע איז געווען זייער שווער, פלעגט ער דאָך אויסבעטן די אויערן־רערלעך, און דאַן האָט מען געמעגט אפילו פון הארמאַטן שיסן, האָט מען דאָברינסקין ניט געקענט אָפּרײַסן פון ראַדיאָ.

אין אוונט קלײַבן מיר זיך צונויף אָפּ וועטשערע צו אונדזער קאָמבריג באַרקאָווסקי. דראָזד איז אין לאַגער. מיך האָט ער געבעטן ווי אַמשנעלסטן זיך אומקערן צוריק. איך פֿיל אים מיט: אַרבעט איז פֿאַראַן אַ וועלט, אין ראַיאָן איז ווײַט ניט רויק, און פֿון די העכע־רע קאָמאַנדירן איז ער דאָרט איינער אַליין.

דער קאָמבריג און דער קאָמיסאַר קלײַבן זיך פֿאַרטאָג צו אונ־דזער באַטאַליאָן, וואָס באַם שאָסיי־וועג, דערנאָך רעכענען זיי באַזוכן אַלע אויסשפּיר־גרופּעס. עס איז ווינטשנסווערט, אַז אויך איך זאָל מיט זיי מיטפֿאָרן. איך בעט אָבער בא באַרקאָווסקין אַ דערלויבעניש זיך אומקערן צוריק אין לאַגער, און אויב דאָרט וועט זײַן רויק, וועל איך אין עטלעכע טעג אַרום זיי אָניאָגן. אַזוי ווערט מיר דערלויבט צו טאָן.

2

אַפֿן וועג אין לאַגער פֿאַר איך אַרײַן צו מײַנע אויסשפּירער. דער עלטסטער פֿון דער גרופּע, סערגיי קאַרזון, דערציילט מיר: עס זײַנען פֿאַראַן ידיעות, אַז די דײַטשן גרייטן אַ בלאָקירונג. איך באַפֿעל פֿאַרשטאַרקן די אויסשפּירונג אין דער ריכטונג צום שטעטל טשי־טשעוויטשי, וווּ עס האָט זיך פֿאַר די לעצטע טעג קאָנצענטרירט אַ גרויסע צאָל פֿײַנטלעכע מיליטער.

אין לאַגער דערקלײַב איך זיך צו פֿרישטיק. אָפּגיך עס איך אָפּ און לייג זיך אָפּרוען. דראָזד וועקט מיך אויף.

— איך האָב באַפֿוילן אַלעמען פֿון לאַגער אַרויספֿירן. עפּעס צו אַקטיוו זײַנען זייערע אַעראָפּלאַנען.

ער באַווײַזט מיר די ידיעות, וואָס די אויסשפּירער האָבן צוגע־שיקט. ווײַט ניט קיין אָנגענעמע! די פּאַרטיזאַנער זײַנען באַאומ־רויקט, וואָס עס זײַנען ניטאָ דער קאָמבריג און דער קאָמיסאַר. מיר האָבן געשיקט פֿאַרבינדלער אָניאָגן זיי, נאָר צי וועלן זיי באַווײַזן זיך אומקערן, איז נאָך אַ גרויסע פֿראַגע.

אַרום 11 אַזייגער באַטאָג באָמבאַרדירן דײַטשישע אַעראָפּלאַ־נען דעם וואַלד און באַשיסן אים פֿון קוילנוואַרפֿער. ווײַזט אויס, זיי האָבן ידיעות, וווּ אונדזערע לאַגערן געפֿינען זיך, אָבער ניט קיין פּינקטלעכע. אונדזערע ערד־שטיבלעך זײַנען גוט מאַסקירט. זעלטן וועט די באָמבעס טרעפֿן אין ציל.

באַטאַג ווערט שטיל. איכ מיט דראָזדנ לאָזנ זיכ צו די מאָרו־סאָוועצעם (אַזוי האָט מענ גערופנ די בריגאַדע פּאַרטיזאַנער פונ ראָהאַטשאָווער ראַיאָנ), וואָס געפינענ זיכ א קנאַפּע פּאָר קי־לאָמעטער פונ אונדז. מעגלעכ, מיר וועלנ זיכ דערוויסנ עפּעס נײַס בא זיי. עס איז אויכ וויכטיק זיכ צונויפרייידנ וועגנ דעם, ווי מיר וועלנ האַנדלענ, אויב די דײַטשנ וועלנ זיכ לאָזנ אינ וואַלד. ווידער באַווײַזנ זיכ עראָפּלאַנענ. דאָס מאָל פליִענ זיי נידעריק איבערנ סאַמע וואַלד. ניט ווײַט פונ אונדז איז א גרויסע לאָנקע פונ עטלעכע קילאָמעטער. דאָ גייט דורכ די אײַזנבאַנ־ליניע. ווי נאָר די עראָפּלאַ־נענ דערפליִענ אַהער, לאָזנ זיי זיכ אַראָפּ גאָר נידעריק, קימאַט אַלע האַלטנ זיי דעם קורס לענגאויס דער אײַזנבאַנ־ליניע. זיי איז, ווײַזט אויס, געפעלנ דער אָריִענטיר. אַהער האָבנ מיר אַרויסגעשיקט אונ־דזערע קוילנוואַרפער. ווי עס האָט זיכ אויסגעלאָזט, איז אויכ דעמ קאָמאַנדיר פונ די מאָרוסאָוועצעם, דעם מאַיאָר טאַראַסעוויטש, געפעלנ דאָס אָרט. אויכ ער האָט אַרויסגעשיקט אַהער א גרופּע סנײַפּערס. ווענ איינער פונ די עראָפּלאַנענ לאָזט זיכ לענגאויס דער אײַזנבאַנ־לי־ניע אונ געפינט זיכ אינ ווירაאַזש, גרייט צו מאַכנ א נײַעמ קרײַז, באַגעגנט מענ אים פונ דער ערד מיט א שקוואַל פײַער. א קנויל שוואַרצער רויכ טוט א זעצ אינדערלופטנ, אינ א ווײַלע אַרום פליט שוינ ניט דער עראָפּלאַנ האָריזאָנטאַל, נאָר פאַלט, ווי א שטיינ, צו דער ערד. עס דערהערט זיכ א טעמפּער קלאַנג.

— פּאַראַנ! — שרײַענ מיר בײדע אויס אונ טרײַבנ אונטער אונ־דזערע פערד.

אַהער יאָגנ אויכ דער מאַיאָר טאַראַסעוויטש אונ זײַנ שטאַב־שעפ, א געוועזענער מיליטער־אינזשעניער וו. וו. טשיסטיאַקאָוו.

אונטערגעקלאַפּט האָט מענ א „פּאָקע־וווּלפ”. ס׳וואַלגערט זיכ זײַנ אָפּגעברענטער סקעלעט. פונ איינ פליִער זײַנענ ניט מער ווי ביינדעלעכ פאַרבליבנ, אויכ דער צווייטער איז שוואַרצ ווי קויל. נאָר זייער געווער האָט זיכ פאַרהיט. דעם קוילנוואַרפער, וואָס איז גע־שטאַנענ אפנ אונטערגעקלאַפּטנ עראָפּלאַנ, וועט מענ קאָנענ אויס־נוצנ. עס לאָזט זיכ אויס, אַז געטראָפנ אינ אים האָבנ די מאָרו־סאָוועצעם. צו זיי געהערנ די טראָפּייענ. די זעלבע גרופּע האָט צוריק מיט א וואָכ שוינ אונטערגעקלאַפּט איינ עראָפּלאַנ.

אין ערעב א האלבע שאָ איז דער הימל רײן. דערנאָך טראָגט זיך א װײַט הודזשען. איצט װעלן זײ שױן ביז נאַכט ניט לאָזן אונדז צורו. אפגיך רײדן מיר אָפּ מיט די מארוסאָװצעס װעגן אלץ און לאָזן זיך צוריק צו אונדזער לאגער. דערקלײַבן זיך הײַנטיק צום װאלד איז שװער. די אעראָפּלאנען יאָגן זיך נאָך נאָך יעדן מענטשן.

מיר האָבן ניט געקאָכט ניט קײן מיטיק, ניט קײן װעטשערע: אויך באַנאַכט קענען מיר קײן פײַער ניט לײגן. דאָס מאָל לאָזן זײ אונדז אויך אין דער פינצטער ניט צורו. אזוי אז מאָרגן װעט װידער אויסקומען הונגערן. פאראן בא אונדז א ביסל ברויט. גערייבערט פלײש. מע צעטײלט עס צװישן די פארװוּנדעטע און קראנקע, װאָס מיר האָבן איצט א היפּש ביסל.

אונדזערע אויסשפּירער טײלן מיט: א היטלערישער טײל מיט טאנקען און הארמאטן האלט דעם קורס צו אונדזערע לאגערן. צװײ מאָל פארבינדן מיר צוזאמען מיט די מארוסאָװצעס א שלאכט מיט זײ. אין מעשעב פונעם טאָג האָבן די דײַטשן אין אײן אָרט אויסגעבויט א בריק. אין מעשעב פון דער נאַכט האָבן זי אונדזערע דייװערסאנטלער אופגעריסן. די לעצטע שלאכט באַם סאַמע ראנד פון װאלד. װוּ אונדזערע לאגערן האָבן זיך געפונען. האָבן געפירט די מארוסאָװצעס. אײגנטלעך גערעדט. איז עס געװען ניט קײן שלאכט, נאָר א זאסאדע. די היטלעראָװצעס זײַנען דורכגעפאָרן דורך דער אײַזנבאן־ליניע און געװען שױן א װעלכע הונדערט פופציק מעטער פון װאלד. נאָך פון דאָרפ האָבן זײ באשאָסן דעם װאלד און באשטימט, אז דאָ איז שױן קײן זײכער פון קײן פארטיזאנער ניט פארבליבן. דער טאָעם האָט זײ טײַער געקאָסט. אומגעריכט האָט מען זײ באגעגנט מיט אזא שקװאל פײַער, אז זײ האָבן געמוזט פארקערעװען די האלאַבליעס צוריק אין דאָרף. נאָר װײַט ניט אלע האָבן זיך דערקליבן אהין.

3

פון נעגנטלעכן אונטערערדישן פארטײ־קאָמיטעט איז אָנגעקומען א באפעל — פארלאָזן דעם װאלד. דער זאמל־פונקט איז דער איזאָכאָװ־לאגער. נאָך ביז דעם האָבן מיר אין יענער ריכטונג אװעקגעשיקט אונדזערע פארװוּנדעטע, קראנקע און אלטע לײַט. מיט

זיי זײַנענ אוועק די ווירטשאַפטלער. מיר האָבנ פארלאָזט דעמ לאגער, ווענ די דײַטשנ האָבנ זיכ שוינ ארײַנגעריסנ אינ וואלד. נאָכ אנ אומגליק — דער גרעסטער טייל פונ אונדזער באטאליאָנ, וואָס האָט זיכ געפונענ אינ די זאסטאוועס אונ צוזאמענ מיט די מארוסאָווצעס פארהאלטנ אפ א געוויסער צײַט דעמ פײַנט, האָט זיכ מיט אונדז ניט פאראייניקט. די דײַטשנ האָבנ זיי פארצוימט דעמ וועג, אונ זיי זײַנענ געווענ געצוווּנגענ זיכ לאָזנ אינ א קעגנזעצלעכער ריכטונג.

אָט ווענ עס האָט זיכ געלאָזט פילנ, אַפ וויפל מיר, פארטיזאנער, זײַנענ אויסגעוואקסנ. אלע וועגנ זײַנענ פול מיט שליטנס, רײַטער אונ פוסגייער. עס גייענ ראָטעס, באטאליאָנענ, אָטריאדנ, פּאָלקנ, וואָס זײַנענ גרייט יעדע מינוט זיכ ווארפנ אינ שלאכט, פארהאלטנ דעמ פײַנט. קאָנ מענ פרעגנ: וואָס זשע טרעטנ מיר אזוי אײַליק אָפּ, אויב מיר פארמאָגנ אזא קויעכ? דער כעזשבנ איז געווענ א פּאָשעטער: דער פראָנט איז נאָענט, די אָקופּאנטנ קענענ, אויב עס וועט נייטיק זײַנ, ארויסשיקנ קעגנ אונדז גרויסע קויכעס, אונ קעגנ זייער אוויאַ־ציע, טאנקענ, ארטילעריע זײַנענ מיר קימאט אומבאהאָלפנ. ווידער, איז אונדז אבסאָליוט ניט וויכטיק אײַנהאלטנ דעמ וואלד. נו, אונ וויבאלד די ברייררע איז בא אונדז, קענענ מיר דאָכ אויסקלײַבנ פּאַ־סיקערע באדינגונגענ צו שלאָגנ דעמ סוינע.

מיר זײַנענ געקומענ צומ זאמל־פּונקט די לעצטע. דער גרעסטער טייל אָטריאדנ האָט זיכ שוינ פונ לאנג געלאָזט אינ וועג. מיר האָבנ באקומענ אָנווײַזונגענ, א מארשרוט.

עס איז געשענ אזוי, אז ביזנ אָנקומ פונ טאָג האָבנ מיר ניט באוויזנ זיכ ארויסקלײַבנ פונ וואלד. צו אונדז האָבנ זיכ פאראייניקט עטלעכע גרופּעס, וואָס זײַנענ אָפּגעשטאנענ פונ זייערע אָטריאדנ. לאָזנ זיכ מיט אזא אוילעמ גאנצפרי אינ פעלד וואָלט געווענ אנ אומזינ. וועלנ מיר גלײַכ ניט אָנטרעפנ אפנ סוינע, וועט מענ אונדז פונ דער לופט באמערקנ. איינ אויסוועג בלײַבט — מאנעווּרירנ דעמ טאָג אינ וואלד אונ זיכ ארויסרײַסנ פונדאנענ באנאכט.

ווי שטענדיק אינ אזא פאל, קוקט מענ אפ די אויספירער ווי אפ רעטער. יעדנ איינעמ איז קלאָר, אז זײַנ גוירל איז אינ א גרויסער מאָס אָפּהענגיק פונ זיי. מײַנ געהילפ איז סערגיי קאָרזונ. עס איז א ראכמאָנעס צו קוקנ אפ אימ. פונ עטלעכע טעג נאָכאנאנד ניט שלאָפנ, פונ הונגער אונ קעלט איז ער שטארק אראָפּ פונ פּאָנעמ. ווי

163—14

ער שטעלט זיך אָפּ, קלעפּן זיך בא אים די אויגן. קאָרזון מיט נאָך א גרופּע אויסשפּירער לאָזן זיך אין דער ריכטונג צו סושא. לויט די יעדיעס, וואָס מיר פאַרמאָגן, זײַנען אַהין דערווײַל קיין דײַטשן ניט געקומען. די ערשטע יעדיעס שיקט קאָרזון, ווי נאָר ער דער־קלײַבט זיך צו דער אײַזנבאַן־ליניע: „דער וועג איז פרײַ". פון א גאָענטן יישעוו באַקום איך א צווייטע מיטיילונג: „די דײַטשן זײַנען נאָענט — אין דאָרף זאַמיקיטקאַ. אויב ניט הײַנט, וועלן זיי מאָרגן זיכער קומען אַהער. קעדיי צוקומען אַהער, מוז מען אויסבויען א בריקל".

מיר שיקן אַרויס א וווואָד סאַפּיאָרן און צוויי וווואָדן אָפּ אָפּהיטן די סאַפּיאָרן פון די פלאַנגען.

א בריק האָבן אונדזערע אויסגעבויט, נאָר עס איז אויסגעקומען גלײַך צי אופצורײַסן. עס האָט שוין געהאַלטן באַם טונקל ווערן, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די דײַטשן. אונדזערע זײַנען אָפּגעטראָטן. קאָרזונען מיט זײַנע אויסשפּירער האָט מען דעם וועג אָפּגעשניטן. קיינער האָט קיין זאַך ניט געפרעגט, נאָר בא אַלעמען האָבן די אויגן אויסגעדריקט איינס:

— וואָס ווײַטער?..

— דערקלערט אַלעמען, און באַזונדערס די נײַע, — האָט דראָזד באַפוילן די קאָמאַנדירן, — אַז מיר האָבן שוין ניט איין מאָל דורכ־געלעבט מער קריטישע מאָמענטן. דער וואַלד איז גרויס, און אין ערגסטן פאַל ווייסן מיר, ווי מע פירט א שלאַכט אין וואַלד. מיר האָבן פעסטע שטורעם־גרופּעס, וואָס וועלן, אויב עס וועט נייטיק זײַן, דורכלייגן א וועג אָדער אײַנהאַלטן אָפּ א צײַט דעם סוינע. אומעטום מיט קיין טאַנקען וועלן זיי אונדז ניט נאָכיאָגן. וואָרנט נאָכאַמאָל די קראַנקע און פאַרוווּנדעטע, אַז מיר וועלן זיי ניט פאַרלאָזן. פּראָדוקטן פאַר זיי וועט נאָך קלעקן אָפּ עטלעכע טעג.

ער האָט באַפוילן קוילען א פאָר פערד און דאָס פלייש צעטיילן.

4

דער האַרבסט איז געווען א לינדער, דער ווינטער — א וואַ־רעמער. אין אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פעווראַל, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די בלאָקירונג, האָט זיך דער וועטער געביטן. דאָס

זײַנען געווען די סאמע קאלטע טעג פארן גאנצן ווינטער. ארומ־בלאָנקענע אין וואלד איז געוואָרן אומעגלעך. מע מוז כאָטש א טאָג זײַט זיך אויסרוען, אָנוואַרעמען זיך. דעם 19־טן פעווראל פארטאָג האָבן מיר זיך אומגעקערט אין אונדזער לאגער. פיל ערד־שטיבלעך האָבן די דײַטשן פארניכטעט. די ערד־שטיבלעך פון די אויסשפּירער זײַנען געווען גאנץ.

מיר האָבן דאָ אָפּגערוט ניט מער ווי א שאָ. דער קאָמאנדיר פון זאסטאווע האָט מיטגעטיילט: „די דײַטשן געפינען זיך שוין אין איין קילאָמעטער פון לאגער".

— אין וועג! — איז דער באפעל.

מיר האָבן נאָך דעם לאגער ניט פארלאָזט, ווי קוילן האָבן זיך גענומען רײַסן גאָר נאָענט. דאָס באשיסן זיי אונדזער זאסטאווע. מיר לאָזן זיך טיפער אין וואלד. ווידער באשיסן זייערע אעראָפּלאנען אונדזער לאגער.

דאָס איז געווען דער שווערסטער טאָג אין מעשעך פון דער גאנצער בלאָקירונג. מיר האָבן קוים באוויזן איבערלויפן דעם וועג, ווי עס האָט זיך באוויזן א פײַנטלעכע קאָלאָנע. זייער אוויאַציע האָט געהאלטן אין איין נישטערן. מיר האָבן געמוזט אוועקוואַרפן די שליטנס און זײַנען פארקראָכן אין אזא זומפּיק אָרט, אז דער גרעס־טער טייל פערד איז דאָרט געבליבן שטעקן. קיינמאָל האָבן מיר ניט ארויסגעקוקט אזוי אָפּ נאכט, ווי דאָס מאָל. צעצויגן אין איין לאנ־גער קייט, האָבן מיר ארום האלבער נאכט פארלאָזט דעם וואלד. מיר, די אויסשפּירער, האָבן זיך געלאָזט פאָרויס. דער באפעל איז געווען א קורצער און א קלאָרער:

— בײַ אלע אומשטענדן צוריק קיין טראָט!

מיר לאָזן זיך אין א צווייטן וואלד, אין אן אנדער ראיאָן.

אפן צווייטן טאָג זײַנען מיר אָנגעקומען אין לאגער, ווו עס האָט זיך געפונען אן אָטריאַד פון אונדזער פארייניקונג. זייער קאָמאנ־דיר וו. ל. ניקיטין האָט באפוילן באפרײַען פאר אונדז ערטער אין די בײַדלעך, צוגרייטן עסן פאר אונדז אלעמען. איך מיט דראָזדן האָבן זיך פון אלץ אָפּגעזאָגט. מיר האָבן זיך צוגעלייגט בעענטער צום שײַטער, זיך צוגעדריקט איינער צום צווייטן און, ווי טויטע, אײַנגעשלאָפן.

אין עטלעכע טעג ארום האָט מיר דער קאָמבריג ס. ד. בארקאָוו־

סקי פאָרנעליינגט זיכ דורכפאָרנ אפ א פאָר טעג אָפּרוענ. צו דאוויד משעכאטשכאלינ, וועלכער איז געווענ קאָמאנדיר פונ מײַנ געוועזענער גרופּע. אהינ בינ איכ אָנגעקומענ בעשאָלעמ. נאָר ארויסרײַסנ זיכ פונ דאָרט האָב איכ שוינ ניט געקענט. דער גאנצער קליינער וואלד־מאסיוו, ווו טשעכאטשכאלימ גרופּע האָט זיכ געפונענ, איז געווענ ארומגערינגלט. פיר טעג נאָכאנאנד האָבנ מיר זיכ געוואָרפנ איבערנ וואלד, געיאָגטע אונ פארפאָלגטע פונ אלע זײַטנ. ערשט אינ א וואָכ ארומ האָב איכ זיכ אומגעקערט אינ בריגאדע.

א הונט — א הינטישנ טויט

נאָכ אינ אָנהייב פונעמ בוכ האָב איכ דערמאָנט וועגנ איינעמ א סוקאלאָ, דעמ איינציקנ פּאָליצײַ, וועמענ עס האָט זיכ אײַנגעגעבנ פארהיטנ זײַנ פעל נאָכ דער סערגייעוויטשער שלאכט. פאר דער מיל־כאָמע איז ער געזעסנ אינ טפיסע פאר קרימינעלע פארברעכנס. אינ פיל ראיאָנענ ארומ איז ניט געווענ קיינ צווייטער מערדער גלײַכ צו אימ. אימ האָט מענ אָנגעמערקט אלס סטאראָסטע פונ וואלאָסאָוויטשי. מווירע האָבנדיק, די פארטיזאנער אָדער די פויערימ זאָלנ אימ ניט דערשטיקנ, האָט ער זיכ איבערגעקליבנ קיינ ליובאָניטשי צו די דײַטשנ. אינ זײַנ אכזאָריעס קעגנ דער באפעלקערונג האָט ער אי־בערגעשטיגנ זײַנע באלעבאטימ. ווו א שטראָפ־עקספּעדיציע, איז ער נאָכגעפאָרנ אונ געהאלטנ אינ איינ אָנווײַזנ: דער איז געווענ א בריגאדיר אינ קאָלווירט, יענערס זונ איז אוועק צו די פארטיזאנער, אָט דער אלטער איז מיט דער דײַטשישער מאכט ניט צופרידנ, אָט דאָס מיידל דארפ מענ אינ לאגער פארשפארנ, — איר ברודער איז א סאָוועטישער אָפיצער.

וואניא פאשקאָווסקי איז אלט צוויי אונ צוואנציק יאָר. ער איז איינער פונ די ערשטע פארטיזאנער, א קאָמוניסט. אליינ איז ער פונ דעמ דאָרפ, ווו סוקאלאָ איז סטאראָסטע. אויכ זײַנע עלטערנ אונ שוועסטער האָט סוקאלאָ דערהארגעט. וואניא קענ זיכ קיינ אָרט ניט געפינענ.

— ווי לאנג נאָכ וועלנ מיר אימ לאָזנ טרעטנ אפ דער ערד?

צוקומענ צו אָט דעמ סוקאלאָ איז ניט קיינ גרינגע אופגאבע. ער

וויסט, אז מע האָט אים „ליב". און אַז געוואָר גייט ער פון שטוב ניט ארויס. ליובאַניטשי פארלאָזט ער באַר אין א קאָמפּאַניע פון דייטשן אָדער פּאָליציאַנטן. וואָזשע זשע פּאַקט מען אים?

פּאַשקאָווסקי פארקלייבט זיך באַנאַכט קיין ליובאַניטשי, און צוויי טעג נאָכאַנאַנד באַהאַלט ער זיך אויס אין א קעלער בא א באַקאַנטן פּויער. זיין באַוווּ, א ליובאַניטשער באַכער, לויערט אף סוקאַלען. ענדלעך גיט ער צו וויסן:

— באַלד דאַרף ער דורכגיין. איך וועל אים אָפּשטעלן. עס איז נאָך פרי, און קיינער שלאָפט נאָך ניט. דאַרף מען עס מאַכן גיך און שטיל.

פּאַשקאָווסקי קריכט ארויס פון קעלער און שטעלט זיך אונטער א בוים באם פּארקן. זיין ביקס האָט ער מיט זיך ניט גענומען. אין איין קעשענע ליגט א פּיסטאָלעט, אין דער צווייטער — א פּאָר גראַנאַטעס. שיסן טאָר מען דאָ ניט. עס וועט גלייך ווערן א טומל. יאָ, זשע פאַר א טויט טראַכט מען עס צו פאַר אזא הענקער? פאַר וואַניעס אויגן שוועבן דורך זיין טאַטע־מאַמע, זיינע פארפּייניקטע שוועסטער. פון דער גאַנצער מישפּאָכע איז געבליבן איין ברודער — אַסקערקע, וועלכן ס'איז געלונגען פון סוקאַלעס הענט זיך ארויס־רייסן.

וואַניא וויסט דאָ יעדער שטוב, יעדן קוסט. א געדאַנק, ווי א בליץ, לויפט דורך אין קאָפּ: ערגעץ גאָר נאָענט פונדאַנען דאַרף זיין א טיפער פּוסטער ברונעם. איז עפּשער א פּלאַן אים אין ברונעם אריינוואַרפן? אויב די באַגעגעניש וועט פּאַרקומען ניט ווייט פון די הייזער, וועט ער דעם פּלאַן פאַרווירקלעכן.

מע גייט. וואַניא דערקענט זיין באַוועגס שטים:

— הער סוקאַלאָ, אף איין מינוט דאַרף איך אייך, איך האָב אייך עפּעס וויכטיקס צו זאָגן.

וואַניא לויפט אריבער אין צווישן הויף. ווייטער גייט א שמאָל געסל. דאָ שטייען זיי און שמועסן. ווי א קאַץ, גאַנוועט זיך וואַניא אונטער. ווען סוקאַלאָ קערט אויס זיין קאָפּ, באַגעגנט ער זיך מיט א רער פון א פּיסטאָלעט און מיט צוויי ברענענדיקע אויגן. זיי זיינען אים באַקאַנט. ער וויסט, צו וועמען זיי געהערן און וואָס זיי ווילן פון אים. דער באַכער, וואָס האָט ערשט מיט אים אזוי פריינטלעך

געשמועסט, איז שוין אויך גאָר אַן אַנדערער. ער האָט אים פעסט מיט ביידע הענט.

— שטיל! קיין פּיפּס!

וואַניאַ ווייסט, ווו באַ סוקאַלען געפינט זיך דאָס געווער. ער נעמט עס טייקעף צו. ביידע באַוויירים שלעפּן סוקאַלען צום ברונעם, וואָס איז באַ דער שטוב, רעכטס פון וועג פליוב אהין, און מיט די גערטנער, מיטן פעלד — אַוועק אין וואַלד אַהין.

עס איז שווער צו גלייבן, נאָר ס'איז אַ פאַקט: סוקאַלאָ איז געבליבן לעבן. אין אַ צייט אַרום האָב איך געזען דעם ברונעם און זיך בעשום־אויפן ניט געקענט פאָרשטעלן, וויאַזוי דאָס האָט געקאָנט פּאַסירן.

דער באַלעבאָס פון הויף, ווו דער ברונעם איז געשטאַנען, האָט דערהערט, אַז עמעצער איז אַרײַנגעפאַלן אין ברונעם, האָט ער געמאַכט אַ טומל, און שכיינים זײַנען זיך צונויפגעלאָפן. ווען זיי האָבן דערזען, וועמען זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט, זײַנען זיי געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערטע. אַזויפיל צייט האָבן אַלע אַרויסגעקוקט אַפּ סוקאַלעס טויט, און איצט האָבן זיי אַליין מיט די אייגענע הענט אים געראַטעוועט.

סוקאַלאָ איז העכער אַ האַלב יאָר אָפּגעלעגן אין שטאָטישן שפּיטאָל, דערנאָך זיך אומגעקערט, אַ קרומער, אַ צעקאַליעטשעטער, אָבער נאָך אַ גרעסערער אַכזער ווי געווען.

וואָס פאַר אַ האַרצווייטיק דאָס איז געווען פאַר פּאַשקאָווסקין און זײַן באַוועך, קאָן מען זיך פאָרשטעלן.

אין שטאַב איז געקומען פּאַשקאָווסקיס באַוועך און גענומען זיך בעטן:

— גיט מיר צוויי טעג צייט. איך אַליין וועל אָפּטאָן די אַרבעט. מער וועט ער קיין טבֿיעס־האַמיים ניט אופשטיין.

מיר האָבן אים אָפּגעשיקט צו זײַן קאָמאַנדיר. יענער האָט אים נאָך אַ געהעריקן אינסטרוקטאַזש דערלויבט.

אַרום ליובאַניטשי האָבן זיך שוין אַ שטיק צייט פּאַרטיזאַנער ניט באַוויזן. קיין וולאַסאָוויטשי זײַנען געקומען דײַטשן טרײַבן די פּויערים בויען פאַר זיי באַפעסטיקונגען. מיט זיי איז געקומען סוקאַלאָ. דאָס איז געווען אינמיטן העלן טאָג. פאַר וועמען איז דאָ מורא צו האָבן?

א פרוי האָט אים אָפּגעשטעלט. צופעליקע פאַרבײַגייער האָבן געהערט, ווי „זי" האָט געפרעגט בא אים:

— האָסט מיך דערקענט? — דערנאָך האָט „זי" צוויי מאָל נאָכאַנאַנד אויסגעשאָסן.

ביידע קוילן האָבן געטראָפן אין ציל. די „פרוי" האָט אראָפּגעוואָרפן איר קלייד, די פאַטשיילע און היך אויסגעשריגן:

— אַלעמען קענט איר דערציילן, אַז דאָס איז מײַן ארבעט. — און זיך געלאָזט לויפן צום וואַלד.

דעם קאָמאַנדיר האָט ער ראַפּאָרטירט:

— די אויפגאַבע איז אויסגעפילט. סוקאַלאָ איז טויט.

ערעוו באַפרײַונג

1

די רויטע ארמיי, דער ווײַסרוסישער פראָנט איז אריבער אין אָנגריף. אין די מיטיילונגען פון סאָוויינפאָרמביוראָ ווערן שוין דערמאָנט באַקענטע שטעטלעך, דערפער, וואָס אין פיל פון זיי זײַנען מיר ערשט ניט לאַנג געווען. דער פראָנט איז שוין בא ראַהאַטשאָוו, א פּאָר צענדליק קילאָמעטער פונעם אָרט, וווּ מיר געפינען זיך.

אונדזערע שכיינים — גריצאַנס בריגאַדע, לעבעדיעווס פּאָלק האָבן זיך שוין פאַרייניקט מיט די באַפרײַער.

מיר האָבן איינס געוווסט, אַז ביז מיר וועלן ניט באַקומען קיין פאַראָרדענונג פונעם צענטראַלן שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג, טאָרן מיר זיך ניט לאָזן צום פראָנט. עס זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געפרוווט לייזן די פראַגע אָפּ א קוסטאַרישן אויפן, פאַר זיך אַליין, האָט עס זיי טײַער געקאָסט.

אונדזער אָנגרײַפנדיקע ארמיי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין געציילטע עטלעכע קילאָמעטער פון אונדז. ארום שווייבלט און גריבלט מיט דײַטשן. בא אזא קאָנצענטראַציע פון פײַנטלעכן מיליטער איז אונדז נאָך ניט אויסגעקומען צו זײַן. אונדזער לאַגע איז געוואָרן זייער א שווערע. איינס האָט אונדז דערמונטערט: באַלד וועלן אונדזערע געווים ווידער אריבערגיין אין אָנגריף.

דאָס איז געווען אום ווינטער 1944. אויסגעקומען איז אונדז צו וואַרטן ביז דער צווייטער העלפט זומער.

אינגיכן האָבן מיר זיך צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען. נאָך מער, ווי פריִער, אַקטיוויזירט אונדזער טעטיקייט כּיר האָבן, ווי קריִמינאַל פריִער, אַקטיוויזירט אונדזער טעטיקייט און אָנגעבונדן דעם פֿיינט אַזעלכע שלאַכטן, וועגן וועלכע מיר האָבן פריִער אפילו טרוימען ניט געקענט. אונדז האָבן ניט אָפּגע־שטעלט ניט די פאַרלוסטן, וואָס מיר פלעגן האָבן, ניט דער מאַנגל אין שפּייז און אין אָנטאָן. דער פֿיינט האָט געווילדעוועט, דער ווי־דערשטאַנד איז געוואַקסן.

אין דאָרף כּאָמימשי האָט זיך געפֿונען אַ שטאַרקער דייטשישער ביי־פראָנט־גאַרניזאָן. באַנאַכט זיינען מיר אָנגעפאַלן אַף אים, און עטלעכע צענדליק היטלעראָווצעס האָבן דאָ דעם טויט געפונען.

סאָף מאַרט האָבן די דייטשן געטריבן איבערן שאָסיי אַ גרויסע קאָלאָנע ציווילע באַפעלקערונג קיין דייטשלאַנד אַף קאַטאָרגע. מיר האָבן זיי נאָכגעשפּירט און, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעכטיקן אין די דערפער אַלאַ און ווילאַ, זיינען מיר אָנגעפאַלן אַף דער וואַך, פאַרניכטעט זי און די אַרעסטירטע באַפרייט.

עס פלעגן ניט פאַרביי קיין צוויי־דריי טעג, מיר זאָלן ניט אָנ־פאַלן אַף זייערע קאָלאָנעס, וואָס האָבן זיך באַוועגט איבער דער כּאַגיסטראַל באַברויסק־מאָליעוו.

2

עס האָט זיך אויסגעגעבן אַ זוניקער פרילינג־טאָג. שוין דריי טעג, ווי מיר אַלע רוען אָפּ. אַכוץ די אויסשפּירער און ריוועדסאַנט־לער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע פאַרטיזאַנער פון אונדזער פּאָלק. היינט איז בא אונדז יאָמטעוו. צוויי יאָר זיינען אַריבער, זינט אַ קליינע גרופּע פּאַטריאָטן איז אַרויס אין אָפענער שלאַכט קעגן די דייטשישע אָקופּאַנטן. דער אָטריאַד איז זיך צעוואַקסן אין אַ פּאָלק, אין וועלכן עס געפינען זיך הונדערט פינף מיטגליד און העכערע קאָמאַנדירן, הונדערט פינף און צוואַנציק יינגערע קאָמאַנדירן. הונ־דערט פופציק קאָמוניסטן, הונדערט פופצן קאָמיוגיסטן. אויסער דעם האָט זיך פון פּאָלק אויסגעטיילט נאָך פיר אָטריאַדן, וועלכע זיינען אַליין אויסגעוואַקסן אין מעכטיקע שלאַכט־איינסן. שוין צו

רעמ טאג האט דער פאלק, ניט רעכענענדיק די דאזיקע אטריאדנ, פארניכטעט 4472 דײטשישע סאלדאטנ אונ אפיצערנ. א גאנצ סאלידע ציפער.

די פארטײ־ארגאניזאציע פונ פאלק איז פאר דער צײט אויסגעוואקסנ אינ דרײ מאל אונ האט דערצויגנ אזעלכע שרעקלאזע, הויכקוואליפיצירטע אפיצערנ, ווי דעמ קאמאנדיר פונ פאלק בארקאווסקי ס. ד., זײנ פארטרעטער פעטשענ אי. ס., דעמ קאמיסאר דאבראוואלסקי, דעמ שטאב־שעפ מ. דראזד, די כאווײרימ טשערנאוו, וואסיליעוו, דאמאראד, געראסימאוויטש יע., טשײקא יע., אקושעוויטש, סודנאווסקי. מאמעש ווונדער באווײזנ די אויספירער קארזונ, טשאכאטשכאלי, קאלײעווא, פאשקאווסקי, ריבאקאווא, יעראכינ. עס איז פריש דער אנדענק וועגנ די אומגעקומענע העלדנ בעקיש, סילקינ, שטשערביטש, גאלאוואטש יעלענא.

אפ דער פײערונג זײנענ געקומענ געסט פונ אנדערע אטריאדנ, פונ געגנטקאמ פונ פארטײ. אפ דער טריבונע האט מענ אוועקגעשטעלט די פאנ פונ פאלק. מיט פעסטע טריט, אינ גלײכע רייענ האט דורכגעמארשירט א פאלק נעקאמענעמער, גרייט צו נײע שלאכטנ, צו נײע זיגנ.

די שלאכט האט זיכ פארבונדנ אינ געצײלטע עטלעכע טעג ארומ.

סטאלפישטשי, א גרויס, צעווארפנ דארפ, געפינט זיכ ווײט פונ וואלד אונ גאר נאענט לעבנ באברויסק. די 172־טע דײטשישע דיוויזיע האט דא געשאפנ א מינ פראדוקטנ־באזע. אינ שכיינעמדיקע ראיאנענ פארכאפנ זיי דאס לעצטע ביסל פי, וואס איז פארבליבנ בא די פויערימ, אונ שלעפנ אהער. דא האבנ זיי געשאפנ א פוטער־זאוואד, א ווורשט־זאוואד. דא געפינענ זיכ בא צוויי הונדערט דײטשנ. די פראדוקציע פירנ זיי אינ די פראנט־טײלנ. דעמ דאזיקנ גארניזאנ האבנ מיר באשלאסנ צו צעקלאפנ. אזא ערנסטע שלאכט האבנ מיר נאכ ביז אהער ניט פארגענומענ. ארומ געפינענ זיכ פײנטלעכע גארניזאנענ. אינ דער נאכט, ווענ מיר האבנ באשטימט דורכפירנ דעמ אנפאל, האט אינ יישעוו דזערזשינסקאיא, וואס אינ איינ קילאמעטער פונ סטאלפישטשי, זיכ אפגעשטעלט בא א צענדליק טאנקענ. די אפעראציע וועט זײנ געזיכערט, אויב עס וועט זיכ אײנגעבנ אנפאלנ אומגעריכט, אינ איינ אונ דער זעלבער

צײַט אי אפן גארניזאָן, אי אפ די טאנקען, זײ זאָלן זיך פון אָרט ניט קענען רירן.

אפ דזערזשינסקאיא גרײַפט אָן שעווצאָוס אָטריאַד. אונדזער דריטער באטאליאָן — אפ סמאָלפּישטשי, דער ערשטער און צווייטער באטאליאָנען געפינען זיך אין זאסאדעס, ווײַל עס איז ניט אויס־געשלאָסן, אז פון אנדערע גארניזאָנען זאָל מען זיך לאָזן צוהילף די דײַטשן.

די נאכט איז א פינצטערע. פון צײַט צו צײַט מאראקעט א רעגנדל. פאר אונדזער אָפעראציע איז אזא וועטער ווי געווונטשן. עס שפאנען הונדערטער מענטשן, נאָר מיט אזא פאָרזיכטיקײַט, אז מע הערט ניט קיין שאָרך. דער קאָמבאט יעגאָר מאטווייעוויטש טשײַקא פירט אָן מיט דער שטורעם־גרופּע. נאָר איין וואכמאן באווײַזט פארן טויט איין מאָל אויסשיסן. אין איינע אונטערוועש שפרינגען די היטלעראָווצעס ארויס פון די הײַזער. קימאט אין יעדן הויף פארבינדט זיך א געראנגל. אונדזער אויסשפירער קאָוואַ־לענקאָ האָט צווייען געטייט. אפ אים גרײַפן אָן נאָך צוויי. אים צוהילף קומט דער פעטער מישא. צוויי דײַטשן האָבן זיך באהאלטן הינטער אן אווטאָמאשין. זײ שלעפט פון דאָרט ארויס זארעצקי מיט זײַנע קעמפער. איינער, שוין א פארוווּנדעטער, דײַטש שיסט אויס אין פעטער מישא. פון מויל צו מויל ווערט איבערגעגעבן די ביטערע ידיעה: מיכײַלאָ קוקושקין איז טויט.

פון אנטקעגנדיקן הויף שיסט א פײַנטלעכער קוילנוואַרפער. דראָזד באפעלט:

— פארניכטן דעם פײַער־פונקט.

מע טיילט אים מיט: נאָך אין א הויז האָבן די דײַטשן געשאפן א באריקאדע, און מע קאָן זײ נישט פארניכטן. ער לאָזט זיך אהין.

אלץ ארום איז באלויכטן. פון שטאָט זײַנען אהער אָנגעשטעלט א סאך פראָזשעקטאָרן. אין צווייטן עק דאָרף ברענט דער פוטער־זאוואָד. דראָזד באווײַזט ארויסגיין פון איין הויף אין צווייטן, ער טוט זיך א שאָקל, לעבן פארקן פאלט ער אום. צוויי שוועסטער טראָגן אים צום סאניטאר־פונקט. איצט איז, ווי נאָר א געפאר, דאָרט איז בארקאָווסקי.

די אָפעראציע האָט זיך אונדז גלענצנדיק אײַנגעגעבן. דורך

ראדיאָ האָבנ מיר באקומענ א װארעמע באגריסונג־טעלעגראם פונ שעפ פונ צענטראלנ שטאב פונ דער פּארטיזאנישער באװעגונג גענעראל־לײטענאנט פּאָנאָמארענקאָ. ער האָט באַזאַנקט די אָפּיצערנ אונ פּארטיזאנער פונ אונדזער פּאָלק פאר דער דאָזיקער לעצטער שלאכט. דער טויט פונ אונדזערע ליבלינגנ דראָזד אונ קוקושקינ האָט פּארשטערט אונדזער פרײד. אויב איצט שטײענ זײ בײדע פאר מײַנע אויגנ: דער מיטלװוקסיקער, ברײטפּלײציקער פויער מיט דער גרויסער רויטלעכ־געלער באָרד — דער פעטער מישא. מיר דאַכט, איכ הער זײַנ קאָל:

— מײַנע סאָנים װײסנ נאָכ, װוּזט אויס, װײניק די קוקושקינס. צוזאמענ אַפ אײנ ערד װעלנ מיר ניט טרעטנ. אזוי זאָג איכ, מיכײַלאָ, אזוי זאָגנ מײַנע קינדער, אזוי װעט זײַנ.

עמעס, מער טרעט שױנ ניט אַפ דער ערד מיכײַלאָ. נאָר עס לעבנ קוקושקינס קינדער. זײַנ מישפּאָכע זײַנענ מיר אלע — פּאָלקס־נעקאָמענעמער.

נו, אונ דראָזד, דער שעפ פונ שטאב, דער גלענצנדיקער קאָמאנדיר, דער זעלטענער כאװער. צי דענ קענ מענ אזעלכנ פארגעסנ? איכ געדענק זײַנ טרוים:

— אָט װעט זיכ די מילכאָמע פארענדיקנ, װעל איכ אינ א מיליטערישער אקאדעמיע אָנקומענ. אָליא װעט זיכ אינ מיטלשול לערנענ. דו װעסט אַפ אונדזער באסענע קומענ...

גרויס איז דער בראָכ, נאָר ניט מיט קײנ טרערנ קאָנ מענ זײער אָנדענק באערנ. ניט אזא צײַט איז איצט. זײערע קװאָרימ װעלנ פארװאקסנ מיט גראָז, מיט פעלד־בלומענ. אָבער יאָרנ װעלנ אװעק, אונ זײדעס װעלנ זײערע אײניקלעכ דערצײלנ: דאָ ליגנ די, װאָס האָבנ פאר אונדזער גליק געקעמפט.

קײנ ספּעציעלער באפעל איז נאָכ ניט פאראנ, נאָר איכ פארבײַט דראָזדנ אלס שעפ פונ שטאב. שװער איז פאר מיר די ארבעט, אונ גרויס איז די פאראנטװאָרטלעכקײַט, אונ דערצו איז אײנ טאָג אָנגעשטרענגטער פארנ צװײטנ. נאָכ דער שלאכט אינ סטאָלפּישטשי האָבנ זיכ נאָכ ניט אלע פּארטיזאנער צונויפגעזאמלט. מיר האָבנ פארכאפּט א סאכ פערד, בעהײמעס, אָבער װי היט מענ עס אײַנ? עס קאָנצענטרירנ זיכ דײַטשישע טײלנ, װאָס דארפנ הײַנט־מאָרגנ אריבערגײנ אינ אָנגריפ קעגנ אונדז. מיט אומגעדולד קוקנ מיר

אַרויס, עס זאָלן קומען צו פֿליִען אונדזערע אַעראָפּלאַנען צונעמען די פּאַרוואונדעטע, וואָס מיר פֿירן מיט זיך.

3

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין וואַלד אָפּצוּמערקן דעם 1־טן מײַ. אַפֿיצ האָבן מיר אויסגעבויט א טריבונע, אויפֿמערקזאַם הערן מיר אונדזער פֿאַרטרעטער סאַול סאָלאָמאָנאָוויטש דאָברינסקי. פֿאַרענדיקן דעם פֿאַרטראָג האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. אין וואַלד האָבן זיך אַרײַנגעריסן דײַטשן. מיר לאָזן זיך ווײַטער אין וועג. איך פֿאָר זײַט־בײַ־זײַט מיט באַרקאָווסקין. מיר קאָנען נאָך אַלץ ניט צוטראַכטן, ווו זוכט מען ערגעץ אָפּ א זיכער אָרט פֿאַר די פֿאַרוואונדעטע. די דײַטשן גרײַפֿן אָן, מיר טרעטן אָפּ. אָפּן צווייטן טאָג האָבן אונדזערע אויסשפּירער פֿאַרכאַפּט א דײַטשישן יעפֿרייטאָר. מיר דערוויסן זיך: זייער טייל איז געקומען צוהילף דער 172־טער דיוויזיע, וועלכע מיר האָבן אַזוי טיף באַליידיקט. אונדזערע אויסשפּירער אַרבעטן גלענצנדיק. אָפּ מײַן אָרט האָט מען צו זיי געשיקט דעם עלטערן לייטענאַנט באָנדאַראָוויטש. אדאנק די אויסשפּירער ניט זיך אונדז אײַן אויסמײַדן א שלאַכט מיט די דײַטשן אין פֿאַר אונדז אומגינסטיקע באַדינגונגען. עטלעכע מאָל אין טאָג בײַטן מיר די ריכטונג. אָט זײַנען מיר פֿאַרויס פֿון דעם פֿײַנט, און אָט פֿאַרגייען מיר אין טיל, אָדער פֿאַרטײַען זיך גאָר אין דער געדיכטעניש פֿון וואַלד.

די איזאַכאָווצעס האָבן די טעג אין א שלאַכט לעבן קליטשעוו געליטן שווערע פֿאַרלוסטן.

די שלאַכט בײַ וויזשאַרי

1

אין דער זעלבער צײַט האָבן מיר זיך געגרייט געבן דעם פֿײַנט א שלאַכט. דאָס איז געווען א מין סאַכאַקל פֿאַר העכער צוויי יאָר עקזיסטענץ, אַן עכטע דעמאָנסטראַציע פֿון אונדזערע קויכעס, א שלאַכט, וועלכע די אָנטיילנעמער וועלן קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן.

א גאַנצע נאַכאַנאַנד בין איך מיט אונדזער טאָפּאָגראַף דעם אינזשע־

ניער אלעקסאנדער יאקוניג געזעסנ באמ שטעטער אונ געצייכנט די סכעמעס פונ די גארניזאנענ, אפ וועלכע מיר האבנ זיכ געקליבנ אנפאלנ. די שלאכט איז געווענ אנגעמערקט אפנ 22־טנ מײַ. אינ מײַנ טאשנ־בוכ זײַנענ שוינ אנגעווארפנ איינצלנע פונקטנ פונעמ באפעל, וואס מע וועט דארפנ לייענענ פארנ פאלק. אינ די באטא־ליאנענ אונ ראטעס ווערט געפירט א גרויסע צוגרייטונג־ארבעט. די שטימונג איז א גוטע. וואס מער עס ווילדעווענ די דײַטשנ, אלצ שטארקער איז דער ווילנ צו צערעכענענ זיכ מיט זיי. איכ לאז זיכ צו די אויסשפירער, וואס געפינענ זיכ אפ יענעמ באצירק, ווו עס וועט פארקומענ די שלאכט. אינ עטלעכע טעג ארומ קומט אנ אינ דעמ ראיאנ אונדזער גאנצע פארייניקונג.

דער קאמאנדיר פונ פאלק ס. ד. בארקאווסקי, זײַנ געהילפ אי. ס. פעטשענ אונ איכ — דער שעפ פונ שטאב זײַנענ סאפ טאג ארויסגעפארנ רעקאגנאסצירנ דאס ארט, ווו די שלאכט האט גע־דארפט פארקומענ. פונ ראנד וואלד האבנ מיר אויסגעקוקט, וואס אינ דארפ טוט זיכ, מיר האבנ אנגעמערקט אפ די סכעמעס די קאמאנדע־ אונ סאניטאר־פונקטנ.

די לאנקע איז א גרויסע, דאכ קלעקט ניט קיינ ארט פאר די פארטיזאנער פונ אונדזער פארייניקונג. עס רעדט דער קאמאנדיר פונ דער פארייניקונג ס. אי. סווירִיד:

— אונדזער פאלק לאזט זיכ איצט אינ אנ ערנסטער שלאכט. אלע איבעריקע אטריאדנ וועלנ אפ די פלאנגענ אפהיטנ דעמ פאלק, מע זאל אפ אימ ניט אנפאלנ אומגעריכט, ניט דערלאזנ, אז דער בעראוויצער גארניזאנ זאל קומענ צוהילפ די דײַטשנ. דער פאלק האט שוינ ניט איינ מאל דערוויזנ זײַנ קראפט אונ זײַנ ווילנ צו שלאגנ דעמ פײַנט, ווינטש איכ אײַכ אויכ דאס מאל צו זיגנ אונ אומקערנ זיכ אנ פארלוסטנ צוריק אינ אונדזער פארטיזאנישער זאנע.

בארקאווסקי לייענט פאר זײַנ פאלק דעמ שלאכט־באפעל. אלצ איז קלאר, יעדערער ווייסט זײַנ ארט אונ זײַנ אופגאבע. אפ גע־ציילטע מינוטנ קלײַבנ זיכ צונויפ די פארטייער, די קאמיוגיסטנ. די קאמיסארנ אונ פאליט־אנפירער שמועסנ מיט זייערע שלאכט־לײַט. עס פאלט צו די נאכט א פינצטערע אונ א פײַכטע, אזא, ווי מיר האבנ זיכ געווונטשנ.

— א גוטער סימענ, — שפאסט סוויריד. — עס טריפט א רעגנ. אזא וועטער איז געווענ, ווענ מיר זײַנענ אָנגעפאלנ אפ סטאָלפּישטשי.

2

די ערשטע לאָזנ זיכ אינ ווענ די אויסשפּירער. דערנאָכ די ג.פּ.ז. (פאָדערשטע מארש־זאסטאווע). מיר זיצנ שוינ אפ די פערד. ווײַט צעטראָגט זיכ בארקאָווסקיס באפעל. דער פּאָלק רירט זיכ אינ וועג.

אינ די לעצטע מינוטנ זײַנענ מיר געווענ געצווּנגענ בײַטנ אונ־דזער פּלאנ. אינ דאָרפ ווילענקי לעבנ דער מאגיסטראל מאָליעוו—באָברויסק איז געשטאנענ א גרויסער גארניזאָנ. אינ ווזשאָרי — אויכ לעבנ טראקט אונ גאָר נאָענט לעבנ ראיצענטער קיראָוו — זײַנענ געווענ נאָכ מער דײַטשנ. מיר האָבנ באשטימט פארניכטנ דעמ גארניזאָנ אינ ווילענקי אונ צוליב דעמ ניט דערלאָזנ, אז פונ ווזשאָרי זאָל מענ זיי קומענ צוהילפ. לאָזט זיכ אויס, אז שוינ צו ענדע טאָג זײַנענ קימאט אלע דײַטשנ פונ ווילענקי ארויסגעפאָרנ, אונ קײנ ווזשאָרי איז אָנגעקומענ א רעזערוו־באטאליאָנ פונ דער זעלבער 172־טער דיוויזיע, וועלכע מיר האָבנ שוינ איינמאָל געשלאָגנ. בארקאָווסקי באשטימט: אפ צו צעשמעטערנ ווילענקער גארניזאָנ אויסטיילנ איינ ראָטע, אונ מיר אלע זאָלנ אָנגרײַפנ אפ ווזשאָרי. סוויריד קווענקלט זיכ א ווײַלע, דערנאָכ גיט ער זײַנ האסקאָמע. דער דריטער באטאליאָנ (קאָמאנדיר טשײַקא, קאָמיסאר נעראסימאָוויטש) וועט אָנגרײַפנ אפנ דאָרפ, דער צווייטער (קאָמאנדיר אָרעשקאָ, קאָמיסאר דיינעקאָ) — אפנ יִשעוו, וואָס פארייניקט זיכ מיטנ דאָרפ. אלע האָבנ בעשאָלעמ דערגרייכט די אויסגאנג־פּאָזיציעס. די וואכלײַט האָבנ אונדז ניט באמערקט. איצט וואַרטנ אלע אפ דער ראקעטע — דעמ סיגנאל.

דער יִנגערער קאָמאנדיר יעווגעני טשיזשאָנאָק (ווענ ער איז אָנגעקומענ אינ דעמ אָטריאד פרילינג 1942, איז ער אלט געווענ סנאפּע זעכצנ יאָר) לאָזט זיכ מיט א גרופּע אויסשפּירער אינ דאָרפ ארײַנ. זײַנ אויפגאבע: דערקלײַבנ זיכ צומ הײַטשישנ שטאב (אינ וועלכע הײַזער ער געפינט זיכ, איז אונדז באוווסט), אונ ווי נאָר מיר וועלנ אויפהייבנ א פײַער, פארניכטנ דעמ שטאב מיט גראנא־

טעם. דער ציל איז א קלאָרער: איבערלאָזן דעם גארניזאָן אָן א קאָמאנדשאפט. פאר אונדז איז עס ביז גאָר ווירטיק. די, וואָס לאָזן זיך עס אויספילן, ווייסן די ווערט פון זייער ארבעט און פאר־שטייען, ווי גרויס די געפאר איז. מיר וועלן שטורעמען דעם גאר־ניזאָן, ווען זיי וועלן זיך דאָרט געפינען. זיי קענען אומקומען פון אונדזערע קוילן נאָך גיכער, ווי פון דייטשישע. זייער יונגער קאָ־מאנדיר לאָזט פאלן געציילטע פיר ווערטער:

— עס וועט זיין אויסגעפילט!

און זיי פארשווינדן אין דער פינצטערניש.

לעבן אונדז ליגט יעוועגניס פאָטער, דער פארטאָרג פון דער אויסשפיר־ראָטע, ניקאָלײַ איוואנאָוויטש טשיזשאָנאָק. מיר דאכט, איך הער, ווי זיין הארץ קלאפט. שוין דאָס דריטע יאָר, ווי דער טאטע מיטן זון שלאָגן דעם סוינע האנט־בא־האנט.

3

דער זייגער באווייזט אָן איין מינוט צוועלף. בארקאָווסקי גרייט צו זיין ראקעטניצע. ניט מער ווי איין מינוט. און ווי לאנג זי ציט זיך. הילכיק צעטראָגט זיך דער שאָס. מעגלעך, דאָס איז דערפאר, וואָס איך ליג לעבן קאָמאנדיר. די ראקעטע — א גרין שטיקל פייער — שנײַדט דורך די לופט מיט א פײַף. עס רײַסן זיך פון איר אָפּ שפליטערס און דערברענענע שוין אויף דער ערד. וואָהין זי איז דערפלויגן, האָט שוין קיינער ניט געזען. יעדערער איז געווען פארנומען מיט זיין אויפגאבע.

— פייער!

עס שיסן אונדזערע מינענוואָרפער, קעגנטאנקען־געווער, קוילן־וואָרפער, רוסישע און דײַטשישע, פראנצויזישע און טשעכישע. מיר שיסן פון אווטאָמאטן, ביקסן, אָברעזן און אפילע פון פיס־טאָלעטן און נאגאנען. אזא מין פייער האָב איך פאר דער צײַט פון מײַן זיין בא די פארטיזאנער נאָך ניט געזען. פון דאָרט דער־טראָגן זיך עטלעכע שווערע אופרײַסן, דאָס האָבן אונדזערע ארײַנ־געוואָרפן צו די אָפיצערן אין די הײַזער קעגנטאנק־גראנאטעס.

ווידער שוועבט א ראקעטע אײַנדערלופטן. דאָס מאָל — א רויטע. יעדער איינער ווייסט, וואָס זי באדײַט: צום שטורעם, אין

אַנגריפ! אונדזער מעכטיקער „הורא" דערנעענטערט זיכ אַלצ מער אונ מער צומ דאָרפ. ווי א שטורעמ־כוואַליע קומט ער אָנ, אונ ווערט ער אפ אײנ אויגנבליק אָפגעשוואַכט. האַלט אימ אונטער דער עכאָ פונ וואַלד. ווי איז צו דעמ, ווער עס וועט איצט פרוווּנ זיכ אונדז קעגנשטעלנ! אַלע לויפנ מיט אימפעט פאָרויס. אײנער יאָגט איבער דעמ צווייטנ. בא יעדנ איז איצט אײנ געדאַנק: נאָר ניט זײַנ דער לעצטער. יעדער רעגע, ביז דער סוינע איז נאָכ צו זיכ ניט געקומענ, איז איצט טײַער. ווער עס לאָזט אינ גאַנג גראַנאַטעס, ווער עס שלאָגט זיכ דורכ א וועג מיט דער ביקס. די דײַטשנ זײַנענ ווי מע־שוגע געוואָרנ. אינ אײנע אונטערוועש, באָרוועסע, מיט געווער אונ אָנ, אַנטלויפנ זיי, ווי די האָזנ. מיר זײַנענ אָנגעפאַלנ אומגעריכט. קײנ אַלגעמײנע אָנפירונג איז נאָכ בא זיי ניט פאַראַנ.

איכ פרעג באַמ ערשטנ געפאַנגענעמ סאָלדאַט — ער האָט אָפ־געהיט דעמ שטאַב, אימ האָט פאַרכאַפט טשיזשאַנאָק, וואָס איז אַלײנ אינ עטלעכע מינוט אַרומ אומגעקומענ:

— וויפל זײַט איר דאָ פאַראַנ? — ער ציטערט. — שנעלער!

—העכער טויזנט!

— וויפל?

ער כאַזערט איבער.

— ער ליגט, — באַשטימט באַרקאָווסקי.

נאָכ א געפאַנגענער. דער איז אַנ אָפיצער. איכ שטעל אימ די זעלבע פראַגע. דער זעלבער ענטפער, נאָר א מער פינקטלעכער.

אויב אַזוי, איז נאָכ גרעסער דער אימפעט, נאָכ מער די אַק־שאַנעס, נאָכ שטאַרקער אונדזער באַפרידיקונג. מיר שלאָגנ העכער טויזנט דײַטשנ מיטאַמאָל. אַלע געפאַנגענע שטעלנ אײנ פראַגע:

— דאָס איז דער פראָנט געקומענ? איר זײַט רויטאַרמייער?

— יאָ. דאָס איז א פראָנט, וואָס גרייט זיכ באַגעגענענ דעמ פראָנט. דאָס זײַנענ רויטאַרמייער, וואָס גרייטנ זיכ באַגעגענענ אונ־דזער רויטע אַרמיי.

א גרופע דײַטשנ האָבנ זיכ פאַרקליבנ אינ א גרויסער שטוב. פונ דאָרטנ באַשיסנ זיי אונדז מיט א האָגל קוילנ. אונדזערע, וואָס שטורעמענ דאָס הויז, זײַנענ אויסער זיכ פונ צאָרנ. דרײַ קעמפער האָבנ מיר דאָ פאַרלאָרנ, אונ דער פײַער־פונקט איז נאָכ אַלצ ניט פאַרניכטעט. איזי ליאָווינ בעט בא זײַנע כאַווײרימ נאָכ א פאָר

גראַנאַטעס. ער איז קליינוווקסיק און פלינק, ווי א קאַץ. ער ליינט פאַר זײַן קאָמאַנדיר:

— שיסט אין טיר און אין די צוויי פענצטער, איך קריך צום דריטן.

צוויי גראַנאַטעס שלײַדערט ער אהין אַרײַן. עס דערהערט זיך איין אויפרײַס, דערנאָך — א צווייטער. אונדזערע לאָזן זיך צו דער שטוב. נאָר די דײַטשן זײַנען אינגיכן צו זיך געקומען. ווידער פאַלן אונדזערע צו דער ערד. און דאָ געשעט אַזעלכס, וואָס צו־ערשט איז שווער זיך צו גלייבן, אַז דאָס האָט ווירקלעך פּאַסירט. איזי איז דורכן פענצטער, וואָס די גראַנאַטע האָט אַרויסגעזעצט, אַרײַנגעשפּרונגען אין שטוב צו די דײַטשן. ער האָט זיי געזאָגט:

— דאָס געווער קענט איר איבערלאָזן דאָ, און אליין באַפרײַט די שטוב!

זיי האָבן אויסגעפילט זײַן באַפעל. צווייען האָבן זיך פאַרבאַ־האַלטן. האָט זיי דאָס פײַער פון זײַן אויטאָמאַט געפונען.

די שלאַכט האָט זיך פאַרצויגן. אונדזערע פאַרניכטן איין פײַער־פונקט נאָכן צווייטן. אויך מיר האָבן שווערע פאַרלוסטן. עס זײַ־נען אומגעקומען דער קאָמבאַט 2 וואַסילי אָרעשקאָ, דער פּאָליט־אָנפירער טיטאָוו און דער קאָמאַנדיר פון ראָטע פּאַוואַלאַצקי. דער קאָמאַנדיר פון דריטן באַטאַליאָן טשײַקאַ און זײַן פּאַרטרעטער וולאַסיוק זײַנען פאַרוווּנדעט. איינער רעדט אײַן דעם צווייטן, ער זאָל פאַרלאָזן די שלאַכט, נאָר ביידע בלײַבן מיט זייער באַטאַליאָן.

שוין צײַט פאַרלאָזן דאָס דאָרף. אונדזערס האָבן מיר דער־גרייכט. אַף די גאַסן פונעם דאָרף וואַלגערן זיך הונדערטער טויטע דײַטשן. ווײַטער דאָ בלײַבן איז אומזיניק און געפערלעך. צו די דײַטשן קאָן אָט־אָט אָנקומען הילף, און דאַן וועלן די קויבעס זײַן שטאַרק ניט גלײַך. באַרקאָווסקי גיט ווידער א סיגנאַל: אזא ראַ־קעטע רופט מען בא אונדז „בעזעמל". איבערלויפנדיק צעשיט זי זיך אַף פילקאָלירטע פײַערלעך. מיר פאַרלאָזן דאָס דאָרף. שוין אין וואַלד דעריאָגן מיר אונדזערע פאַרוווּנדעטע. אַף וועגענער פירט מען די טויטע. נאָך איינעם א וואָגן גייט נאָך נ. י. טשיזשאַנאָק. הײַנט האָט ער פאַרלוירן זײַן איינציקן זון. מיט וואָס קענען מיר אים טרייסטן? זײַן טרייסט וועט ער זוכן אין שלאַכט.

די פאַרבינדלער אײַלן אין לאַגער אָנזאָגן די רעזולטאַטן. ווען מיר דערקלײַבן זיך אַהין, טרעפן מיר שוין אַ באַגריסונג פונעם פּעקרעטאַר פון געגנטקאָם.

אַזוי איז פאַרגעקומען איינע פון אונדזערע גרעסטע שלאַכטן, אַזוי האָבן מיר אָפּגעהאַלטן איינעם פון אונדזערע באַדײַטנדיקסטע זיגן.

די לעצטע דיווערסיע

1

יעדע נאַכט נעמען מיר אויף עטלעכע אַעראָפּלאַנען. אונדז ברענגען זיי אויפרײַס-שטאָף, געווער, קוילן. אויף צוריק פירן זיי אונדזערע פאַרווונדעטע, קליינע קינדער און אַלטע לײַט. אונדזערע פּליִער האָבן אונדז מאַמעש די הענט צעבונדן. איצט זײַנען מיר ווי אַ געוויינלעכער רעגולערער פּאָלק.

איך האָב באַקומען אַן אויפגאַבע: אַרויסשיקן איין ראָטע אויף אויסשפּירן די אײַזנבאַן-ליניע מאָליעוו—אָרשע. נאָך דעם ווי מע האָט אונדז גענומען באַזאָרגן מיט אויפרײַס-שטאָף, האָב איך זיך אָנגעשטויסן: גיך וועט זיך מיסטאָמע אָנהייבן די רעלסן-מילכאָמע. אַזוי איז געווען.

אונדז איז פאָרגעשטאַנען אַ גרויסער וועג. ווי דאָס פאָריקע מאָל, האָבן אין דער אָפּעראַציע געדאַרפט אָנטיילנעמען אַבסאָליוט אַלע פּאַרטיזאַנער פון אונדזער פּאָלק. עס איז שוין די צווייטע העלפט יוני, נאָר עס איז קעלטער ווי אין אַפּרעל. שוין דער צווייטער טאָג, ווי עס גיסט אַ שלאַקסרעגן. מיר דאַרפן דורכמאַכן יעדן טאָג בײַ פופציק קילאָמעטער. פאַראַן אַזעלכע, וואָס שלעפּן זיך מיט די לעצטע קויכעס, נאָר אָפּשטיין וויל ניט קיינער. דער באַצירק, וווּ מיר וועלן אויפרײַסן די אײַזנבאַן-ליניע, איז ניט ווײַט פון שקלאָוו (צווירקאָוו—אָלכאָווקאַ). לינקס פון אונדז וועט זײַן איזאָכס בריגאַדע. מער פון אַלץ קימערט אונדז דאָס, וואָס מיר וועלן דאַרפן דורכגיין אַ קילאָמעטער פערציק מיטן פעלד. אויב די פײַנטלעכע אַוויאַציע וועט אונדז ניט באַמערקן אַהינצו גייענדיק, וועט זי אונדז זוכן נאָך דער אָפּעראַציע. מיט אַזאַ מאַסע מענטשן

זיכ פארמאסקירנ אינ פעלד וועט זײַנ אומעגלעכ. דורכ ראדיאָ זאָגט מענ אונדז אָנ, אז אויב עס וועט נייטיק זײַנ, וועלנ אונדזערע אעראָפּלאנענ אונדז באַגלייטנ, ביז מיר וועלנ צומ וואלד צוקומענ. דער צוזאָג „אויב עס ויעט נייטיק זײַנ" ווּנדערט אונדז א ביסל. ווי זשע דענ? די הײַטשנ וועלנ אונדז לאָזנ צורי? נאָר מיר באַרויקנ זיכ, ווײַל מיר זײַנענ זיכער: אפ דער „גרויסער ערד" זאָרגט מענ פאר אונדז ניט ווייניקער ווי מיר אליינ.

צו דער אײַזנבאנ־ליניע איז אונדז פארבליבנ א קילאָמעטער דרײַצנ. ווי ווײַט עס איז מעגלעכ האָבנ מיר זיכ פארמאסקירט. דאָ דארפנ מיר אָפּזײַנ ביזנ אָנקומ פונ נאכט. אינ די ארומיקע דערפער לאָזנ זיכ נאָר די אויסשפּירער. קיינ שײַטערס צעלייגנ מיר ניט. דער הימל האָט זיכ אויסגעלײַטערט, עס איז ווארעמער געוואָרנ. פארנאכט לייענ איכ פארנ פאָלק דעמ באפעל. ביז איצט האָט זיכ בא מיר צופעליק פארהיט דאָס בייגעלע פּאפּיר, אפ וועלכנ איכ האָב אימ מיט א בלײַער אָנגעשריבנ.

מיר האָבנ דערגרייכט דאָס לעצטע דאָרפ. פונדאנענ איז פארבליבנ וועלכע אכט הונדערט מעטער צו דער ליניע. עס הערט זיכ א פײַפ פונ א לאָקאָמאָטיוו. אפ אנ אָרט וועט דער צוג זיכער ניט אָנקומענ. ערגעצ וועלנ אימ פּארטיזאנער אופּרײַסנ. אפ אונדזער באצירק געפינענ זיכ עטלעכע דאָטנ. אינ יענער ריכטונג לאָזנ זיכ אונדזערע שטורעמ־גרופּעס. מיר זײַנענ שוינ גאָר נאָענט. מיר ליגנ אונ וואַרטנ. 11,30 — פײַער!

פײַער עפנט די בריגאדע, וואָס איז רעכטס פונ אונדז. פונ לינקס זײַנענ די איזאָכאָוועצעס. עס ציט זיכ א לאנגער פּאס פײַער. עס דאכט זיכ, צו אימ איז גאָר קיינ סאָפּ ניט פאראנ. די אײַזנבאנ־וואכ ווייסט: אומזיסט איז איר ווידערשטאנד. ווער עס באווײַזט, יענער אנטלויפט, די איבעריקע בלײַבנ איבער באמיסטיקנ די ווײַסרוסישע ערד.

עס דערהערט זיכ דער סיגנאל „פּאָרויס!". אלע שרײַענ אויס: „הורא!". דאָס מאָל רײַסנ מיר אופ צוזאמענ מיט די רעלסנ אויכ די מעלעגראפּ־סלופּעס. די ערד קרעכצט אונ ציטערט. אינדערלופטנ פליענ שפּליטערס פונ אײַזנ אונ האָלצ, געמישט מיט פײַער אונ ערד. איצט דערלאנגענ מיר א קלאפּ דעמ סוינע אינ זײַנ סאמע פילבארנ אָרט. צוליב אזא שטיקל ארבעט האָט געלוינט צו ריזיקירנ.

2

די זונ איז נאָכ ניט אופגעגאנגענ, נאָר אפ מיזרעכ האָט זיכ שוינ אפנ הימל באוויזנ א רויטער פאס. מע זעט ניט קיינ איינ וואָלקנדל. קיינ ווינטל טוט ניט קיינ בלאָז. אָט־אָט וועלנ זיכ באַווײַזנ לופט־פּיראטנ. נאָר עס איז געשענ א „נעס". קיינ איינ אעראָפּלאנ באווײַזט זיכ ניט. ארום איז שטיל, אונ נאָר פונ העט ווײַט דערטראָגנ זיכ אהער, עפּעס ווי אנ אָפּהילכ פונ טעמפּע קלעפּ, אופרײַסנ. א שאָד, וואָס אונדזערע ראדיסטנ זײַנענ ניט מיט אונדז. עפשער איז עפּעס אפנ פראָנט געשענ? מיט וואָס זשע נאָכ קענ מענ דערקלערנ, וואָס דער סוינע לאָזט אונדז צורו?

אינ אָוונט דערקלײַבנ מיר זיכ צום טראקט. מיר באוועגנ זיכ זייער פאָרזיכטיק. דאָס אָרט איז ווי געווונטשנ פאר די דײַטשנ, אויב נאָר זיי קלײַבנ זיכ אָנפאלנ אפ אונדז. די אויסשפירער טיילנ מיט: דער וועג איז פרײַ. אפ א פּאָר קילאָמעטער רעכטס אונ לינקס וואַרפנ מיר אום די טעלעגראפ־סלופעס. פאראנ אינ איינ אָרט א בריק. וויפל עס איז נאָר פארבליבנ טאָל, לייגנ מיר אונטער. דער בריק איז אופגעריסנ.

די נאכט איז געוועננ א פריילעכע. אונדזערע האָבנ באָמבארדירט אָרשע, מאָליעוו, באָברויסק.

לויטנ פלאנ האָט דער צוריקמארש באדארפט פארנעמענ מער צײַט. מיר האָבנ גערעכנט זיכ באוועגנ לאנגזאמער. באקומענ האָט זיכ ניט אזוי. עפּעס א מינ פאָרגעפיל האָט יעדנ איינעמ אונטערגעטריבנ צו זיכ אינ קאנט, אינ אייגענעמ ראיאָנ. ווער ווייסט, עפשער זײַנענ שוינ דאָרט אונדזערע?

פארווירקלעכטער טרוימ

ווידער שטייענ מיר ניט ווײַט פונ פּאָפּלאווי, נאָר איצט שוינ ניט אינ וואלד, נאָר אינ די דערפער. דער פראָנט דערנעענטערט זיכ צו אונדז מיט יעדנ טאָג. מיר האלטנ אינ איינ וואָרענענ אונדזערע פארטיזאנער, אז גיכער פאר אלצ וועלנ מיר דארפנ מיט שווערע שלאכטנ זיכ פאראייניקנ מיט דער רויטער ארמיי. מענטשנ זײַנענ גרייט אפ אלצ, אבי וואָס גיכער.

דעם 26־טן יונ באנאכט האָב איך זיך דערוווּסט:

פאַראַן אַ באַפעל. גאַנצפרי טרעטן מיר אַלע אַרויס. אונדזער אופגאַבע: אין דער נאַכט פון 27־טן אָפּן 28־טן יוני פאַרכאַפּן אַפּ א געוויסן באַצירק דעם שאָסיי־וועג באָברויסק—מאָליעוו און אָפּ־שנײַדן דעם וועג די אָפּטרעטנדיקע דײַטשישע טײלן, ביז אונדזער מיליטער וועט זיך דערקלײַבן אַהער. ס'וועט אונדז עפּשער אויס־קומען צו האַלטן זיך אַ שאָ צוועלף.

ווער קאָן עס שלאָפן אין אַזאַ נאַכט? דער שטאַב האָט זיך צונויפגענומען באַם שטעער. מיר ריידן שטילערהייט. עס ווילט זיך ניט מאַכן קיין נערווערע צווישן אַוילעם, זאָל מען בעסער נאָך אַ פּאָר שאָ שלאָפן. עס שטייט פאַר אַ שווערער טאָג.

— יאַקונין, וואָס האָט איר זיך פאַרטראַכט? — פרעג איך בא אונדזער טאָפּאָגראַף.

— אַ שאָד די, וואָס וועלן מאָרגן אומקומען. מיך שרעקט ניט אַזוי דער טויט, ווי עס ווילט זיך פריער אַפּ אַ רויטאַרמייער אַ קוק טאָן. אַרומנעמען אים, צעקושן אים. דרײַ יאָר נאָכאַנאַנד, באַטאָג און באַנאַכט, אַפּ דער וואָר און אין כאָלעם האָט דאָך יע־דערער פון אונדז געטרוימט וועגן דעם, און אָט זײַנען געבליבן געציילטע שאָען, און דער כאָלעם וועט פאַרווירקלעכט ווערן.

איבערן שליאַך, וועלכן מיר דאַרפן דורכגיין, ציִען זיך מענגעס דײַטשן. אונדזערע אויסשפּירער, וואָס האָבן אָנגעטראָפן אַפּ זיי, האָבן עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן. זיי האָבן ניט געענטפערט. דאָס זעט אויס מאָדנע. צוזאַמען מיט איין באַטאַליאָן לאָזן מיר זיך פאַרויס צום שליאַך. די דײַטשן נעמען ניט אָן קיין שלאַכט. זיי צעלויפן זיך. ווען עס דעריאָגן אונדזערע קוילן, יענע בלײַבן ליגן. קיינער קלײַבט זיי ניט אונטער. עטלעכע פאַרכאַפּן מיר לעבע־דיקערהייט.

— וווּהין?

— קיין באָברויסק.

— פונוואַנען?

— פון אונטער ראָהאַטשאָוו, זשלאָבין, פון פאַרשיידענע טיילן: טאַנקיסטן, אַרטילעריסטן, אינפאַנטעריסטן.

זיי לויפן, וווּהין די אויגן טראָגן. לעבן באָברויסק, האָט מען

זיי געזאָגט, וועלן זיך די רויטע אָפּשטעלן. איז מיינען זיי אַהין דערקלײַבן זיך. מיר „העלפֿן" זיי.

פֿונדאַנען הייבן זיך אָן די האַראַדעצער וועלדער. דאָ איז אונדז יעדער סטעזשקעלע באַקאַנט, ווײַל ווער האָט זיי דורכגעלייגט, אויב ניט מיר? באַם שליאַך בלײַבט איבער איין ראָטע, קעדיי די הײַטשן זאָלן אונדז פֿון טיל קיין קלאַפּ ניט דערלאַנגען. אונדזערע אויס־שפּירער זײַנען אַוועק פֿאָרויס. פּאַל־אויסן־בויגן טראָגט זיך איינער צוריק אַף זײַן פֿערד. ער טיילט מיט: באַם בריקל שטייט אַ דײַטשי־שער טייל. מיר צעשיטן זיך איבערן וואַלד, גרייט אָנצונעמען אַ שלאַכט. די אויסשפּירער, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכ־טונג קיין אובאָלאָטיע, אַף לינקס, טיילן מיט: באַם ראַנד וואַלד האָבן זיך אָפּגעשטעלט דײַטשישע טאַנקען. רעכטס פֿון אונדז איז אַ זומפּ. א שיסערײַ הערט זיך פֿון דאָרט, ווו מיר האָבן איבער־געלאָזט אונדזער ראָטע. באַרקאָווסקי וואָרנט (סווירידן מיט קאַמאַרן האָט מען אַרויסגערופֿן אין געגנטקאָם, און אים האָט מען איבער־געלאָזט אַלס צײַטווײַליקן קאָמאַנדיר פֿון דער גאַנצער פֿאַרייניקונג):

— צוריק קיין טראָט!

אַפֿן וועג באַווײַזט זיך אַ גרופּע סאָלדאַטן אין מאַסקיר־קאָמ־בינעזאָנען. דער קאָמאַנדיר פֿון ראָטע פּרישלאָוו שרײַט אויס:

—שטיי!

זיי שטעלן זיך אָפּ. פּרישלאָוו וואָרנט:

— טאָמער גיט איר זיך ניט אונטער, וועלן מיר אײַך אַלעמען פֿאַרניכטן.

אַפֿילו צו אונדז, וואָס מיר זײַנען ווײַטער פֿון זיי, ווי פּרישלאָוו, דערטראָגט זיך אַ הילכיק געלעכטער.

— ווער וועמען וועט עס פֿאַרניכטן! ווער וועמען לייגט עס פֿאַר די הענט אופֿהייבן!

איך בין ניט זיכער, נאָר איך זאָג באַרקאָווסקין:

— זיי זײַנען צו שטאָלץ. צי זײַנען עס ניט קיין אויסשפּירער פֿון דער רויטער אַרמיי?

נאָר הינטער זיי הערט זיך אַ הודזשען פֿון מאַשינעס. פֿונ־וואַנען האָבן זיי זיך שוין אַהער גענומען? אַ פֿאַרבינדלער פֿון שליאַך טיילט מיט: די ראָטע קען ניט אײַנהאַלטן דעם אָנגריף. זי בעט הילף. באַרקאָווסקי באַפֿעלט מיר:

— אפגיכ צום וועג. ער מוז זײַנ אינ אונדזערע הענט!
איכ וועל ניט לייקענענ: מיר האָט זיכ שטארק ניט געוואָלט פאַרלאָזנ דעם פּאָלק אינ אזא מינוט!

פרישלאָוו הייבט זיכ אופ אינ גאנצנ ווּקס. ער לאָזט זיכ פאָרויס.

איינער פונ די סאָלדאטנ לאָזט זיכ אויכ אנטקעגנ אים. אלע פאַרטײַענ דעם אָטעם, אונ פּלוצעם... פּלוצעם האָבנ ביידע זיכ א וואָרפ געטאָנ איינער צום צווייטנ אונ גענומענ קושנ אונ האַלדזנ איינער דעם אנדערנ. בא אונדז אלעמענ האָט, ווי לויט א קאָמאנדע, זיכ ארויסגעריסנ א „הורא!“.

מיט „הורא“-געשרייענ איז פול געוואָרנ דער וואלד, דער גאנ־צער ארום. מענטשנ שרײַענ, מענטשנ וויינענ, מענטשנ ווייסנ ניט וואָס צו טאָנ פונ פרייד. ווער עס קושט די ערד אונ ווער עס שיסט אינדערלופטנ. ווענ מיר האָט זיכ אײַנגעגעבנ דורכצושטופּנ זיכ צו איינעם פונ די רויטארמייער, — איכ שעמ זיכ ניט צו דערציילנ וועגנ דעם, — האָב איכ זיכ צעוויינט.

זייער עלטסטער, א יונגער מאיאָר, בעט זיכ בא בארקאָווסקינ:

— באפעלט אײַערע מענטשנ, זיי זאָלנ מיכ פרײַ לאָזנ אפ א מינוט! איכ מוז זיכ פאַרבינדנ מיט מײַנ קאָמאנדיר.

מיט זיכ האָבנ זיי א טעלעפאָנ-שנור איבער די ביימער געצויגנ. דער מאיאָר שרײַט אינ טרײַבל:

— דאָס בינ איכ — סאָלאָוויי, סאָלאָוויי... — כאוועך גע־נעראל, לעבנ בריקל, אינ איינ קילאָמעטער פונ קאָנסערווירטנ שליאכ (ער ווײַזט אָנ די קאָאָרדינאטנ) האָבנ מיר זיכ פאַרייניקט מיטנ פּארטיזאנישנ פּאָלק אפ קיראָווס נאָמענ. דער וועג איז פרײַ. איכ גיי ווײַטער.

Montreal
JEWISH PEOPLE'S LI...

אינהאלט

אָנהייב וועג 5
אין לאגער 18
ברויט 27
איך בלײַב או אויסשפירער 35
אוסאקינער וועלדער 41
אין א ווײַטן וועג 53
צוריק אהיים 60
מאטאָנעס צו יאָמטעוו 67
פּאָשעטע מענטשן 76
בלאָקירונג 87
פארעטער 96
פעטער מישא 111
מאניא גאָלוביאָווא 124
קאָסטריטשער יוגנט 127
מאקסים דראָזד און די „קליינע" אָליא 131
איינער פון א סאך 142
די באָבע מיטן איינִיקל 156
מאדיארן 162
דאָס אלטע פאַרפאָלק 167
דאָס יִונגעלע מאלטשיק 170
„צינגער" 173
יעדזִעס פאר דער „גרויסער ער־ר" 177
בא רודיאקן 182
פארטיזאנקעס 187
רענדעלס אוטאָמאטן 192
א „ווירטשאפטלעכע" אָפעראציע 198
די רעלסן־מילכאָמע 201
ווידער בלאָקאדע 204
א הונט — א היגטישן טויט 212
ערעוו באפרײַונג 215
די שלאכט בא וויזשאָרי 220
די לעצטע דיווערסיע 226
פארוויִרקלעכטער טרוים 228